STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03642

# DER MIZBEYEH

Sholem Asch

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

שלום אש

# געזאמלטע שריפטן

צוויי און צוואנציקסטער באנד

פארלאג „קולטור-ליגע"ווארשע



שלום אש

# דער מזבח

פאַרלאַג „קולטור-ליגע“ װאַרשע

rinted in Poland

Sz. Asz — Ołtarz

Wyd. Kultur-Liga

Warszawa 1928

געדרוקט אין 1000 עקזעמפּלאַר

Odbito w drukarni „GRAFJA“ Warszawa.

## 1

# אויף דער שיף

ווען דער ערשטער פרימאָרגן האָט נאָך געגרויט איבער דער וועלט, ווען די זון האָט נאָך געהאַט אין זיך די וואַרעמ־קייט פון איר ערשטן האַלבן טאָג, איז אַן אַלטער שייך גע־גאַנגען מיט זיין זון איבער די בערג פון יהודה. אַלט איז דער שייך געווען, זאַט מיט יאָרן, און דאָס קינד איז זיין איינציגער זון געווען; געבוירן געוואָרן צו אים אויף די אַלטע טעג. גע־טראָגן האָט ער שפענדלעך אַ בינטל, אָנגעבונדן אויפן רוקן פון יונג; אַ פלאַקער פייער אין דער האַנט. אַזוי האָט ער דעם יונג געפירט אין לאַנד מוריה. פונדערווייטנס האָט ער דעם באַרג דערזען, דעם באַ־ג, וואָס קוקט אַראָפ הינטן אויף אַ טאָל; און אויף דעם שפיץ באַרג ליגט אַ גרויסער פעלזנשטיין — אַ ברייטער, לאַנגער, פלאַטשיגער שטיין, מיט רינעס און שפאַלטן אויסגעהאַקט אין אים. פונקט אַ פאַסיג אָרט פאַר דעם צוועק. האָט ער פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז דאָס „אָרט". האָט ער גע־זאָגט צום יונג:

— קום, מיין קינד.

האָט דאָס יינגל געפרעגט:

— וואוהין גייען מיר, פאָטער?

האָט דער אַלטער שייך געענטפערט:

— אַ קרבן ברענגען צו גאָט.

האָט דאָס יינגל געפרעגט:

— און וואו איז דאָס שעפּסל, פֿאָטער? האָלץ און פֿייער האָבן מיר פֿאַרן קרבן. אָבער דאָס שעפּסל וואו איז?

האָט דער אַלטער פֿאָטער אָפּגעענטפֿערט:

— דאָס שעפּסל, דאָס שעפּסל, מיין קינד, וועט שוין גאָט אַליין אָנווייזן, און ער האָט געגלעט דעם יונג איבער דעם נאַקעטן אָפּגעשוירענעם קאָפּ, וואָס געשוירן האָט ער אים בעפאָר ער האָט אים פֿאַר אַ קרבן געפֿירט צו גאָט...

און פֿון דעמאָלט אָן וויל זיך דאָס בלוט אויפֿן מזבח נישט איינשטילן.

שוין טויזנטער און טויזנטער יאָרן, זייט דער ערשטער קרבן איז אויף דעם מזבח געפֿירט געוואָרן, ציען זיך שטראָמען בלוט צום מזבח, צו יענעם פֿעלזנשטיין, וואָס ליגט אויף „איינעם פֿון די בערג אין לאַנד מוריה".

אַמאָל איז דער פֿעלזנשטיין געווען באַדעקט מיט גאָלד, און אַ הערלעכע פֿאַנטאַסטישע געביידע, וואָס איז באַשטאַנען פֿון גאָלדענע שוועלן און זיידענע פּרוכתן האָט אַרומגערינגלט דעם פֿעלזנשטיין. און איבער דער גאָלדענער פּלאַטע האָט זיך געגאָסן אַן אומאויפֿהערלעכער טייך פֿון בלוט פֿון אָקסן און שעפּסן, און רינדער און טויבן, אין די שפּאַלטן אַריין, אין די הינטערגרונטן — אַן אויסלייז פֿאַר די מענטשלעכע זינד; מענטשלעכע פֿאַרלאַנגען, לויב־געזאַנגען צו גאָט. ביז אַ מעכטיגער שונא איז געקומען און האָט אַרונטערגעריסן די הערלעכע פֿאַנטאַסטישע געביידע איבער דעם שטיין; אַרונטערגעריסן די גאָלדענע באַדעקנס, און דעם שטיין באַגראָבן אונטער בערג מיסט — אויף אַלע אייביקייטן. אָבער קוים איז נאָר אָפּגעקילט געוואָרן דאָס בלוט פֿון די בהמהשע קרבנות, וואָס האָט זיך געגאָסן איבער דעם שטיין, האָט שוין באַלד ווידער דער „מזבח" זיך אָנגעהויבן אויפֿצוהויבן פֿון אַש און מיסט, און גערופֿן זיינע „קרבנות". און נייע שטראָמען האָבן זיך איצט געלאָזן צו אים; שטראָמען פֿון נייע קרבנות — מענטשן, וואָס זענען באַשטאַנען פֿון די פֿעלקער, וועלכע האָבן דעם „מזבח" צעשטערט. אָ, ווער קען זיי ציילן? ווער קען זיי אויסרעכענען, יענע מענגעס מענטשן,

מענער און קינדער, פּריצים און פּאַסטוכער, ריטער, טעכטער און בעטנדיגע מאָנאַכן, וואָס האָבן זיך געלאָזט פון די שוואַרצע וועלדער פון בריטאַן און נאָרמאַנד, פון די ליכטיגע רהיינישע ברעגן, פון די האַרבסט־וויינענדיגע פּראָווינצן, איבער די פאַר־וויסטעטע געגנטן, איבער די טונקלסטע וועלדער? וואו, אויף וועלכע וועגן האָבן זיי נישט איבערגעלאָזט שפּורן פון זייערע בלוטיגע פיס־טריט, ראַנגלענדיג זיך מיט רוחות און מכשפות און שדים, וואָס האָבן זיי געוואָלט פאַרהאַלטן אין זייער הייליגער שליחות? איבער אַלע טייכן, איבער אַלע ימים האָבן זיי זיך געשיפט צו טראָגן זייערע לייבער פאַר קרבנות אויף דעם „מזבח”. וועלכער ווינט האָט נישט צעטראָגן די רעשטלעך פון זייערע קליידער און געצעלטן? וועלכער ים האָט זיך נישט געטיילט מיט זייערע פגרים? איבער וועלכן מדבר טריקענען זיך נישט די רעשטן פון זייער געביין? אַזוי דור איין, דור אויס, כישופט דער „מזבח” און רופט זיינע קרבנות פון אַלע טיילן פון דער וועלט. פון יעדן דור אין אַן אַנדער געשטאַלט פאַרלאַנגט דער „מזבח” זיין „מס”, סיי פון גוי, סיי פון ייד.

ווי אַן אָפענע וואונד איז אָפן געשטאַנען דאָס מויל פון דעם „מזבח” איבער אַלע דורות פון אונזער קיום און האָט געפאָדערט דאָס זייניגע. שטאַרבן האָט עס אונז רואיג נישט געלאָזט און לעבן האָט עס אונז נישט געלאָזט. געפאַנגען איז דער מזבח פון אַ פרעמד פאָלק און אַ פרעמדער רעליגיע. ווי אַמאָל, שטייט ער אויך היינט אַרומגערינגלט פון אַ יואונגדערלעכער, אויסטערלישער, פאַנטאַסטישער געביידע, וואָס גאָר די וואַרעמע אילוזיע פון מורה האָט עס געקאָנט אויסטראַכטן. דאָס שענסטע און איידלסטע געהאַמערט אין גאָלד, געשניטן אין העלפאַנטביין, געגאָסן אין מעטאַל, אויסגעזעצט אין מאָזאַיק מיט הימל־בלויע שטיינער — האָבן זיי אים אַרומגעצוימט מיט אַ געוועב פון קינסטלערישע שיינהייטן. דאָך געפאַנגען אין דעם פרעמדן בית־המקדש, ווייל זיך דער „מזבח” נישט איינשטילן. פון פרעמדן בית־המקדש כישופט ער אַרויס — צו די יידן פון אַלע טיילן וועלט, וועלכע שטייען דאָרט אונטן אויף יענער זייט

פון דער לעצטער מויער, ביז צו די פארוואָרפנסטע ווינקלען
פון די סלאווישע וועלדער, פון דעם אזיאטישן מדבר און צו
די לענדער פארוואָרפן איבער דעם גרויסן ים. דערגרייכט דער
כישוף פון „מזבח" פון פרעמדן „בית־המקדש", כישופט און זוכט
דער „מזבח" זיינע קרבנות פון אונז. און מיר ברענגען אים די
קרבנות. פון ערשטן ייד אָן — פון אברהמן ביז צום היינטיגן
טאָג — ציט זיך איין לאנגע קייט פון קרבנות, וואָס מיר ברענ־
ען אויפן „מזבח". פון יצחקן אָן, וואָס האָט געטראָגן דאָס פעקל
.:ענער אויף זיין אקסל צו פארברענען אים, ביז צום לעצטן
„חלוץ", וואָס טראָגט אים אראָפ זיין יינג לעבן און זיינע יינגע
טעג, ביז צו דער לעצטער באלעבאטישער טאָכטער, וואָס ברענגט
אים אראָפ איר יוגנט, איר פרישקייט, איר שיינקייט, צו באַ־
גראָבן ביי שטיינער־האַקן אויף זון־פארברענטע וועגן. ביז צו
דעם לעצטן פוילישן ייד, וואָס אין זיין נאַאיוון גלויבן ווארפט
ער הויז און געוועב און וויל איבערפלאנצן זיין גרויסשטאָטיש
ווייב און זיינע אסימילירטע קינדער אויף די זאמדן פון תל־
אביב.

איין לאנגע שנור פון קרבנות — צו די פיס פון „מזבח".

אָ, ווער וועט איינשטילן דאָס מויל פון „מזבח"?

---

מיט א הארץ פול מיט געבעט האָב איך זיך געלאָזט אין
וועג אריין אויף מיין איצטיגער ארץ־ישראל־רייזע. יעדעס מאָל,
ווען די שיף טראָגט מיך איבער דעם מיטללענדישן ים, ווערט
מיין געמיט אָנגעזאָפּט מיט א ווייטאָגדיגער בענקשאַפט. אין די
פארנאַכטן, ווען די זון לאָזט זיך אין ים אריין, קומט די שעה
פון חסד, ווערן דיר קלאָר זאכן, וואָס דו האָסט פריער נישט
געוואוסט. עס גלוסט זיך דיר צו בעטן צו וועמען. פונקט אזוי
ווי אין דרויסן, אויפן דעק פון דריטן קלאַס, ליגן איצט אויס־
געצויגן אויף זייערע שטיקלעך דיוואנען, אונטער דעם „געצעלט"
וואָס זיי האָבן זיך אויפגעשלאָגן, די מאַכמעדאַנער פון פארשי־
דענע טיילן פון דער וועלט. איך ווייס נישט פארוואָס דאָס איז

אזוי. יעדעס מאָל, ווען ס׳קומט מיר אויס צו שיפן זיך איבער דעם מיטללענדישן ים, ווערט מיין הארץ אָנגעגאָסן, ווי אַ פולער וויינטרויב, מיט געבעט. אַ שעת־הכושר קומט איבער מיר, און איך פיל זיך נעענטער צו די הימלען, ווי אַן אַנדערס מאָל.

צי איז עס דערפאַר, ווייל די וואַסערן פון דעם ים שווענקען זיך אויף ברעגן פון לענדער, אין וועלכע טעמפלען זענען געשטאַנען און געטער האָבן געהויזט? צי דערפאַר, ווייל אויף די אינזלען פון דעם ים האָבן די מעכטיגע פון הימל געוואוינט? צי דערפאַר, ווייל אזוי פיל גאָט־זוכנדע פאַר מיר זענען שוין איבער דעם ים געשוואומען? נאָר עפעס האָט אין זיך דער מיטללענדישער ים גאָטס-פאָרכטיגס. ער איז נישט אזוי פאַרלוירן, וויסט און לעער, שטורעמדיג, ווי דער אָצעאַן, וואָס ווען דו פאָרסט אויף אים. דאַכט זיך דיר, אַז דו האָסט זיך איבערגעגעבן די עלעמענטן אין זייער רשות אריין. דו פאַרלירסט אינגאַנצן אַ צוזאַמענהאַנג מיט ווע‌מען, און דו בלייבסט, ווי די ערשטע, ווידער אין דער מאַכט פון שלעכטע כוחות. דער מיטללענדישער ים איז מילד און רואיג, און ווערט ער פורכטזאַם, ווערט ער דאָס נאָר אויף אַזוי פיל, כדי דיר צו דערמאָנען, אַז דו מיט דיינע כוחות ביסט גאָרנישט: אַז דו מוזסט האָבן אויף וועמען זיך צו פאַרלאָזן.

פונוואַנען קומט דאָס רעליגיעזע געפיל צום מענטשן? צי איז עס נאָר טאַקע דערוואָרבן געוואָרן דורך דעם עגאָיסטישן אינסטינקט פון מענטשן, ווי די מאַטעריאַליסטן ווילן האָבן, כדי אונז צו באַזאָרגן מיט נאָך אַ לעבן און כדי אונז צו באַשיצן פון בייזע גייסטער? ניין! אַז דו זעסט צו אַ זונען־אונטערגאַנג אויף דעם מיטללענדישן ים, און ווען עס קומט איבער דיר דאָס באַדערפעניש פון געבעט, פילסטו, אַז דאָס רעליגיעזע געפיל איז אַ פיל טיפערס און אַ נעענטער־אינערלעכס און דרינגט אַרויס פון אַן איבערגעפילטער מאָס פרייד. גאָט איז נישט אַ באַהיטעניש פון שלעכטס, נישט אַ טייוול אַזעלכער, מיט טויזנטער אָפשרעקנס־קעפ, וואָס די אַלטע מעקסיקאַנער, די אַלטע יאַפּאַנעזער און די כינעזער נאָך ביז היינטיגן טאָג שטעלן אַוועק פאַר די

שוועלן פון זייערע טירן, כדי צו פאַרטרייבן די קליינע טייוואָלים. גאָט — אין ערשטער געשטאַלט. ווי ער איז אַנטדעקט געוואָרן פאַרן אור־מענטש (יעדנפאַלס, אין די ליכטיגע לעגנדער, אין די ליכטיגע ימים, אין וועלכע איך געפין זיך איצט) — איז געוועזן אַן אומניצלעכער צוועק פאַר זיך אַליין. ער איז געוועזן דער אורקוואַל פון פרייד. דורך דעם — די ליבע צו אים, ווי דאָס געזאַנג. דערנאָך ערשט זענען געקומען די קרבנות, די אימה און דער פחד, און די „ניצלעכקייט" פון גאָט, אָפּצוהיטן פון שלעכטס. מיט אַנדערע ווערטער: נישט אונזערע פינסטערע, מיסטעריעזע אינסטינקטן, געירשנט פון פייכטע אור־וועלדער, פון שרעקנס־נעכט, האָבן אויסגעפונען גאָט; נאָר דוקא אונזערע ליכטיגע, פון הימל געגנבעטע, פון גן־עדן־קומענדיגע אינסטינקטן, וואָס ליגן אין אונז — זיי האָבן אויסגעפונען גאָט. און אויסגעפונען האָבן זיי אים נישט פאַר מאַטעריעלע באַדערפעניש, כדי זיי צו באַשיצן. נאָר פאַר אַן אומצוועקלעכקייט, פאַר זיך אַליין, ווי זיי האָבן אויסגעפונען די פרייד, דאָס געזאַנג. דאָס געפיל פון געטלעכקייט פילט זיך אַמשטאַרקסטן ביי אונז, ווען עס איז שמחה ברבים: אין גרויסער אחדותדיגער צוזאַמענגעהעריקייט, ווי מען פילט עס ביים אָנהויב פון פאַרווירקלעכונגען פון יעדער גרויסער אידעע — סיי מעסיאַניש־רעליגיעזער, סיי מעסיאַניש־סאָציאַלער. אין „שמחה-ברבים" דערפילט זיך גאָט פיל נעענטער ווי אין „צרת רבים". אין אַ גרויסער בשותּפותדיגער לייד פילט זיך יעדער מענטש איינזאַם און אַליין; אין גרויסער בשותּפותדיגער פרייד פילט זיך דער יחיד אויפגעלייזט אַלס יחיד און שפּירט זיך נאָר אַ טייל אין גרויסן. דאָס איז דער באַווייז, אַז גאָט איז אַ ליכטיגער אינסטינקט־געפיל, נישט קיין פינסטערער...

איך ווייס נישט, אויב עס וועט לאַנג אָנהאַלטן דער וואָפנשטילשטאַנד, וואָס איך שליס מיט מיין גאָט, נאָך אַזעלכע פאַרביטערטע מלחמות, וואָס איך האָב געפירט קעגן אים. יעדנפאַלס, איז דער מיטללענדישער ים שולדיג אין מיינע געדאַנקען, נישט בחינם זאָגט מען, אַז דער מיטל־ים איז דאָס וויגל פון די גע־

טער. אין דעם מילכיגן בלוי־הויכן נעפל, וואָס פאַרוועבט הימל און וואַסער, ווערן געבוירן די געטער. פון דעם ים־שטויב איז אַרויסגעשוואומען ווענוס. פון דעם וואָלקן־הויף האָט זיך אַרויס־געהויבט צעאוס. דער שפּיץ באַרג פון אָלימפּ איז פאַרהוילן אין די הימלען, רויכערט זיך אין וואָלקן־רויך. און אויף נאַקעטע בערג, וואָס באַהאַלטן זיך נאָך אין וואָלקן־געוועב, איז ביי שעפער־מענטשן געבוירן געוואָרן די וויזיע פון דעם אומגעזעענעם אַל־וועלטלעכן גאָט... איז דען אַ וואונדער, וואָס דאָס געטלעכע האָט באַהערשט אויך מיך און געמאַכט מיך פאַר אַ „רעליגיעזן" אַטעיסט?

וואו דו וועסט מיט גאָט מלחמה האַלטן — אויף די וועלן פון מיטללענדישן ים וועסטו מיט אים שלום שליסן.

## 2

# די פּיראַמידן

עס זענען פאַראַן שטעט, וואָס לעבן זיך אַליין איבער, פּונקט ווי מענטשן. שטעלט אייך פאָר, ווען שעלי וואָלט נישט דערטרונקען געוואָרן אין די בלויע וואַסערן, נאָר געבליבן לעבן און געוואָרן שפּעטער אַ קלעגלעכער ענגלישער באַאַמטער, אָדער אַז בייראָן וואָלט נישט געשטאָרבן אין גריכישן קריג, נאָר געבליבן לעבן און געוואָרן אַ קריגס-קאָרעספּאָנדענט אין אַן ענגלישער צייטונג — דאָס זעלבע איז אויך מיט שטעט. אַ גאַנצע נאַכט בין איך אויף-געווען און געוואַרט צו דערזען, צוזאַמען מיט די ערשטע מאָרגן-שעהן, די לעגענדאַרישע שטאָט אַלעקסאַנדריע, צו וועלכער מיר זענען צוגעשוואומען. וויפל אילוזיעס האָט דער נאָמען נישט אַרויסגערופן אין מיר! אַלעקסאַנדריע, יענע שטאָט, אין וועלכער עס האָט זיך פאַראייניגט דער העלענישער קולט צוזאַמען מיטן יידישן גייסט. די שטאָט פון פילאָ. יענע ווייסע גאַסן, אויף וועלכע עס האָבן שפּאַצירט די פילאָזאָפן מיט זייערע תלמידים, וואָס האָבן זיך צוגעהערט צו זייערע קלוגע רייד - וואָס איז געוואָרן פון איר? אַנשטאָט די גאָלדענע שפּיצן פון די טעמפּלען פון די „אַפּראָדיטן" און „סיביליען". וואָס איך האָב געהאָפט צו אַנטדעקן מיט מיין ערשטן בליק אויף דער שטאָט אין דער מאָרגן-שיין האָב איך אָנגעטראָפן גרויע הויכע שפּייכלערס, פאַרשטויבטע אין זאַמד, אויסגעגעסענע גרויע האָטעל-הייזער; אָפּגעריסענע בלעכענע שילדן — אַ מיש-מאַש פון שפּראַכן און שרייענדיגע ליאַרעמדיגע אויזאַטן...

וואו זענען די רויזן-באַקרענצטע קעפּ פון די פילאָזאָפן? אַנשטאָט זיי - עגיפּטישע באַאַמטע פאַרלאַנגווייליגטע אָנגע-

פּרעסענע, מיט שמוציגע נעגל און אַזיאַטיש פּאַרוואָרלאָזטע, נישט־אויסגעשלאָפענע, נישט געראַזירטע פּנימער; האַלב־אייראָפּעער. דאָס אָנטאָן אויך האַלב־אייראָפּעיש. ברייט־ווייבעריש־ווייסע הויזן, וועלכע זיי פּאַלדעווען זיך שטענדיג אומאָנשטענדיג... באַצירטע, רויטע מונדירן. זיי קוקן דיך אָן, רעדען צו דיר באַהאַנדלען דיך ברוטאַל, מיט אַזיאַטישער נישט־זשעניִרטקייט. און וויפיל זענען זיי דאָ!... און פאַר יעדע קלייניקייט מוזסטו באַצאָלן. איינער נעמט דעם פּאַספּאָרט פון דיין האַנט — צוויי שילינג, אַ צווייטער באַאַמטער עפנט אים אויף — צוויי שילינג, אַ דריטער באַאַמטער קוקט דיר נאָך די עגיפּטישע וויזע — צוויי שילינג, אַ פערטער שרייבט דיר עפּעס אַריין — צוויי שילינג; אַ פינפטער לייגט דיר אַ חתימה -- צוויי שילינג, אַ זעקסטער — גלאַט אַזוי, האַלט ביי דער פּראָצעדור דאָס עגיפּטישע פענדל — צוויי שילינג. אַזוי ווערסטו איבערגעוואָרפן פון האַנט צו האַנט, ווי אַ שטיקל סחורה.

און אַז דו קומסט שוין אַרויס, גאַט צו דאַנקען, אויף דער אַלעקסאַנדריער ברעג, איז אָנשטאָט שאַרן פון רויזן־באַצירטע „אַפראָדיטקעס", וואָס לעבן אין דיין פאַנטאַזיע, אין צוזאַמענהאַנג מיט דער שטאָט, רינגלען דיך אויך אַרום שאַרן פון פאַרווילדעטע, שרייענדיגע און ליאַרמענדיגע האָטעלן־טרעגער, וואָס צערייסן דיך מיט דיין געפּעק אין הונדערטער שטיקער.

אַלעקסאַנדריע, פאַר וואָס בייסטו נישט דיין נאָמען?

* * *

דורך דור־דורות זענען זיי אַרומגעלאָפן, די ווייבער פון מזרח, מיט פאַרהילטע פּנימער, און דו האָסט געמיינט: ווער ווייסט וואָס אונטער דעם שלייער באַהאַלט זיך; וויפל אונטערגעדריקטע תאוה, צוציענדער כּישופדיגער רייץ, וויפיל מיסטעריעזע גלוסטונגען האָט זיך דיר געדאַכט צו פאַרנעמען צוזאַמען מיטן גנבהשן בליק, וואָס האָט פּלוצלינג אַמאָל דורכגעבליקט צו דיר פון אַ פאַרלאָדנט פענסטער, פון אַ מיט רויזן און בלעטער פאַרפלאַנצטן אייזערנעם באַלקאָן, אָדער פון אַ גנבהש

פענסטערל. יעצט, אַז דער שלייער האָט זיך אויפגעהויבן און עס האָט זיך באַוויזן דאָס פּנים — זעסטו, אַז עס איז נאָר געווען די אילוזיע פון פאַרוועלטע פּרוכט, וואָס האָט געוועבט אירע פאַנטאַסטישע פערפומירטע בילדער אין דיר אַליין; געוועבט פון די חלומות, וואָס לעבן אין דיר אַליין. דער שלייער אָבער האָט גאָר נישט געהאַט וואָס צו פאַרהוילן...

פון די מיט גראַטעס באַפעסטיקטע הארעם־פענסטערלעך אין אַלעקסאַנדריע קוקן צו דיר אַרויס ווייבערישע קעפּ מיט געשוירענע האָר „אַלאַ גאַרסאָן". מיאוסע, אָפּגעפאַרבטע, פּרעכע פּנימער פון פראַנצויזישע צווייט־העַנטיגע קאָקעטקעס. און דו האָסט דאָס געפיל, אַז דער אָריענטאַלישער שלייער האָט דיך אָפּגענאַרט די אַלע יאָרן...

די אומאינטערעסאַנטסטע שטאָט אין אָריענט איז אַלעקסאַנדריע. אַ טרוקענע, זאַמדיג־פאַרשטויבטע האַפן־שטאָט, אַ צוזאַמענמיש פון בלאַזירטער אָריענטאַלישקייט מיט פּערפומירטער פראַנצויזישקייט. קיין שפּור נישט פון דער אַמאָליגער פּאַרכישופטער אַלעקסאַנדריע; און אפשר שטייט עס אויך נישט אויף דעם אָרט, נאָר דער נאָמען איז אַ געבאָרגטער.

די באַן לויפט די דריי־שעהדיגע נסיעה, פון אַלעקסאַנדריע קיין קאַירא, איבער דעם פעטסטן פרוכבאַרסטן טאָל פון עגיפטן. עס איז יינגער פרילינג. די ערד איז ערשט באַפרוכפערט געוואָרן פון ניל, וואָס האָט זיך אויסגעגאָסן איבער איר, דו זעסט, ווי די ערד איז פעט און ווייך און רייך פון דער ברכה, וואָס דער ניל האָט איבערגעלאָזט נאָך זיך. ווי מיט אַ געדיכטן שלאָם איז די גאַנצע ערד באַלייגט, און די פעטע רייכע גרינסן וואַקסן דיר אינעם פרייעלעכן גרין כמעט פאַר דיינע אויגן. די שמאָלע קאַנאַלן, וואָס שניידן זיך דורך די פעלדער, לענגאויס פון די וועגן, זענען נאָך פול מיטן וואַסער, וואָס דער ניל האָט זיי אָנגעטרינקען און די טיפּישע עגיפּטישע שיפלעך מיט הויכע קאָלירטע זיגל־מאַסטן שווימען איבער זיי.

עס איז אַ טיפּישע לאַנדשאַפט פון עגיפּטן, און דו זעסט מיט דיינע אויגן אַ לעבעדיגע אילוסטראַציע צו פיל פּסוקים פון

תנ"ך. דו פארשטייסט, פארוואס די אלע סעמיטישע פעלקער האבן אזוי מקנא געווען די עגיפטער מיט זייער ניל. דאס לאנד פארמאגט די גרעסטע מתנה פון אריענט: וואסער, וואסער מיט דער פולער מאס, איבער די ברעגעס. די שפע פון דער ערד גיסט זיך אויס איבער די רייכע לאנקעס, איבער די פעטע בייטן; פיל עגיפטישע קי מיט געהויקערטע רוקנס; אייזלען, קעמלען, שעפסן — און גערעכט איז דער ייד, וואס זאגט דעם וויץ:

— א קונץ א גרויסע האט ער געמאכט, משה, וואס ער האט אונז פון מצרים ארויסגענומען; הלוואי וואלט ער די עגיפטער פון מצרים ארויסגעפירט און אונז איבערגעלאזט...

אין קאירא, די רייכסטע און גרעסטע שטאט פון אריענט, האב איך אנגעטראפן אויף א גרויסן יום-טוב — עס איז דער גריכישער פסח אין אלטן סטיל. און פון קדמונים אן פייערן דעם יום-טוב אלע איינוואוינער פון קאירא — מאכמעדאנער און קריסטן. עס איז דער יום-טוב פון גיין אין סעדער אין גערטנער. די גאנצע שטאט איז אין איין באוועגונג. אומצייליגע לאנגע פלאטפארמען ציען זיך איבער די גאסן, באהאנגען אינ־גאנצן מיט מענטשן, יעדער אראבער פירט ארויס זיין הארעם אויף א פלאטפארם אויסער דער שטאט. ווייבער און קינדער, ווייבער און קינדער — אומצייליגע זענען זיי. קיין שטיקל קאליר נישט, שווארץ פארהילטע ווייבער און ווייס-באקליידטע מענער אדער קינדער. מיט ליארעם און רעש, מיט געוואלטן און געשרייען גיסט זיך יעדע פלאטפארמע איבער פון מענטשן: א פיר בלויז מיט בחורים — ווי ישיבה-בחורים זעען זיי אויס, אין ווייסע, לאנגע העמדער און רויטע מיצקעס, פאכען מיט די שטעקעלעך איבער די קעפ און זינגען שרייענדיג, אז זיי פאר־טויבן דעם טראמוויי-געגרויש. אט איז א פלאטפארם, וואס פירט א הארעם, פיל ווייבער זיצן ווי די הינער אונטער זיך — און ארום זיי צענדליגער קינדער. און די אלע פלאטפארמעס ווערן גע־שלעפט פון קליינע, קליינע אייזעלעך... א רחמנות נעבעך אויף די אייזעלעך, איר קענט גארנישט אויסרעכענען די משאות,

וואָס אַן אייזעלע האָט צו שלעפּן אין אָריענט. קיין צער־בעלי־חיים, קיין איינזעעניש מיט גאָטס באַשעפעניש. מיט אָריענטאַלישער גרויזאַמקייט — בעסער: גלייכגילטיקייט — שלאָגן די אַנטרייבערס מיט דיקע באַמבוס־שטעקעלעך די קליינע חיות, אַז זיי זאָלן שלעפּן די משאות. די גרויזאַמסטע אוממענטשלעכע יסורים טראַכטן זיי אויס פאַר דעם אייזעלע, צו מאַכן אים שפּרינגען אונטער זיין לאַסט. מיט געברענטע נאָדלען מאַכן זיי אַ וואונד דעם אייזעלע אויף זייער אַ געפילפולן אָרט... האַלטן די וואונד עקסטרע אָפן, צוצושטעקן צום פיינלעכן אָרט שטעכעדיגע נאָדלען, אָדער ברענענדיגע גראָזן, כדי צו מאַכן דעם אייזעלע שלעפּן די משא.

אין די רייכע גערטנער, וואס זענען אויפן וועג צו די פּיראַמידן, שטעלן זיך אַממערסטן די וועגענער מיט די מענטשן אָפּ. די גערטנער, די פעלדער זענען שוין אויסגעלייגט מיט מענטשן. יעדע פאַמיליע, יעדער האַרעם באַזונדער. מען ווערט פאַרטויבט פון דעם רעש, פון דעם טאַנץ־קלאַפּעריי, וואס די סאדעוואַסער־פאַרקויפערס קלאַפּן אין זיי. גרויסע שטיקער אייז כישופן דאס אויג און די פאַרחלשטע צונג, פון אומדערטרעגלעכער היץ, צום סאדעוואַסער־קעסל, וואס דער גרויסער, בּרייטער, פאַנטאַסטישער אראַבער טראַגט אויף זיין אַקסל. אַבער דאס אייז איז נאָר פון אויבנאויף און די וואַרעמקייט זאַפּט עס איין ווי אַ שוואָם. דאָס סאָדע וואַסער אליין בלייבט אָן אייז און האָט אַ קאָליר און אַ טעם ווי חלשות־וואַסער. די פעלדער זענען ממש באַזייעט מיט מענטשן, נישט קיין פּיצל פריי גרינס. דאָס גאַנצע גרינס פון די פעלדער. ווי ווייט דאָס אויג קאָן דערגרייכן, איז באַדעקט אָדער מיט שוואַרצע פאַרהילערס פון די ווייבער־קליידער, אָדער מיט בלישטשענדיג ווייס פון די מענערישע הויזן און העמדער. אַ גרויסער פּיקניק. מען טונקט זיך אין עסנוואַרג. אַלערליי פאַרשידענע גרינסן, וואָס די אַראַבער עסן רויערהייט און שלינגען ווי די קי דאָס גראָז. צו זייער לויב מוז מען זאָגן, אַז די אמתע דעמאָקראַטיע הערשט פאַרלויפיג נאָר אין אָריענט. נישטאָ קיין חילוק צווישן קאָליר־

און ראַסע. קוים באַדעקט דיין קאָפּ דאָס רעכט־גלויביגע מאָכ־מעדאַנישע קאַפּל, ביסטו אַ ווילקאָמענער גאַסט ביי די מאָל־צייטן. און ווייסע און שוואַרצע טונקען איין זייערע פינגער אַרויסצונעמען דאָס עסן...

זייער רירנד איז אויך צו זעען ווי זיי באַגייען זיך מיט די בלינדע. אַ בלינדער איז אָנגענומען אין מאַכמעדאַנער לאַנד פאַר אַ הייליגן; צוליב דעם גיבן זיי אַזוי נישט אַכטונג אויף זייערע אויגן, און זיי קימערן זיך דערפאַר גאָרנישט, ווען זיי־ערע אויגן צינדן זיך אָן מיט פאַרשידענע קראַנקהייטן פון זייער קינדהייט אָן. פאַרקערט, אַז אַ קינד ווערט בלינד, האָט עס אַ פאַרטיגע פרנסה, און באַדאַרף שוין נישט זאָרגן. כמעט אַלע בלינדע זעגען אָנגעטאָן ציכטיגער און רייכער פאַר די זעענדיגע, און ווערן געפירט מיט גרויס ליבע פון זייערע באַגלייטערס. איר זעט, אַז די באַגלייטערס באַטראַכטן נישט דאָס אומגייען מיט בלינדע פאַר אַ חוב — נאָר פאַר אַן אָנגענעמע און בכבודע טעטיקייט. דער לויב און די אַכטונג צו די בלינדע פאַלט אויך אויף זיי. אומעטום וואו אַ בלינדער קומט ווערט אים אָפּגע־געבן דעם אויבן־אָן און דער בכבודסטער פּלאַץ. דאָ, אויף די פעלדער און אין די גערטנער, וואו דאָס באַהאַלטענע לעבן פון די הארעמס און די הייזער גיסט זיך אויס אויפן אָפענעם פעלד — זעט מען אָן דעם כבוד און די אַכטונג צו די בלינדע. קוים באַווייזט זיך אַ בלינדער גייט מען אים אַנטקעגן, און יעדע גרופּע און יעדע משפחה רייסט זיך איבער אים און בעט אים אַריין צו זיך — ווי אַ רבין, אָדער אַן אַנדערן בכבודן אורח ביי אונז, ווען ער קומט אין אונזערס אַ שטעטל אַריין.

באַמערקנסווערט איז אויך אין דעם פאָלקס־יום־טוב צו באַטראַכטן די פיגורן פון די עגיפּטער. איר קענט גאַנץ גרינג אונטערשיידן אַן עגיפּטער פון טויזנט אַנדערע ראַסן אַרויס. די עכטע, אמתע עגיפּטער אונטערשיידן זיך מיט דעם וואונדער־באַרן געבוי פון זייערע קערפּערס פון די הונדערטער אַנדערע ראַסן, וועלכע באַפעלקערן דאָס היינטיגע מצרים. די אָפּשטאַ־מיגע פון די אַלטע עגיפּטער זענען נאָך אַזוי שלאַנק און פיין

געשניטן, ווי מען זעט זיי אין די רעליעפען פון די אַלטע עגיפּ־טישע סקולפּטורן און בילדער. זייערע פיגורן זענען אזוי איידל, ווי איידעלע ציפּרעסן; זייערע הענט און פיס זענען לייכט גע־ווארפן און שטאָלץ, און הויך זיצן זייערע שיינע קעפּ אויף די לאנגע העלזער; יעדער פון זיי דערמאָנט אין א יינגן פרעה, אזוי ווי מיר זעען זיי אין די עגיפּטישע טעמפּלען. א שאָד נאָר, וואָס צוליב דער אַראַבישער שוואַרצער קלייד־הילע, מיט וועלכער די עגיפּטישע פרוי איז איינגעהילט, קען מען נישט אויסשיידן און באַמערקן די פיגור פון דער עכטער עגיפּטישער פרוי. דאָס שווארצע הילע־קלייד איז ווי איין אוניפאָרם פאר אלע אַראַבי־שע פרויען. נאָר פונקט אזוי ווי די מענער, מוזן זיך אויך גע־פינען אונטער יענע שווארצע הילעס פרויען־פיגורן, וועלכע דער־מאנען אָן קלעאָפּאטרא און אנדערע עגיפּטישע פּארפירערישע שיינהייטן, וואָס האבן באַזיגט די הערצער פון די שטארקע פון דער ערד...

די פּיראַמידן זע איך שוין דאס צווייטע מאל. א שעה פאָרן מיט אַן אויטאמאביל איבער א נייעם אספאלטישן אַמע־ריקאנער וועג, איבער דער וואונדערבארער אומגעבונג פון קאַהירא, ליגן זיי, אָדער זיי שטייען. און פונקט אזויווי פאר פערצן יאר, לאָזן זיי מיך אויך דאָס מאל איבער קאַלט, גלייכגילטיג— אָן יעדן איינדרוק.

אויף דעם ערשטן אנבליק מאכן זיי אַן איינדרוק, ווי מען וואלט זיי אויפגעשטעלט אויפן ראנד פון מדבר, כדי זיי זאלן מיט זייער שטאַרקייט און גרויסקייט איינהאלטן די זאמדן פון מדבר, אז זיי זאלן זיך נישט אַראפגליטשן אויף דעם פרוכט־בארן עגיפּטישן הינטער־לאַנד. אלס א נוצלעכע און נויטווענ־דיגע זאך האט מען זיי אויפגעשטעלט, ווי א וואנט, איינער אונטער דער אנדערער, פונקט אזויווי א דאמבע פארשטעלט און האלט איין די וועלן פון ים, אז זיי זאלן זיך נישט צו־פלייצן. די פּיראַמידן זענען א דאמבע פארן מדבר. ווארים, וואס איז דען דער מדבר? — א ים וואס איז פארשאָטן געווארן איבער אומבאוואוסטע זינד, און פארוואנדלט געווארן פון א

שטאַרקע קראַפט צו אַן אומפּרוכטבאַרן מדבר. יעדער טראָפּן וואַסער איז מגולגל געוואָרן אין אַ קרישל זאַמד און יעדע וועלע וואַסער — אין אַ וועלע זאַמד. אַז איר שטייט אין דער הויך אויף אַ פּיראַמידע, אָדער אויף אַ זאַמד־באַרג און קוקט ווייט אַריין אין מדבר אַריין — זעט איר, ווי ער פאַרשפּרייט זיך ווי אַ ים איבער אַלע פיר זייטן וועלט און ציט זיך פון מאַראָקאָ און טוניס ביז צו די ברעגן פון אינדיען. די זאַמד־וועלן פון מדבר הויבן זיך און גיסן זיך איבער איינע אויף דער אַנדערער— פּונקט אַזויווי די ים־וועלן. און פּונקט אַזויווי אויפן ים ווערט אַ שטורעם און עס הייבן די פליגלען פון ווינט די וואַסערן פון זייער אָפּגרונט און גיסן זיי צעבויף אין בערג, און שויפלען אונטער זיי טאָלן און גריבער — אַזוי הויבט דער ווינט די זאַמד־וועלן אין דער הויך. דער מדבר שטורעמט. ער שיט זיינע זאַמד־וועלן, זיי בלאָזן זיך אין דער הייך און ווערן צעפאַלן אין שטויב־וואָלקנס: פאַרטרינקען אין זאַמד יעדע שפּראָצונג, יעדן שטיין, יעדן איינעם, וואָס וואַגט דעם קאָפּ אויפצוהייבן איבער דער אויבערפלאַך פון מדבר. און פּונקט אַזויווי די וועלן פון ים, אַזוי ווילן אויך די וועלן פון מדבר באַלד אַרויס פון זייערע גרעניצן. שטורעם־ווינטן טראָגן די וואָלקנס־זאַמד, און פאַרשיטן און פאַרזאַמדן און באַגראָבן דעם גאַנצן גרינעם טאָל, וואָס כּישופט און רייצט און דערפרייט דאָס אויג און דאָס האַרץ מיט זיין וואונדערבאַרן גרין — נאָר די פּיראַמידן־וואַנט, וואָס שטייט ביים ברעג פון ים־מדבר, האַלט איין די זאַמדן אין זייערע קאָרעטעס — און לאָזט זיי נישט אַרויס פון זייערע גרעניצן...

„פיר טויזנט יאָר קוקן אַראָפּ צו אייך פון די פּיראַמידן". נאָר צוזאַמען מיט די פיר טויזנט יאָר קוקט אויך אַראָפּ לאַנגווייליקייט פאַר פיר טויזנט יאָר פון די פּיראַמידן. וואָרים, וואָס זענען שטיינער, מעגן זיי ליגן נאָך אַזוי אויך ווי זיי ליגן, ווען זיי זאָגן גאָרנישט?

פאַר אַ פּאָר וואָכן צוריק איז מיר אויסגעקומען צו זעען נאָכאַמאָל דאָס קליינע טירל פון דער וואָרמסער שול. דאָס קליי-

נע טירל און די אָפּגעטרעטענע שוועל — אין דעם געהאַקטן קרייץ־צוגעדיגן געוועלב איבער דער טיר, און ווי יעדעס מאָל בין איך אויך דאָס מאָל דערציטערט געוואָרן פאַר דעם ערנסט, פאַר דער הייליקייט פון דעם אָרט. איך האָב געזעען די אַלטע ריט וואָס האָבן אָפּגעטרעטן די טרעפּ פון דער שול פאַר טויזנט יאָר; איך האָב געפילט די הענט וואָס האָבן אָפּגעריבן די לייסטלעך פון דעם געזימס; אויף דעם אָרט פון דער מזוזה איז אַ לאָך געוואָרן אויסגעגראָבן בלויז פון די באַרירונג פון די פילע הענט, פאַר די פיל הונדערטער יאָרן.

איך בין געשטאַנען פאַר דעם טירל פון דער וואָרמסער שול און האָב געציטערט פאַר עקסטאַז, פאַר רעליגיעזער פרומקייט, וואָס האָט מיך אַרומגענומען, פאַר אַכטונג און יראת־הכבוד וואָס איך האָב געהאַט פאַר יענע מאַרטירער, וואָס האָבן זיך באַהאַלטן אין דער שול אין דער צייט פון די קרייץ־צוגן — אָדער שפּעטערדיגע צרות פון די אַלע מתפּללים.

און צי עס איז דערפאַר, ווייל די געביידע איז אַ שול און עס רעדט צו מיין פאָרשטעלונג־קראַפט, צו מיין געוויסן, צו מיין געפיל? איך ווער דאָך דערציטערט און באַגייסטערט פון אַ ווינקל פון אַ פּשוטער דאָרף־קירכע, וואָס פרומע פויערשע הענט האָבן עס באַקראַנצט מיט בלומען און רויזן; איך שטיי דאָך מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ און מיט אַ ציטערדיג געפיל פאַר אַן אַלטער גאָטישער קירכע, אָדער אַן אַנדער אַלטע געביידע, אויף וועלכער עס ליגט נאָך דער חן און די פרומקייט אויסגעגאָסן פון מענטשלעכן עקסטאַז. דאָס אָרעמסטע הילצערנע טורעמל פון אַן אַלטער דאָרפישער צערקווע, אָן יעדער באַפּוצונג, רעדט צו אונזער האַרץ פיל מער, ווי די טויטע, הויכע שטיינערדיגע פּיראַמידן.

פאַר וואָס איז עס?

דערפאַר, ווייל די פּיראַמידן זענען נישט געבויט געוואָרן מיט ליבע, אָדער פון אַ קינסטלערישער אילוזיע, נאָר זענען אויסגערעכנט געווען מיט אַ מאַטעמאַטישער פּינקטלעכקייט. אָן יעדער אילוזיע, אָן יעדן קינסטלערישן קאַפּריז. „דער חשבון

איז ריכטיג״, אָבער איינמאָל דעם חשבון אויסגערעכנט, איז דיר שוין נישט מער אינטערעסאַנט. און דערפאר, ווייל זיי האָבן גע־דינט נישט פאַר געטלעכע צוועקן (מעגן זיי נאָך זיין ווי געצנ־דינעריש) — זיי זענען נאָר פאר ריין־עגאָיסטישע און ברוטאַלע צוועקן פון די פרעהס. די פרעהס האָבן געוואָלט באַהאַלטן די ערדישע רעשטן פון זייערע קערפערס אויף אַלע אייביקייטן — האָבן זיי זיך געבויט קברים־פעסטונגען. אין וועלכע זיי האָבן זיך געלאָזט איינמויערן מיט זייערע ערדישע רייכטימער, מיט זיי־ערע געבראָטענע הינער, מיט זייערע פעכערס און פאַרפומען.

אויסערלעך אפשר האָבן זיי אַמאָל געמאַכט אַן איינדרוק, פאַר אויגן וואָס האָבן נישט געזעען קיין הויכע מענטשלעכע בנינים. פאַר אויגן וואָס האָבן געזען דעם אייפל־טורעם און די ניו־יאָרקער הימעל־קראַצערס — מאַכן זיי נישט קיין איינדרוק. אין ניו־יאָרק געפינט מען ביי היינטיגן טאָג פיל העכערע הייזער ווי עס זענען די פיראַמידן, און פיל ברייטערע. און נאָך מער: רער ניו־יאָרקער הימל איז נישט אַזוי הויך, ווי דער עגיפּ־טישער אין מדבר: דורך דעם מאַכן די ניו־יאָרקער הימל־קראַ־צער אַ פיל העכערן איינדרוק ווי די פיראַמידן. און אויסער זיי־ער הויכקייט פאַרמאָגן זיי גאָרנישט. שטעלט אייך פאָר מיט טויזנטער יאָר שפּעטער, ווען, חלילה, ניו־יאָרק וועט אונטערגיין, און עס וועלן נאָר איבערבלייבן אַ פאָר פון די העכסטע הימל־קראַצער, וועט אַ רייזנדער אַמאָל שטיין ביי זיי און קוקן אויף זיי מיט פאַרוואונדערונג, און זאָגן: אָט־אָ־דאָ, אין דעם הויז האָט מען פאַרקויפט העמדער און הויזן, קנעפּלעך און קעמלעך.
— וואָס וועט דאָס זאָגן? — גאָרנישט!

אַזוי שטייסט דו היינט ביי די פיראַמידן און טראַכסט דיר: אָט־אָ־דאָ האט זיך פרעה געלאָזט אויסהאַקן אַ קבר פאר זיך — וועמען גייט עס אָן?

אַז די פיראמידן־געביידעס רופן אַרויס אילוזיעס, רופן זיי אַרויס די שרעקלעכסטע, פינסטערסטע פייניגונגס־אילוזיעס, וואָס די מענטשלעכע פאַנטאַזיע קען זיך נאר פארשטעלן. איר זעט די צענדליגער און הונדערטער טויזנטער שקלאַפן־מענטשן, וואס

זענען געפאנגען געווארן פון זייערע היימען און געבראכט געוואָרן פון די פרעהס צו דעם צוועק, אז זיי זאלן בויען די פיראַמידן, ווי שטענדיג האט דאס שווארצע אַפריקע אַממערסטן ציגעשטעלט קרבנות פאר דעם צוועק. איז איין פּאַרטיי שקלאַפן אויסגעאַרבעט געוואָרן צום טויט, האבן די פרעהס נייע עקספּעדיציעס געשיקט צו דעם שווארצן אפריקע, געפאנגען מענטשן און געשלעפּט זיי אין קייטן אהער. אין קייטן געבונדן, זענען זיי פון די עגיפּטישע אויפזעערס און אַניאָגערס אנגעשמיסן געוואָרן צו דער אַרבייט. מענטשן זענען ביליג געווען, עסן — טייער. האָט מען זיי אזוי לאנג געיאגט מיט דער ארבעט ביז מען האט פון זיי די לעצטע כוחות ארויסגעיאגט. די זאַמדן פון מדבר האבן באַלד די פּגרים צוגעדעקט — אָן באגרעבענישן — און אַנדערע זענען געקומען אויף זייער ארט. אָ, דאס טראַגישע אַפריקע! וויפיל יאָר-טויזנטער ביסטו שוין דאס הפקר-פעלד פאר יעדן רויב-פויגל, דער וואס וויל דיך נאר פאַנגען. פון די ערשטע פרעהס אן ביז צו דעם אַמעריקאַנער נעגער־האַנדל, וואס די גאַטס־פאַרכטיגע פּיוריטאַנער, מיט דער ביבל אין איין האנט און מיט דער בייטש אין דער צווייטער, האבן געטריבן די געבונדענע שקלאַפן אין זייערע שיפן צו פארקויפן זיי...

נאר אויך אנדערע פעלקער האבן זיי געבויט, די פּיראַמידן. אט קוקט צו דיר אַהער „פּתום און רעמסס". עס הויבן זיך אויף פון וואָלקן־זאַמד, ווי רויב־פויגל,צען קעפּ פון פּיראַמידן. יענע האָבן געזאָלט בויען מיינע אייגענע עלטערן אמאָל. איך זע זיי מיט מיינע אויגן. צען געבונדן אין איין שטריק, שלעפּן די גרויסע שטיינער אין דעם הייסן, טרוקענעם זאַמד. און די בייטש פון אויפזעער פאַלט איבער דעם שוייס־אפּגעגאסענעם רוקן פון שקלאַף. זוך, און דו וועסט נאך געפינען די שפּורן פון בלוט, פון פארבלוטיגטע טריט אין דעם הייסן זאַמד. וויפיל יינגע לעבנס האט דער זאמד צוגעדעקט, וויפיל טייכן מענטשלעך בלוט האט דער זאַמד ארום די פּיראמידן אויסגעטרונקען! ניין, די פּיראמידן זענען די שענדלעכסטע מצבות פאר מענטשלעכע פּיין און מענטשלעכע גרויזאמקייט. עס איז דער גרעסטער שאנד־פלעק

אויף דעם מענטשלעכן געוויסן — דער צייכן, ווי ווייט די מענטשלעכע בעסטיע האט געקענט דערגיין.

אָ, וועלכע מעכטיגע האַנט וועט צונויפֿן די שאַנד-שטיינער פון די שקלאַפן-עדות — די פיראמידן — צוזאַמען מיט מענטשלעכער געמיינהייט, מענטשלעכער מיט נידערטרעכטיקייט!

---

אז איך בין צוריקגעקומען אין שטאָט אַריין, איז שוין די זון געווען אונטערגעגאַנגען. די שמשים האָבן גערופן די גאָטספאָרכטיגע צום געבעט, פון די הויכע מעטשעט-טורעמס, מיט אַ זינגענדיג קול. די געלערנטע, מיט די ווייסע בענדער אַרום די רויטע קאַפּלן, האָבן געאיילט אין „בית־המדרש” אַריין, אין עלטסטן אַראַבישן אוניווערזיטעט, צו זייער געבעט און זייער לערנען. די שטאָט האָט זיך אָנגעצונדן מיט אירע טויזנטער עלעקטרישע לאָמפּן. אַ קנאַקן און אַ קנאַלן האָט אויפגעבראָזט די לופט פון די פילע רעוואָלווער־שאָסן, פון די קאַלטע פייערן, וואָס מען האָט אָנגעצונדן און געשאָסן אין אַלע עקן פון שטאָט לכבוד דעם יום־טוב. ראַקעטן האָבן אויפגעקראַכט און אָנגעצונדן די לופט. עס איז געווען אוממעגלעך אויסצוהאַלטן. די גאַנצע שטאָט האָט אויסגעזען, ווי אַ צוזאַמענגעלויף פון ווילדע שבטים. די מענגעס מענטשן האָבן זיך געגאָסן ווי שטראָמען אין די גאַסן — פון די גערטנער, פון די סעדער, פון די פעלדער, פון די פיראמידן, וואו זיי האָבן פאַרבראַכט דעם יום־טוב — אַהיים. די גאַסן פול מיט אהיימקערנדע פלאַטפאָרמען, מיט אָנגעפאַקטע קלינגענדיגע טראַמווייען, מיט פאָרנדע אויף רעדער און רעדלעך. די גאַסן־הייזער האָבן אַרויסגעהאַנגען ברענענדיגע לאָמפּן אויף זייערע טירן... ליכט אין אַלערליי שרייענדיגע גרעלע קאָלירן... פון די קאַפע־הייזער האָבן אַרויסגעדרונגען אין גאַס אַריין בענקנדע, מאָנאָטאָנע אַראַבישע ניגונים, טעמצערינס מיט קלימפּערלעך אויף די פינגער, מיט קלינגענדע טאַצן אין די הענט, האָבן געגעבן זייער בויך־טאַנץ — פאַרשטעלונגען פאַר די אין אַפּגעלאָזנקייט, די פיס אונטער דעם בויך, זיצנדע אַראַבער. רויכערנדיג פון די

פלאשן-ליולקעס, זענען זיי געזעסן אין זייערע ברייטע הויזן, אין זייערע העמדער, און האבן רואיג, מיט גלאנצנדיגע מזרח־אויגן צוגעקוקט זיך צו די אומאנשטענדיגע בויך־באוועגונגען וואס די טענצערינס האבן אויסגעפירט פאר זיי. גארנישט האָבן זיי געזאָגט, גאָרנישט האָבן זיי געקלערט, נאָר בלויז געקוקט מיט די גלאנציגע אויגן און געריכערט פון די פלאשן־לולקעס...

און דאן האָט זיך דער כישוף און דער זנות אויסגעגאָסן איבער די גאסן פון מצרים, און טויזנטער גאסן־פרויען, אָנגעטאָן אין די גלאנצנדיגע פלודערן־קליידער, אנטבלויזט אויף אן אומאנשטענדיגן אופן, האָבן מיט מימיק און בויך־באוועגונגען גערופן די מענער צו זנות און כישוף...

און די ענגלישע אָפיצירן, דעם קעניגס קרוין אויף די היטלען און אויף די ארעמס, האָבן געהיט אָרדענונג צווישן זיי...

## 3

# ירושלים

די נאַכט האָט מיך דורך דער מדבר אריבערגעפירט פון מצרימס אויסגעלאַסענער שטאָט אין דער הייליקסטער שטאָט פון דער וועלט — קיין ירושלים.

עס איז נישט מיין ערשטע „ליבע" מיט ירושלים; און איך באַדויער עס זייער — ירושלים באַדאַרף מען געניסן דאָס ערשטע מאָל, דעמאָלט האָט מען די גאַנצע סענסאַציע, וואָס דיין פאַנטאַזיע פון דיינע קינדער־יאָרן, פון דיינע חדר־יאָרן האָט אויסגעמאָלט פאַר דיר — „ירושלים". עס איז אַזויווי דו לערנסט צום ערשטן מאָל „בראשית", ווען דו ביסט אַ קינד. איך בין שוין צום דריטן מאָל אין דער שטאָט און יעדעס שטעגל און ווינקל, סיי אין דער מויער און סיי אויסער דער מויער, איז מיר באַקאַנט. עס זאָגט זיך נאָר אַזוי — „באַקאַנט". אויסער דער מויער פון ירושלים קאָן מען קענען די שטאָט; ירושלים אין דער מויער איז אוממעגלעך צו קענען — אפילו פאַר איינעם וואָס איז דאָרט געבוירן געוואָרן און וואוינט דאָרט אַלע זיינע טעג. ירושלים אין דער מויער איז אַזויווי אַ לאַבירינט. יאָרן און יאָרן קענסטו וואַנדלען אין דער שטאָט און יעדעס מאָל אנטדעקן נייע הויפן, נייע געסלעך, נייע קירכן, נייע אָפּגעצוימטע, פאַרבאָרגענע, מיסטעריעזע פלעצער, וואָס דו ווייסט נישט צו וועמען זיי באַלאַנגען.

דאָס ערשטע וואָס וואַרפט זיך מיר אין די אויגן איז די גרויסע ענדערונג וואָס איז פאָרגעקומען אין דער שטאָט זייט איך האָב זי צום לעצטן מאָל געזען, פאַר פערצן יאָר. די נייע יפוער גאַס וואָס איז צוגעקומען, וועלכע ציט זיך אַוועק גאַנץ

ווייט אַרויס ביז צו „קעניג דזשאָרזש" גאַס, און נאָך ווייטער, מיט גרויסע ירושלימער הייזער און פיל רייכע געשעפטן, די נייע ברייטע „אַלענביי" גאַס. וועלכע האַלט זיך אין בויען און די נייע ברייטע „קעניג דזשאָרזש" גאַס, וועלכע האַלט זיך אין בויען. מען מוז אָפּגעבן די ענגלענדער אַ לויב. וואָס זיי האָבן זיך נישט פאַרזינדיגט קעגן דעם יידישן ישוב אין ארץ־ישראל — פאַר ירושלים האָבן זיי פיל געטאָן. ערשטנס, האָבן זיי אָפּגעהיט דעם כאַראַקטער פון שטאָט: די נייע גאַסן און הייזער, וואָס בויען זיך, זענען אינגאַנצן אין סטיל פון אַלט־ירושלים. שטאַרקע, מאַסיוו־געבויטע הייזער, פון האַרטן געהאַקטן שטיין. איין איינציגער שאָד, וואָס ביזן היינטיגן טאָג האָט ירושלים נישט קיין איין גאָרטן, קיין איין פאַרק, קיין איין שטיקל בוימער־שאָטן. און דוקא אין ירושלים ווילט זיך אַזוי זעען גערטנער און סעדער און פאַרקן — דאָס גרינס פאַסט זיך אַזוי צו דער זילבענער ווייסער לאַנדשאַפט אַרום. אין אונזער פאַנטאַזיע איז ירושלים שטענדיג איינגעפאסט אין גערטנער. גאָט, וואו זענען יענע פרוכט-גערטנער, אין וועלכע די „זינד" פון ירושלים איז געוואָרן געטריבן, וואָס איבער זיי האָבן די נביאים אַזוי געליארמט און איבער זיי איז די שטאָט הרוב געוואָרן? עס וואָלט זיך געוואָלט אַזוי טועם זיין פון יענע „זינד" און יענע פראכט־גערטנער. וואו זענען די סעדער, אין וועלכע די בנות־ירושלים זענען אַרויסגעגאַנגען יום־כפור צו ווערן אויפגעכאַפּט פון די בחורים? וואו זענען די פרישע קוואלן וואַסער, וואָס פליסן אונטער די טענענבוימער? זאָל דאָס אַלץ נאָר זיין אויפן פאַפיר, אין „שיר־השירים" — געוואַלד. גיט ווידער צוריק ירושלים יענע פאַרוויילונגס־ערטער כאָטש צוליב דעם צו געבן אַ נייעם נביא א געלעגנהייט אויסצוגיסן זיינע שטראָף־רייד אויף ירושלימס טעכטער און אָנצושרייבן אַ נייעם קאַפּיטל ישעיה.

עס וואַרפט זיך אויך אין די אויגן די ריינע אויפהאַלטונג פון שטאט. ווער ס'געדענקט נישט ירושלים פון די טערקישע צייטן, ווען די שטאט איז געווען פאַרוואַנדלט אין אַראבישע מיסטקאַסטנס — מוז זאָגן די ענגלענדער אַ דאַנק. איבערהויפט

ווערט דער אראבישער, אזיאטישער כאראקטער פון דער שטאט פארלוירן. אחוץ די פאר אראבישע געסלעך אין דער אלטער שטאט, — וואס דער האנדל און דער וואנדל דארט, דאס אויסזען פון די קרעמער, פון די געבעלקטע גאסן, פון די באזארן, פון דער זאטל-גאס, פון דער בשמים־גאס, פון דער יווועלן־גאס. וואס דאס איז דאס טיפישסטע מיטל־אלטערישע אראבישע, וואס האט זיך אפשר דערהאלטן ביז איצט — איז די שטאט וואס צעוואקסט זיך, אויסער דער מויער, אן אייראפעישע גרויס־שטאט, און דאך קליין-שטעטיש. א באזונדערער כאראקטער און חן איז אויסגעגאסן אפילו אויף די נייע הייזער און אויף די נייע גאסן וואס בויען זיך אין ירושלים, וואס לאזן נישט די שטאט פארוואנדלען אין א גרויסע שטאט. ערשטנס, וואס עס זענען נישטא קיין טראמווייען אין די גאסן; וואס עס זענען נישטא קיין קינאס, קיין טעאטערס; די געוועלבער טראגן נישט קיין גרויסע שילדן, באלייכטן זיך נישט מיט קיין גרויסע לאמפן; אלץ ווערט געדעמפט, געהאלטן אין צניעות, ווי עס וואלט דרך־ארץ געהאט פאר דעם ארט, אויף וועלכן עס געפינט זיך. די געוועלבער זענען אויך נישט קיין גרויס־קרעמערישע, קיין שרייענדע, ווי דו זעסט עס אין תל־אביב. פיל בוכהאנדלונגען, פיל געשעפטן פון קונסט־זאכן, אנטיקן, טעפיכן, בצלאל־ אויסארבעטונגען, א צוויי, דריי קאפע־הייזער. קיין אראבישע געשעפטן, אדער אראבישע קאפע־הייזער זעט מען כמעט נישט אין דער נייער שטאט. דערפאר אבער איז די שטאט, דורך דער צייט וואס איך האב זי נישט געזען, פיל פארקריסטלעכט געווארן. עס גייט אן א קאנקורענץ צווישן די נאציעס פון דער וועלט, ווער ס'זאל האבן אין ירושלים א העכערן קלויסטער, א ברייטערן האספיטאל. א גרעסערע שולע. ירושלים איז די איינאיינציגע שטאט אין דער וועלט, וואס האט מער שפיטעלער ווי קראנקע, און מער שולן ווי קינדער. די גאנצע וועלט וויל באזארגן ירושלים. זעלבסט־פארשטענדלעך, ווערט דאס נישט געטאן בלויז פאר מצוות און מעשים־טובים. די מלחמה ארום ירושלים האט זיך נאך נישט געענדיגט, זי האלט נאך אן ביזן היינטיגן טאג. אממערסטן אר־

בעט איצט מעשים אין ארץ־ישראל בכלל און אין ירושלים בפרט — מיסאָליני. די גרעסטע שול האָלט ער אויס, און אַן אייגענעם אוניווערזיטעט האָט ער אויסגעבויט — פאַר צוויי אַראַבישע סטודענטן... פון יעדן באַרג קוקט דיר אַראָפּ אַ קלויסטער און אַ שפּיטאָל. די שענסטע און ברייטסטע פּלעצער פאַרנעמען קלויסטערס און שפּיטעלער; די פראַנצויזן ווילן נאָך איבעריאָגן די איטאַליענער. ירושלים איז געוואָרן אַן אויסשטעלונגס־פּלאַץ פאַר דער וועלט. אין דער היים מעגן די איטאַליענער אַרומלויפן מיט צעריסענע הויזן. גאַנצע דערפער און שטעט זענען דאָ אין איטאַליע, וואָס האָבן נאָך ביז היינטיגן טאָג קיין שולע נישט. אַ גרויסער טייל פון דער איטאַליענישער באַפעלקערונג זענען נאָך ביז היינטיגן טאָג אַנאַלפאַבעטן — אָבער אין אָריענט האַלט מען אויס איטאַליענישע שולן, און מען בויט איטאַליענישע שולן פאַר אַראַבישע קינדער אין יעדער שטאָט און שטעטל. אין ירושלים האָבן זיי די העכסטע געביידעס. און איך מוז זאָגן — צי יאָ נאַציאָנאַלער ייד, צי נישט — אַז דו זעסט, ווי די באַשיידענע „אוניווערזיטעט"־געביידע קוקט אַראָפּ פון הר־הצופים, נעמט דיר אַרום אַ צעפרידנהייט און אַ שטאָלצקייט; עס איז אַזוי ווי די געביידע וואָלט דיר געזאָגט: „אין דעם וועט־קאַמף אַרום ירושלים, וואָס די פעלקער פירן, וועלן מיר נישט בלייבן די לעצטע — כאָטש מיר זענען די אָרעמסטע און די שוואַכסטע פון אַלע"...

און דאָך איז ירושלים אַ יידישע שטאָט. די יידישסטע שטאָט וואָס עקזיסטירט אויפן ערד־קוגל. זי איז פיל מער יידישע שטאָט פאַר תל־אביב. כאָטש אין תל־אָביב איז נישטאָ קיין גוי אויף אַ רפואה, און ירושלים איז באַזייט און אַרומגערינגלט פון אַלע מינים רעליגיעס, קירכן און מלוכות. תל־אביב איז אַ יידישע שטאָט פון איין שניט יידן — פון אונזערע יידן, פון סלאווישע און אַביסל דייטשע יידן. תל־אביב איז אַ יידישע „אשכנזישע" שטאָט, — ירושלים איז אַן אַל־יידישע שטאָט. דאָס וואָס ניו־יאָרק איז פאַר דער גאַנצער וועלט, איז ירושלים (נאָר אין אַ פיל שאַרפערן, בולטערן כאַראַקטער) — פאַר די יידן.

קוואַרטאַל־איין, קוואַרטאַל־אויס, גאַס־איין, גאַס־אויס קענט איר מאַכן אַ רונד־רייזע אַרום דעם וועלט־יידנטום. עס איז אַזויווי אַלע קיבוצים פון יידישן ישוב, וואו מיר זעגען נאָר פאַר־שפרייט און צעזייט איבערן גאַנצן ערד־קוגל, האָבן געשיקט זייערע „מוסטערן" קיין ירושלים. עס איז אַזויווי דער גרויסער מזבח־שטיין, וואָס שטייט איצט געפאַנגען אין אַן אַנדער טעמפּל, אויבן, אין דער הויך, אויפן באַרג „מוריה", האָט אַהער געכישופט זיינע גלויביגע פון אַלע מדבריות אַרויס, פון אַלע פינסטערע וועלדער אַרויס, פון אַלע פאַרוואָרפנסטע ימים. פון דער חסידים גאַס צום אונגאַרישן פערטל אין דער בוכאַרער שטאָט, צו דער תימנער שכונה — ווער קען זיי אויסרעכענען? — אין דער בוכאַרער שטאָט קענט איר געפינען גאַסן, וואו עס האָבן געוואוינט יידן פון באַגדאַד אין שכנות מיט קאַווקאַזישע באַרג־יידן, יידן פון פערסיע אין שכנות מיט אַן אונגאַרישן ייד, וואָס קומט פון די קאַרפּאַטן־בערג.

אויף צוויי ערטער קומען זיי זיך צוזאַמען, און איר זעט דעם גאַנצן קראַנץ פון אַלוועלטלעכן יידנטום אין אַלע זיינע פאַרבנרייכע קאָלירן. די עלטערע קענט איר געפינען פרייטאָג־צו־נאַכטס און שבת אין דער פרי ביי דער „כותל־מערבי", און די יוגנט — שבת פאַרנאַכט שפּאַצירן אין דער יפו גאַס.

איך מוז זיך מודה זיין: פון גאַנצן אַלטן און נייעם ארץ ישראל רעדט נאָך צומוואַרימסטן צו מיין האַרץ די „כותל־מערבי". און נישט דאָס וואָס די כותל־מערבי שטעלט מיט זיך פאָר — דאָס הייסט: די לעצטע מויער פון בית־המקדש — איז דאָס וואָס באַוועגט מיך אַממערסטן. ווען דאָס בית־המקדש, אַלס נאַציאָנאַלער סימבאָל, האָט — ווען עס איז — פאַר אונז, מאָדערנע יידן, געהאַט אַ באַדייטונג, קען איך זיך קיין־אופן נישט באַגייסטערן פאַרן בית־המקדש אַלס רעליגיעזן צענטער. ניין, אונז בענקט זיך גאָרנישט צו באַנייען קרבנות... און מיר קענען דעם פּלאַץ גאַנץ גוט איבערלאָזן פאַר אַנדערע רעליגיעס — זאָלן זיי נאָר אונז געבן די מעגלעכקייט צו באַזעצן און צו באַוואוינען די אַנדערע טיילן פון לאַנד. נאָר ווען די „כותל־מערבי" רירט

דיך, איז עס מער די מענטשן וואָס שטייען לעבן איר, ווי די טויטע שטיינער. דער פּאַטאָס פון גלויבן און האָפענונג, די וואַרימקייט פון די טרערן, וואָס ווערן אָפּגעקילט אויף דער טויטער מויער, די הערצער וואָס פּלאַטערן אויף איר, די שטערנס וואָס ווערן געקלאַפּט אָן איר. און זי שטייט ווי אַ מחיצה, ווי אַ טויטע גרעניץ, „ביז דאַנען קענסטו קומען — ווייטער נישט".

יעדעס מאָל ווען איך זע די אַלטע מויער קריג איך דרך־ארץ פאַר די אַלטע יידן וואָס שטייען לעבן איר. גאָט! וויפיל מסירת־נפש, וויפל ווילנס־קראַפט, וויפל גלויבן און אָפּפער־פעיקייט האָבן זיי געמוזט האָבן, אָט די אַלטע יידן, וואָס האָבן זיך געקלאַמערט אַרום דער מויער פאַר דורות און דורות? איר קאָנט זיך פאָרשטעלן די פורעניות און די געברענטע און געהאַקטע צרות, וואָס מ'האָט אָנגעטאָן די יידן צו פאַרטרייבן זיי פון דער מויער?! ווי האָבן זיי זי איבערהויפּט אויסגעפונען, און ווי האָבן זיי זיך איבערהויפּט געוואַגט, אין יענע פינסטערע יאָרן פון מיטלאַלטער, ווען זייער לעבן איז געווען הפקר פאַר יעדן שייגעץ־יינגל, דורכצורייסן זיך דורך געסלעך, וואָס יעדער שטיין איז אַ הייליקייט ביי מעכטיגע פעלקער, און צוקלאַמערן זיך צו דער וואַנד און פאַרוואַנדלען זי אין אַ מקום־קדוש. דער וועג צו דער כותל־מערבי פירט דורך דעם קריסטלעכן פייני־קונגג־וועג, וואו אויף יעדן שטריט שטייט אַ קלויסטער — קענט איר זיך פאָרשטעלן דעם מוט און די געוואַגטקייט וואָס זיי האָבן געמוזט האָבן, דוקא אין די געסלעך זיך צו באַזעצן — און דורך זיי צוצוקריגן זיך צו דער מויער. ערשט נישט לאַנג, פאַר פערצן־פופצן יאָר, האָב איך געזען. ווי אַראַבישע יינגלעך האָבן מיט שטעקלעך און ברענענדיגע גראָז געשלאָגן די אַלטע יידן, וואָס זענען געשטאַנען אין עקסטאַז־געבעט פאַר דער וואַנט. און זיי, אַזויווי זיי וואָלטן נישט געווען געפילט די קלעפּ, אַזוי־ווי זיי וואָלטן גאָרנישט געווען אויף דער וועלט. די אַראַבישע איינוואוינער פון דעם „הקדש"־פּלאַץ, וואָס איז אַרום דער מויער, האָבן אָנגעטאָן די יידן די געברענטסטע און געבראָטנסטע ליידן, אַבי זיי נאָר צו פאַרטרייבן פון דער וואַנט. ווען יידן זענען

געשטאַנען ביי דער וואַנט און געדאַוונט, האָבן זיי דאָס מיסט, דאָס שמוציגע וואַסער ארויסגעגאָסן אויף זייערע קעפּ; דורכגע־פירט דורך דעם ענגן דורכגאַנג, צווישן זייערע הייזלעך און דער מויער, קעמלען, אייזלען; פאַרביי געיאָגט פאַרשידענע הינט — אַלץ האָבן זיי געטאָן, אַבי די יידן צו פאַרטרייבן פון דער מויער. און דאָס איז געווען ערשט אין אונזער צייט, פאַר פערצן, פופצן יאָר, ווען די יידן אין ירושלים זענען געשטאַנען אונטערן שוץ פון די קאָנסולן פון זייערע לענדער; ווי האָט עס נאָך געמוזט אויסזעען אין יענע צייטן, אין יענע יאָרן, ווען די מאַכמעדאַנער זענען געווען די איינציגע הערשער אין דער שטאָט, מעכטיג און שטאַרק אין דער וועלט, און יעדער אַראַבער האָט זיך גע־האַלטן פאַר אַ געוועלטיגער איבער די יידן? האָט אַן אַראַבער אָנגעטראָפן אַ ייד אין דער גאַס, האָט ער אים געגעבן זיין פּאַק, אַז דער ייד זאָל פאַר אים דעם פּאַק אַהיימטראָגן. יידן האָבן געמוזט אַראָפּגיין פון וועג, נישט נאָר פאַר דעם אַראַבער, נאָר אפילו פאַר זיין אייזל, און די אַראַבער האָבן זיי גערופן מיט שפּאָט: „קינדער פון טויט". און דענטסמאָל, אין יענע יאָרן, האָבן זיי די יידן נישט געקענט פאַרטרייבן פון דער מויער. און היינט ווערט דער פּלאַץ ביי דער כותל־מערבי מער אָדער ווייניגער רעספּעקטירט און געאַכטעט פאַר אַ הייליקייט, איז עס נאָר צו פאַרדאַנקען דער עקשנות און אויסגעהאַלטנקייט פון די פרומע יידן.

פאַרשידענע מיטלען האָבן אויסגעטראַכט די יידן צוצוקריגן זיך נעענטער צו דער מויער און וואָס אַמאָל מער איינצונעמען די פעסטונג פון בית־המקדש: היינט האָבן זיי עפּעס אָפּגעדונגען אַ קליין־שטיבל אין דער נאָענט פון דער כותל־מערבי און גע־מאַכט דערפון אַ שולעכל, כדי נאָר פון דאָרט צו קענען איבער־טראָגן פרייטאָג־צו־נאַכטס דעם ארון־קודש מיט די ספרים — צו האָבן אַ מעגלעכקייט צו ליינען די תורה פאַר דער כותל־מערבי.

און אַז עס קומט פרייטאָג אין אָוונט, אָדער שבת אין דער פרי, ווערט דער גאַנצער פּלאַץ פאַר דער כותל־מערבי פאַרוואַנדלט אין אַ גרויסער הערלעכער שול — אויף דער גאַס

דו זעסט דאָרט אַלערליי יידן און הערסט אַלערליי געזאַנגען און ניגונים פון יידישן דאַוונען. עס ענדיגט זיך דער היימישער בעל־הביתישער „לכה דודי", וואָס מיר הערן אין אונזערע שול־געסלעך פרייטאָג פאַרנאַכט פון אונזערע אייגענע יידן, ס'הויבן זיך אָן די אַראַבישע, באַקאַנטע מאָנאָטאָנישע העויות פון די אָריענטאַלישע יידן. עס מישן זיך אויס די קאָלירטע פליושענע פעלערינעס, וואָס הענגען אויפן אַלטן פוילישן שטייגער אויף די אַקסלען פון די פוילישע יידן, צוזאַמען מיט די רייכע אָריענ־טאַלישע קאָלירן פון די ברייטע זיידענע מאַנטלען פון די בוכאַרישע יידן, צווישן זיי — די אָרימע ברידער — די תימנער, מיט די ווייכע העמדער און לאַנגע ציטערדיגע פיאות; דאָ און דאָרט שוין אייראָפּעישע קליידער, אַ קאַפּעלוש און אַ שוואַר־צער ראָק. ווייבערישס ערב־יום־כפורדיגס ווייס, צוזאַמען מיט אָר־ענטאַליש ברייט־קאָלירנדיג, ליכטיג זיידנס. עס ווערט איין סימפאָניע פון פאַרבן און ליכטער. און עס דאַכט זיך דיר, אַז אַמאָל האָט עס אַזוי געמוזט זיין אויף דעם ברייטן, ליכטיגן פּלאַץ, דאָרט אויבן אין דער הויך, אונטער דער מויער, וואו די יידן שטייען איצט. אַמאָל, ווען יידן פון די רייכע רוימישע קאָלאָניעס פון אַלעקסאַנדריע, פון אַנטיוכיה, פון בבל, פון דמשק — זענען זיך צוזאַמענגעקומען אויף אַ יום־טוב אין בית־המקדש אַריין עולה־רגל זיין — און היינט איז עס דאָ אונטן, אונטער דער לעצטער מויער...

און אַזויווי די אַלטע ביי דער כותל־מערבי מישן זיך צוזאַמען, אַזוי מישט זיך צוזאַמען די יוגנט שבת נאָכמיטאָג אויף דער יפו־גאַס. אייגנטלעך איז דאָס אַ רעוואָלוציע, אַ רעוואָלוציע פון דער לעצטער צייט, וואָס די „חלוצים" האָבן אַריינגעבראַכט פון סלאַווישע לענדער. ירושלים, דאָס אָנשטענ־דיגע, דאָס צנועהדיגע, וואו אַלע גייען מיט איינגעהאַלטענע טריט, מיט קליינע שריט, וואו אַלע פילן אויף זיך דעם יאָך פון דער בכבודיגער שטאָט, וואו עס איז נישטאָ קיין טעאַטער, קיין קינאָ, וואו מען באַגניגנט זיך נאָר מיט שטיל־היימישע וויזיטן און וואָס די ענגלענדער האָבן נאָך מער פאַרשטאַרקט און איינ־

געפלאַנצט דעם אנשטענדיגן, כמעט „סנאָבישן" טאָן — זאָל זיך טרעפן אַזאַ זאַך. עס איז ווי די יוגנט וואָלט געוואָלט אַראָפּוואַרפן פון זיך מיט געוואַלד די קייטן פון ציכטיקייט און אָנגעשטענדיקייט פון צבועישער סנאָבישקייט און פאָרמעלער רעליגיעזיטעט — און זי האָט זיך געגעבן אַ גאָס אַרויס איבער די גאַסן פון ירושלים מיט איר גאַנצער יינג־פרייליכער, יינג־ליאַרעמדיגער און יינג־קוואַלנדיגער לעבעדיקייט. די גאַסן פאַרפלייצן זיי; נישט די טראָטואַרן — ממש די גאַסן, די גאַנצע לענג און די ברייט פון דער יפו גאַס, אויף קילאָמעטערס ווייט — איין צונויפגוס פון יוגנטלעכע לייבער, יוגנטלעכע הענט און פיס: לאַכן און פרייד קוואַלט אַהער. און דוקא בחורים מיט בתולות, ווי אַמאָל אין יענע גוטע טעג — אין די גערטנער פון ירושלים. פון אַלע לענדער קומען זיי צוגיין, אַלע שטעטלעך אין פוילן האָבן בייגעשטייערט צו זיי. פון די בערג פון קאַווקאַז און קרים האָבן זיי געבראַכט זייער וואוילערישע יוגנטלעכקייט — דער גאַנצער „גדוד" איז דאָ, אַ נאַקעטער און אַ באָרוועסער, און מיט שמשון־קעפּ פאַרפלייצטע האָר, ספּאָרט־העמדער און ספּאָרט־הויזן, מיט נאַקעטע קניע און נאַקעטע אָרעמס. און די טעכטער פון ירושלים מיט קורצע קליידער און געשוירענע האָר. פאַר ירושלים אפשר שוין צו קורצע קליידער, צו קורץ געשוירענע האָר — נישט איין קרעכץ ווערט געגעבן דערויף. עס פעלן נישט די חרמות, דוקא אין דער יידישער שפּראַך, וואָס די רבנים הענגען אויס אויף די מויערן. ביי די וועגן, לענגאויס די הייזער, אויף די מויערן, אויף די בערגלעך, זיצן די אָריענטאַלישע פּאָטערס און מוטערס, וואָס זענען אַריבערגעקומען פון די בוכאַרישע און תימנישע קוואַרטאַלן, אין זייערע אָריענטאַלישע טראַכטן און באַטראַכטן די „מאָסקאָוויטער". די אָריענטאַלישע יוגנט אָבער זיצט שוין נישט אָפּגעזונדערט אויף די וועגן, זיי זענען שוין אויסגעמישט צוזאַמען מיט דער ירושלימער יוגנט, אין דעם לעבעדיקן געווימל פון פרייד און פרישקייט וואָס טראָגט זיך פון דער יפו גאַס. און נישט איין מוטער פון די בוכאַרישע, תימנישע אָדער באַגדאַדישע יידן — זיצנדיק אַזוי־

ביי דער וואַנט און צוקוקנדיג זיך צו דער „היינטיגער" יוגנט, מוז זיך דערמאָנען אירע אייגענע מיידלשע טעג, און נישט איין קרעכץ רייסט זיך אַרויס איבער דעם יוגנט־לעבן וואָס איז דורכ־געגאַנגען אָן פרייד... אין פינסטערע הארעמס...

## 4

# די דריטע מויער

איך הויב זיך אויף פרימאָרגן אין ירושלים מיט אפּיקורי־ סישע געדאַנקען: נאָך אַלעם, וואָס איז פאַר מיר ירושלים? אַ רעליגיעזע געדעכעניש, ווי פאַר דער גאַנצער וועלט. וואָס גייט זי מיך אָן? און, אַגב, ציען מיר נישט צו ווייט די שניר פון אונזערע זכרונות? אַ פאָלק, וואָס וויל לעבן, טאָר נישט אַזוי פיל און אַזוי ווייט געדענקען. עס איז צייט, אַז מיר זאָלן דורכ־ האַקן און מאַכן אונזער אָנהייב אַביסל שפּעטער, נעענטער צו אונזערע טעג. פונקט אַזויווי מען באַדאַרף פון אַ בוים, וואָס איז צו אַלט געוואָרן, איבערפלאַנצן זיינע צווייגן. נאָך אַלעם לעבן מיר דאָך מער מיט די עטישע און רעליגיעזע באַגריפן פון די ערשטע אשכנזים, איידער פון די פעלאַכישע שבטים, וואָס האָבן דאָ געוואוינט. ווען מיר וואָלטן געווען איבערגעבליבן אין ירושלים, וואָלטן מיר אפשר געווען אין היינטיגן טאָג א שבט, ווי עס זענען די שומרונים. ווער וואָלט אונז געקענט? דאַנקען גאָט, וואָס מען האָט אונז אַרויסגעטריבן פון דעם קליינעם אָרעמען לאַנד, און צוליב דעם האָבן מיר זיך דערהאַלטן ביזן היינטיגן טאָג; צוליב דעם זענען מיר מער מסוגל ווי יעדעס אַנדער פאָלק צו פילן קאָסמאָפּאָליטיש; צו ווערן דער אַוואַנגאַרד פון דעם וועלט־ געדאַנק. ניין. עס איז צייט, זאָג איך, דורכהאַקן, אָפּברעכן דאָס, וואָס איז דאָ געווען, איז געווען פאַר דעד היסטאָרישער צייט, און עס האָט גאָרנישט קיין שום שייכות מיט אונז אַלס נאַציע, אַלס ראַסע. אַלס קולטורעלע מענטשן, נאָר אַלס פאַרנעפּלטע רע־ ליגיעזע באַגריפן. וואָס דאָס „מלכות השמים” האָט צו פאַרטיילן. אָנהייבן באַדאַרף מען ציילן פון די ערשטע אשכנזים: פון א

רבינו גרשום, פון אַ רש״י, פון אַ ר׳ מאיר מרוטענבערג, פון אַ ר׳ יהודה חסיד. זיי האָבן אונז אויס אַזיאַטן געמאַכט און איך איראָפּעער פאַרוואַנדלט. איין ווייב אונז געגעבן, אפשר אויך די שפּראַך געגעבן. מיר זענען סלאַוון, ציי גערמאַנער, ציי וואָס איר פּילט. איך, למשל, פיל אין מיר סלאַווישע מיסטישע אומרואיקייט; איך פיל אין מיר די פייכטקייט פון די סלאַווישע וועלדער. אונזער היינטיגע רעליגיע איז אַן אשכנזישע. דאָס הייסט, מיר לעבן מיט די באַגריפן פון די ערשטע אשכנזים; מיר האָבן פון זיי געירשנט אַפילו אונזערע מיסטישע קבלהסטישע בייגונגען, פון וועלכע דער חסידיזם איז אַרויסגעוואַקסן. און „קידוש השם״ האָבן מיר אויך געלערנט פון זיי. אַלץ, וואָס מיר האָבן ער־וואָרבן, האָבן מיר ערוואָרבן אויסער די גרעניצן פון ארץ־יש־ראל, — וואָס גייט אונז ירושלים אָן?

אַזוי זאָג איך מיר, און איך גיי אין שטאָט אַרויס און וואַנדער אַרום פון איין אָרט אויפן אַנדערן. און אַז איך קום אַ היים צו מיטאָג, פּאַק איך אויס פון מיינע טאַשן שטיינדלעך און גרעזלעך, וואָס איך האָב אָנגעקליבן פון די אַלע ערטער, וואָס זענען מיר טייער און ליב, אַלס זכרון; אַ שטיינדל פון דער כותל מערבי, אַ שטיקל פאַרגלעזערטע מאַרמאָר, וואָס איך האָב אויפגעהויבן פון בית־המקדש פּלאַץ, אַ האַנט פול ערד פון זתים־באַרג, וואו אַהין עס האָבן געטראָגן די פרומע אַלטע יידן פון אַלע צייטן און דורות זייערע אויסגעפייניגטע קערפּערס צו באַגראָבן; אַ פּאָר רויטע מאָן־קעפּעלעך, וואָס איך האָב אָנ־געקליבן אויפן וועג צום קבר רחל — און איך קום מיר פּאָר ווי אַ נאַר, ווי אַן אָרעמער פאַרבליבענער יורש פון רייכע מיוחסדיגע עלטערן, וואָס זיין פאַרמעגן איז אַוועקגענומען. און עס איז אים גאָרנישט איבערגעבליבן, נאָר קברים — גייט ער אַרום אויף די קברים און ציילט זיין יחוס...

קברים! אָבער וואָס וואָלטן מיר געווען אָן די קברים?

דאָס שענסטע, דאָס הערלעכסטע און דאָס רייכסטע, וואָס דער יידישער אוניווערזיטעט פאַרמאָגט ביזן היינטיגן טאָג, איז נאָך אַלץ, ליידער, דער גרויסאַרטיגער אויסבליק אויפן גאַנצן לאַנד, וואָס מען זעט פון הר־הצופים אַראָפּ. פון דעם אוניווערזיטעט־פּלאַץ, דאָס גאַנצע לאַנד אַנטדעקט זיך פאַר דיינע אויגן; דער מדבר יהודה ליגט פאַר דיר אויסגעצויגן ווי אויף דער האַנט; דער ירדן, ווי ער גיסט זיך אין ים־המלח אריין, און הרי מואב — איינגעהילט אין זיידענע אַש־קאָלירגדיגע זונען־געוועבן. פון דער צווייטער זייט די בערג אַרויף צו שכם צו; ירושלים, איינגעפּאַסט אין דער מויער מיט דעם קופּאָל פון דעם מעטשעט, וואָס שטייט אויפן הר־הבית; קעגנאיבער — דער הר־הזיתים מיטן פּנים צום הר־הבית; דער גאַנצער באַרג איז באַשאָטן מיט קברים, קברים און קברים, וואָס ליגן און וואַרטן, אַז גאָט זאָל דערשיינען אויף דער צווייטער זייט און אָנהויבן זיין גרויסן טאָג.

דאָס גאַנצע לאַנד איז וויסט און לעער; אַנדערש האָט עס נישט געקענט אויסזען אין די טעג פון אַברהם, יצחק און יעקב. דאָס גאַנצע לאַנד — בערגיג, מיט געקאָלכטע קעפּ. קיין ביימל, קיין וואַלד, קיין טייך פאַרשטעלט דיר נישט. שטערט דיר נישט די אילוזיע, עס זעט גאָרנישט אויס ווי אַ לאַנד צו וואוינען, נאָר ווי גרויסע פּלאַטפאָרמען, פּלאַטפאָרמען און פּלאַטפאָרמען וואו די אַלע מענטשן זאָלן קומען זיך פאַרזאַמלען אויף די בערג און אויסהערן די פייערדיגע רייד וואָס וועלן קומען פון גאָטס מויל, ווען ער וועט זיך באַווייזן פון הימל איבער זיי. עס איז גאָרנישט קיין מענטשלעך לאַנד מיט זינדיגע בוימער, מיט מענטשלעכע וואַסערן, נישט קיין בהמהש גראָז, וואָס זאָל דערפרייען דיין אויג, קיין גרינס, וואָס זאָל דיך באַרואיגן — אַלעס איז וויסט און לעער — קיין הויז, קיין בוים, קיין מענטשלעכער צייכן — אַלעס דאָ איז אָפּגעגעבן פאַר אַ העכערן, פאַר אַ גרעסערן צוועק, ווי פאַר מענטשלעכע געברויכן.

עס דאַכט זיך, אַז די ווילדע בערג שרייען, שרייען מיט אַן אוממענטשלעכער שטימע. געטלעך טראַגיש זעט אויס די ארץ־ישראל לאַנדשאַפט. נישט בענקענדיג־עלעגיש, ווי ס׳ווינט

צו דיר אַראָפּ אַ סלאַווישע לאַנדשאַפט מיט איר ווייסע וויינענ־דיגע בזשאָזקעס און פאַרנעפּלטע סטאַוון — נאָר אַ טראַגיש אויסזען האָט דאָס לאַנד, ווי אַ געטלעך פייער וואָלט ערשט איבער די בערג אַריבערגעגאַנגען, אויסגעברענט אַלעס מענטש־לעכע פון די בערג און געהייליגט עס פאַר גאָט. און עס דאַכט זיך צו פאַרנעמען דאָס געשריי פון די בערג: פאַרוואָס האָסטו מיך געהייליגט? פאַרוואָס האָסטו מיך אויסגעקליבן פון אַלע טיילן פון דער וועלט פאַר דיין מזבח? איך וויל זינדיג־מעטשלעך זיין, ווי יעדע ערד; ווי יעדע ערד וויל איך טראָגן גרינסן און בוימער און וואַקסן; ווי יעדע ערד וויל איך טראָגן אין מיין שאָטן הייזער און סעדער; ווי יעדע ערד וויל איך געבוירן קינדער — פשוטע, איינפאַכע, זינדיגע מענטשן, נישט קיין משוגענע נביאים, וואָס זאָלן רייסן די בלאָטערס פון זייערע וואונדן! — פאַרוואָס האָסטו מיך געהייליגט?

אין יעדן זונען־אונטערגאַנג, איבער דער גאַנצער וועלט, אַנטפּלעקט זיך גאָט. נאָך מער אין די זונען־אונטערגאַנגען אין ירושלים, אויף די ארץ־ישראלדיגע בערג. עס איז דערפאַר, וואָס די שטיינערדיגע קאַלכדיגע בערג ווערן באַגאָסן מיט אַן אויסטערליש ברענענדיג ליכט פון אַ ציטראָן־קאָליר. די בערג ווערן ממש צוגאָסן און זעען אויס ווי פלאַמענדיגע פייערן און וואַרפן פון זיך אַליין אָפּ שטראַלן פייער. פון דעם ליכט, וואָס גיסט זיך פון הימל און פון דעם ליכט, וואָס גיסט זיך פון די בערג, באַשאַפט זיך אין דער לופט אַ געוועבטע דיקע נעץ שטראַלן־זיילן, וועלכע באַשטייען פון מיליאָנען מיליאַסן פינטע־לעך. די אַלע פייערן צופלאַקערן אַזוי די וועלט, דעם הימל, די ערד, די לופט, די שטיינער. אויף וועלכע דו שטייסט און — דיך אַליין. אַז דו מיינסט, אַז אַלעס איז צוזאַמענגעגאָסן געוואָרן אין פלאַמענדיגע שטראַלן. די וואָלקנס זענען אַראָפּגעקומען אויף דער ערד, די בערג זענען געשטיגן אין הימל, און אַלעס צע־גיסט זיך און טוליעט זיך און ווערט איינגעזונקען אין דעם פלאַמענדיגן אָן־עק און אָן־ענד. דו ווייסט נישט מער, וואו דו געפינסט זיך — צי דו שטייסט אויף דער ערד, צי דו שווימסט

אויף אַ פלאַקערדיגן אינזל־וואָלקן. אַזוי ווערט אַלעס צעגאַנגען און צעגאָסן ווי צעלאָזענע, פייערדיגע בליי — אין דעם ים־פייער אַריין, וואָס גיסט זיך אין אַ לאָך פון הימל אַריין — מיט דעם זונען־באַלעם. און דערנאָך, אַז די זון איז שוין לאַנג, לאַנג אונטערגעגאַנגען, שפּילן זיך נאָך די אָפּשיינען פון די שטראַלן אין דער לופטן אַרום, ווי פאַרבלאָנדזשעטע לעבעדיגע מתים, ווי מענטשן מיט אָפּגעהאַקטע קעפּ, וואָס די ווייסט, אַז זיי האָבן שוין קיין חיות נישט מער. דענסטמאָל ערשט באַשטראַלט זיך די ערד מיט אָפּגעקילטע, דורכגעלויכטענע שאָטנס, וואָס שוועבן פון זיך אַזאַ בענקשאַפט אַרויס, און ציען דיין האַרץ פון דיר — ביז טיף אין דער בלויער נאַכט אַריין.

דאָס איז אַ געוויינלעכער וואָכן־זונען־אונטערגאַנג אין ירושלים. פאַר פרייטאָג פאַרנאַכט האָט די ירושלימדיגע זון אַ ספּעציעלן אונטערגאַנג — אַ שבתדיגן, מער אַ רייכערן און מער אַ מאָראַלישן און אַ נגידישן. עס איז די בענקשאַפט פון אַ כלה אין דער נאַכט פון איר חופּה — וואָס ליגט אין דעם ספּעציעלן פרייטאָגדיגן זון־אונטערגאַנג פון ירושלים. דער זון־אונטערגאַנג פון ערב־יום־כּפּור צו „כל־נדרי”, צוזאַמען מיט די פרייטאָג־פאַרנאַכטן אין אונזערע שטעטלעך. פון אויסגעצוואָגענע בתולות מיט געוואַשענע קעפּ און פון פאַרבענקטע בחורים — האָט די זון אין זיך, ביי איר אונטערגאַנג, פרייטאָג פאַרנאַכט אין ירושלים. אַז די געפינסט זיך אין אירע שטראַלן, דענסטמאָל ווערסטו געלייטערט און געאַדלט, ווי די קאַלטע פינגער פון אַ כלה, וואָס דיין האַנט באַרירט אין דער נאַכט פון איר חתונה...

---

פאַר אַ געוויסער צייט צוריק האָבן יידישע אַרבעטער, בויענדיג אַ וועג הינטער ירושלימער מויער, אַנטדעקט אַ גרויסן פיר־עקיגן שטיין פון דעם טיפּ, פון וועלכע די כותל־מערבי איז געבויט. זיי האָבן גלייך געלאָזט וויסן דערפון דעם יידישן אוניווערזיטעט, מיט דעם ד"ר סיקעלניקאָוו פון דער אַרכעאָלאָ־

גישער אָפּטיילונג. ד״ר סיקעלניקאָוו האָט דערפון געדרונגען, אַז אונטער דעם שטיין מוז זיך באַהאַלטן נאָך אַ קייט פון שטייגער. און ווער ווייסט, צי דאָס וועט נישט פירן צו דער אַנטדעקונג פון דער דריטער מויער, וואָס ווערט דערמאָנט אין יוזעפוס פלאַוויוס, וועלכע דער קעניג אַגריפּוס האָט גענומען אויפמויערן צו באַפעסטיקן ירושלים, און ער האָט געמוזט אָפּשטעלן דאָס בויען פון דער מויער אין מיטן צוליב די רוימערס פאַרבאָט. (נאָר ווי יוזעפוס דערציילט, האָבן זי די יידן, בשעת דעם אויפשטאַנד קעגן די רוימער, פאַרענדיקט און באַפעסטיקט.) ווען ד״ר סיקעלניקאָוו האָט דערפון מיטגעטיילט די קריסטלעכע אַרכעאָלאָגן, מיט וועלכע עסווימלט אין ירושלים, האָבן זיי זיך פון אים אויסגעלאַכט. איבערהויבט האָבן די קאַטוילישע געלערנטע, די פראַנצויזישע, נישט געוואָלט צולאָזן צו דער השערה וועגן דער עקזיסטענץ פון אַ דריטער מויער, וואָרום דענסטמאָל וואָלט דאָס חלילה געשטעלט אין פראַגע די ריכטיקייט פון יעזוסעס קבר, וואָס זאָל זיך געפינען אין דער באַגרעבעניש־קירכע. וואָרים ווי עס איז באַוואוסט, האָט דער יידישער דין פאַרבאָטן אַ קבר אין די מויערן פון דער שטאָט. די אַנטדעקונג פון דער דריטער מוער, וועלכע ליגט ווייט אויסער די מויערן, וואָלט באַשטעטיגט, אַז בשעת יעזוסעס טויט איז די שטאָט געווען פיל גרעסער; און דער אָנגעגעבענער קבר, אין וועלכן פיל קריסטלעכע סעקציעס צווייפלען אויך היינט — וואָלט נאָך מער געווען אַוועקגעשטעלט געוואָרן אין צווייפל, ווייל עס קומט אויס, לויט דעם פּלאַן פון דער דריטער מויער, כמעט אין מיטן שטאָט... אָבער ד״ר סיקעלניקאָוו האָט זיך נישט געלאָזט אָפּשרעקן פון די קאַטוילישע אַרגומענטן. ער האָט זיך גענומען גראָבן. און היינט ליגט אָפן פאַר דער גאַנצער וועלט די קייט פון דער דריטער מויער, וועלכע קוקט אַרויס פון גראָבן פון דער ערד, וואָס יידישע הענט און יידיש וויסן האָבן זי אַרויסגערופן פון דער ערד, כדי עדות צו זאָגן אויף יידישן כבוד. ניין, נישט אַזוי לייכט איז די רוימער אָנגעקומען צו נעמען ירושלים. נישט בחינם דערציילן אַזוי פיל דערפון און גרויסן זיך מיטן

רוימישן נצחון איבער די יידן די רוימישע היסטאָריקער. מיר פאַרשטייען איצט גאַנץ גוט דעם טריאומף־בויגן, וואָס זיי האָבן אויפגעשטעלט לכבוד טיטוסן צו זיין ירושלימדיגן זיג, אַ כבוד, מיט וועלכן די רוימער זענען נישט געווען אַזוי פריייגעביג פאַר אַנדערע גיבורים. קוקט און זעט די דריטע מויער, און איר וועט פאַרשטיין יידישע געשיכטע.

פון די שפּאַלטן פון דער ערד קוקט זי אַרויס ווי אַן אַרויסגערופענער גייסט, און זי האַלט אין אירע הענט די האָר מיט די שטיקער הויט, וואָס זי האָט אַראָפּגעריסן פון קאָפּ פון איר באַצווינגער, אין איר געראַנגל פאַר איר כבודס וועגן. צווישן אירע ציין און איר טויט מויל האַלט זי די אָפּגעביסענע פינגער פון דעם „זיגערס” האַנט, וואָס זי האָט אָפּגעביסן אין איר קאַמף פאַר איר באַפרייאונג. דאָס בלוט פון אירע בתולים איז אויסגעגאָסן אויף אירע שטיינער און זאָגט עדות, אַז ווירדיג זענען זיי געווען, די העלדן, וואָס זענען געשטאַנען אויף איר...

איינע אין איינע ליגן די שטיינער. גרויס, מעכטיג און מאַיעסטעטיש — און גיבן דיר אָפּ אַ גרוס, אַז נישט די גאַס האָט דיך געבוירן, און נישט פון מאַרק ביסטו געקומען — אַז דו האָסט אַ פאָטער און אַ מוטער געהאַט...

און עס איז עפּעס ווי אַ צייכן, וואָס אַן אומגעזעענע האַנט האָט דיר אָנגעוויזן, ווי אַ סימבאָל, אַז אַזוי לאַנג איז זי געלעגן פאַרשאָטן אונטער דער ערד, אַ מעכטיגע און אַ שטורעמדיגע — און געשלומערט. און קיינער האָט זי נישט אַנטדעקט, ביז עס זענען געקומען די אייניקלעך פון די, וועלכע זענען געפאַלן אויף איר, און אויסגעגראָבן זי מיט זייערע פינגער, כדי צו באַווייזן דער וועלט דעם כבוד פון זייערע זיידעס.

די ערשטע זאַך, וואָס די יידן האָבן אין ירושלים אויפגעטאָן, איז געווען צו אַנטדעקן די דריטע מויער, אויף וועלכער זיי האָבן געקעמפט פאַר זייער באַפרייאונג מיט דעם מעכטיגסטן פיינט פון דער וועלט. — איז דאָס נישט אַ סימבאָל?

און זי איז דאָך געלעגן אַזוי אויבן־אויף און, ווי עס

וואָלט ווער אַ שפּאַס געטריבן, גייט די דריטע מויער דוקא פאַרביי פאַר אַלע אַרכעאָלאָגישע אינסטיטוטן און שולן, וואָס כמעט אַלע פעלקער און אַלע קירכן האָבן אין ירושלים. און קיינער האָט זי נישט געזען, און קיינער האָט זי נישט געפונען, ביז די אָרימע יידישע וויסנשאַפט איז געקומען קיין ירושלים, און די שוואַכע יידישע הענט...

מיר פאַרגינען מיטן גאַנצן האַרצן דער קריסטלעכער וועלט אירע הייליגע דענקמעלער, וואָס זי האָט אין ירושלים און אין אַנדערע ערטער אין ארץ-ישראל. אין אונזער נאַציאָנאַלן שטאָלץ ליגט נישט צו פאַרלייקענען די שפּורן פון יעזוס קריסטוס. פאַר־קערט, צו באַשטעטיגן און צו העלפן אַרויסברענגען יעדן שפּור און יעדן צייכן, וואָס וועט באַשטעטיגן די פאַקטישע עקזיסטענץ פון יעזוסן. ווייל מיר האַלטן, אַז די ריכטיגע און אמתע תורה, וואָס ער האָט געפּריידיגט און וועלכע האָט דער וועלט געגעבן דאָס פּנים, וואָס זי האָט היינט — איז אַן אויסשטראַלונג פון יידישן גייסט, פון יידישן מוט און פון יידישער וועלט־אַנשויאונג. מיר האָבן חשבונות מיט זיינע תלמידים, מיר האָבן חשבונות מיט דער קירך, וועלכע האָט, אין זיין נאָמען, אונז אָנגעטאָן דעם מאַרטירער־קראַנץ אויף אונזער קאָפּ דורך אונזער גאַנצער געשיכטע; אין זיין פאַקטישן טויט — צי מיט דער הילף פון די יידישע כּוהנים און סנהדרין, צי אָן זייער הילף — זענען מיר פונקט אַזוי שולדיג, ווי די היינטיגע גריכן זענען שולדיג אין סאָקראַטעסעס טויט, אָדער די היינטיגע פראַנצויזן און די היינטיגע ענגלענדער זענען שולדיג אין זשאַן ד׳אַרקס טויט, אָדער אין טויזנטער אַנדערע קרבנות, וואָס די קירכע האָט גע־בראַכט. נישט דערפאַר, וואָס מיר ווילן נעמען אונזערע „כּוהנים" אין שוץ, און זאָגן, אַז זייערע הענט זענען ריין געווען, גאָר פּילאַטוסעס הענט זענען באַשמוצט אין קריסטוסעס בלוט — כאָטש ער האָט זיי אָפּגעוואַשן — ניין! אונזערע „כּוהנים" אין אַלע צייטן, אַפילו די היינטיגע, זענען נישט ערגער און זענען נישט בעסער ווי די גייסטלעכע פון אַנדערע טעמפּלען. קריסטוס וואָלט פונקט אַזוי געפאַלן פון די הענט פון אַנדערע גייסט־

לעכע — אריינגערעכנט די קריסטלעכע — ווי ער איז געפאלן דורך די יידישע (אויב ער איז געפאלן דורך זיי). און וואלטן די יידישע גייסטלעכע, דורך די יארן פון מיטלאלטער, געהאט מער קראפט, ווי אין חרם אריינלייגן און מלקות שלאגן, וואלטן, ווארשיינלעך, שפינאזא און אוריאל אקאסטא און טויזנטער זייערס גלייכן געווען דיזעלבע מארטירער, וואס קריסטוס. דער חילוק איז נאר דער, וואס בשעת די יידישע גייסטלעכע האבן נאר געקענט שעלטן און העכסטנס א קאנטשיק אויפהייבן, אדער איינצושליסן אין „קונע“ ביי דער שול-טיר — האבן די קריסטלעכע גייסטלעכע געהאט אן אינקוויזיציע און א דאמיניקאנער מאנאכן מיט פייערדיגע שטויסן...

אין קריסטוסעס טריאומף איבער דער געצנדינערישער וועלט זעען מיר דעם טריאומף פון יידישן גייסט, פון דער יידישער מאראל — פון יידישן אמת. אזויווי זי האט זיך אנגעהויבן קריסטאליזירן פון אלטן טעסטאמענט ארויס: פון תהילים און פון די נביאים, און איז געלייטערט און געהויבן געווארן אין איר העכסטער ליכט אין דער צייט פון צווייטן בית־המקדש, וואס האט אמבולטסטן ארויסגעבראכט די עטיק פון דעם יידישן גלויבן, אין יענער צייט, אין יענער מיליע, אין וועלכער יעזוס האט זיך געפונען. דורך דעם פארלייקענען מיר נישט זיין עקזיסטענץ. פארקערט, יעדער צייכן, וואס ציינט אויף זיין זיין, איז ביי אונז טייער; מעג עס אונז נאך זיין ווי פרעמד — מיר בויגן אונזערע קעפ מיט כבוד דערפאר.

דורך דעם פארשטייען מיר נישט, וואס א טייל פון די קריסטלעכע געלערנטע ווילן אזוי עקשנותדיג פארלייקענען די אויטענטישקייט פון דער „דריטער מויער“ — צוליב קריסטוסעס גרוב. מיר, פון אונזער זייט, ווי שוין געזאגט, פארגינען זיי מיטן גאנצן הארצן יעזוסעס קבר. און מיר זענען אפילו מוכן ומזומן א צונעמען מיט אלע פעסטקייטן, אז דוקא אט אויף דעם ארט וואו עס באווייזט זיך יעדעס יאר דער „נס פון פייער“—אז אט דוקא דא איז יעזוסעס קבר. עס איז גאנץ גלייך, אויב עס איז אין דער מויער, אדער אויסער דער מויער. פון דער צוויי־

טער זייט וועט דאָס קריסטנטום נישט אונטערגייען, אַז עס וועט באַוויזן ווערן, אַז די באַגראַבעניש־קירכע שטייט נישט אויפן קבר — עס וועט נאָר ווערן איבעריג דאָס פילע בלוט, וואָס איז פאַרגאָסן געוואָרן סיי פון יידן און סיי פון זיי אַליין — פאַר די מלחמות אַרום דעם קבר. און פאַקטיש זענען דאָ קריסטן, וואָס גלויבן, אַז ערגעץ אַנדערשוואו איז דער קבר. אָט למשל, איז דאָ אַן ענגלישע סעקטע, וואָס האַלט, אַז דער קבר פון קריסטוסען געפינט זיך אין אַ וואונדערבאַרן גאָרטן אויסער דער שטאָטס טויערן, און ווייזן דיר אָן באותות ומופתים, מיט ראיות פון נייעם טעסטאַמענט, אַז דוקא דאָרט, אין זייער גאָרטן, געפינט זיך דער קבר און נישט ערגעץ אַנדערשוואו. און אייגנטלעך איז עס גלייכער אויך, אַז פונקט אַזוי ווי די מענטשן האָבן זיך אָנגעהויבן אַרויסצוציען הינטער דער מויער, זאָלן זיך אויך די היסטאָרישע פלעצער און די קברים אַרויסציען זיך פון דער מויער — דער עיקר איז דאָך די אילוזיע, נישט דער אמת. וואָס אָנבאַטרעפט דעם עצם פאַקט פון יעזוסעס עקזיס־טענץ, באַדאַרף מען גאָרנישט צוקומען צו זיין קבר — די שטיי־נער פון ירושלים דערציילן עס, די לופט זאָגט עדות דערויף.

איך פיל די גרויסע טראַגעדיע, וואָס האָט זיך אָפגע־שפיגלט מיט זיין טויט אויף שריט און טריט. איך מוז זיך מודה זיין, אַז איך בין געוואָרן אָנגעשטעקט פון דער יעזוס־לעגענדע אויף שריט און טריט אין ירושלים (איך האָף, מיינע פרומע לעזער וועלן מיך נישט פאַרשטיינערן דערפאַר).

ווען איך האָב זיך געפונען אין דער קירך פון פילאַטוסעס טויער, ביי וועלכן מען האָט געמשפט קריסטוסן (וואָס אגב אַ גע־שמדטער יידישער גייסטלעכער האָט אויסגעפונען דעם פלאַץ און פאַרוואַנדלט עס אין אַ קירכע), און דערמאָנט זיך אָן דער גרויסער דראַמע, וואָס דאָ האָט זיך אָפגעשפילט פאַרן טויער ביים משפט פון קריסטוסן, האָט מיך אַ רעליגיעזער ציטער אַרומגענומען. און מיט מיין גאַנצער פאַרביטערטקייט, וואָ'ס איך פיל קעגן דער קירכע, אז איך האָב זיך געפונען אין דעם „פיי־ניגונגס־געסל״ „די רויזע״, דורך וועלכן מען האָט קריסטוסן

געפירט צו קרייציגן - האָט מיין הארץ זיך געקאָרטשעט פאַר צער און שאַנד. נישט ווילנדיג האָב איך געמוזט פאַרגלייכן דאָס געסל מיט אַן אַנדער געסל, וואָס איך האָב געזעען אין טאָלעדא אין שפּאַניע. דאָס געסל פון דער יידישער אינקוויזיציע, דורך וועלכן מען האָט די יידישע אנוסים געטריבן פון דעם טריבונאַל צו די אינקוויזיציע־קערקערס, אוןביידע זעען זיי אויס גלייך. אין ביידע שפּאַצירן אַרום די שאָטנס פון די מאַרטירער און שטאַמען ביידע פון איין גייסט.

איינמאָל האָט מיך ד״ר מאַגנוס אין אַ פרייטאָג פאַרנאַכט אַרומגעפירט אַרום דער מויער פון ירושלים צו ווייזן מיר די נייע אויסגראָבונגען, וואָס מען האָט געפרואווט מאַכן ביי אבי־שלומס קבר. האָט אין גלאַנץ פון זונען־אונטערגאַנג מיין אויג זיך פאַרקוקט צו די ציפּרעסן־ביימער, וואָס וואַקסן אויפן שפּיץ באַרג הזיתים, און איך האָב זיך דערמאָנט אָן יענער טרויעריגער נאַכט, וואָס האָט זיך אָפּגעשפּיגלט ביי יעזוסעס געפאַנגען־נעמען, און מיט זיין גאַנצער פרעמדקייט, וואָס איך פיל צו דעם קריסטנטום, איז מיין הארץ ארומגענומען געוואָרן און אָנגעשטעקט געוואָרן מיט יענעם טיפן, רעליגיעזן טרויער, וואָס אַ מענטש האָט דאָרט אויבן געפילט אין דער נאַכט, ווען ער האָט געהערט די טריט פון טויט...

(זייט מיר מוחל פאַר אַביסל קריסטלעך).

# 5

# תל־אביב

אין וועלכן חלום האָב איך דיך געזעען? אין וועלכן מילך־וועג האָסטו געוואַנדלט? — נישט אין די ערנסטע יום־כּיפּורדיגע און ימים־נוראימדיגע טעג, — אין די האַלב־יום־טובדיגע, אין די לייכטע חול־המועדיגע, שושן־פּורימדיגע טעג האָב איך דיך געטראָפן. פאַרנעפּלט אין וואָלקן־רויך פון די ציגאַרן און ציבוק־ליולקעס, אין די קרעפּלעך-עסנדע, אייער און ציבעלעס אָנגעפּיל־טע טעג: יום־טוב איז עס, אין חדר גייט מען נישט, דאָך מעג מען אַלעס טאָן...

תל־אביב — די פרייסטע און לייכטסטע שטאָט פון דער וועלט. איין גרויסער לייכטער יום־טוב שוועבט איבער דיר אַ גאַנץ יאָר. די זון מאָלט דיך ווייס און הייס, און דער זאַמד וואַרימט אַרויס פון אונטער דיינע אַספאַלט־ברוקן. פון אונטער דעם צעמענטענעם ברוק גליט דער זאַמד אַרויס מיט זיין וואַרימקייט. די מענטשן שפּאַנען אים איין, שפּאַרן אים אַרונטער אונטער פּלאַטן אַספאַלט און צעמענט, און ער, דער הייסער זאַמד, רייסט זיך דורך און מאַכט פון תל־אביב דאָס, וואָס זי איז באמת: א גן־עדנדיגן, לייכט־זומערדיגן באָד־פּלאַץ. א גאַנץ יאָריגן זומער־אָרט.

געוויס, געוויס איז דאָ פיל לעכערלעכס. תל־אביב רייצט אייער לאַך־אינסטינקט. אַז איר זעט עס — איז ווי עס וואָלט אייך ווער געקיצלט הינטער אייער לאַך־נעפּעלע. געוויס, געוויס. געוויס, אַ פאָלק, וואָס איז אַלט פיר טויזנט יאָר, אַ לאַנד, וואָס איז אַלט פיר טויזנט יאָר און אַ שטאָט, וואָס איז אַלט דריי טעג. אַ לאַנד, וואָס האָט אַרויסגעגעבן די רעליגיעס פון

דער וועלט, אַ פֿאָלק, וואָס האָט עקשנותדיג דורכגעטראָגן דורך די פֿעלקער פֿון דער וועלט, דורך דעם פֿייערדיגן גאַנג פֿון דער געשיכטע זיין אָפּגעפּאַרעמט לעבן — באַשאַפֿט די סטיללאָזע שטאָט. געוויס איז דאָ וואָס אויסצולאַכן — עס רייצט אייער לאַך־אינסטינקט.

„מנחם מענדל" וואָס וויל זיך רעאַביליטירן.

קודם־כל די הייזער. נישטאָ קיין צוויי הייזער, וואָס זאָלן ענלעך זיין איינס צום אַנדערן אין גאַנץ תל - אביב. פֿאַר יעדן הויז באַזונדער איז אויסגעטראַכט געוואָרן אַ באַזונדער סטיל. האָט איינער געמאַכט די באַלקאָנען פֿון פֿאָרנט — האָט דער צווייטער דוקא געמאַכט די באַלקאָנען פֿון הינטן; האָט איינער אַ פֿלאַטשיגן דאַך — האָט דער צווייטער אַ שפּיציגן דאַך. איינס זעט אויס ווי אַ חברה־תהלים־שול אין אַ שול־הויף, מיט אָפּגעשיילטע העברעישע אויפֿשריפֿטן אויפֿן טויער, מיט יידישע אָרנאַמענטן. דאָס צווייטע זעט שוין אויס ווי אַן אַלפּן־הויז, אריבערגעבראַכט פֿון אונטערלאַקן, פֿון דער שווייץ. איינס איז ענלעך צו אַ שיף — דאָס צווייטע צו אַ גרויסער לאַמטערן, און דאָס דריטע — איז שפּאַניש, אַפֿילו מיט בלומען־טעפּ אויפֿן דאַך. ס'איז אַן אויסשטעלונג פֿון סטילן. ניין, — אַן אויסשטע־לונג פֿון שילער־אַרבעטן פֿון אַן אַרכיטעקטישער שול. ווער עס האָט געוואָלט, איז געקומען און האָט זיך געלערנט אויף תל־אביב. אַלע סטילן — אַחוץ אַ פּרוואו פֿון אַ יידישן סטיל, ווען מען זאָל נישט צורעכענען די פּאָר העברעישע ווערטער, די דאַטע, ווען דאָס הויז איז פֿאַרטיג געוואָרן (וואָס יעדער איינער האָט געפֿילט דעם חוב אויפֿצוגעבן אויפֿן הויז). און פֿון דעם שלעכטן מאַטעריאַל שיילן זיך די העברעישע ווערטער און אָר־נאַמענטן אָפּ און פֿאַרוואַנדלען טייל גאַסן פֿון תל־אביב אין אַ שול־הויף, וואָס מען פֿרישט נישט אויף, ווייל עס פֿעלט אויס אין „קופּה" געלט.

און דאַן, בשעת בהלה, ווען מען האָט פֿאַר אַן אייל־זאַמד דעם אַראַבער מיט גאָלד אָפּגעשיט. זענען מענטשן גע־וואָרן שפּאָרעוודיג אין פּלאַץ; האָט מען געבויט אויף די דע־

כער, אויף די קעפּ. איינער אַ בעל־הבית האָט אַפילו — פאַר גרויס אײַלעניש — פאַרגעסן אײַנצומויערן די טרעפּ אין הויז אַרײַן, האָט מען זיי געמוזט אויפשטעלן פון דרויסן: דאָס הייסט, פון דרויסן גייט ווי אַ געדרייטער טורעם די טרעפּ, און פון דרויסן גייט מען, דורך אַ קאָרידאָרל, אין די שטובן אַרײַן. יאָ, יאָ, עס איז דאָ פיל הומאָריסטישס, כאָטש מ׳ווייזט דיר, אַז דאָס האָבן יידישע הענט געמאַכט — פון דעם וואַסער־גיסן און קאַלך־לעשן ביז צום גלעזער; פון בלעכער ביז צום שלאָסער — ווי מנחם מענדל וואָלט זיך אַליין געווען פאַרוואונדערט אויף זיך אַליין, וואָס ער האָט דאָס געקענט. און אויף יעדן גאַסן־קערער און מיסט־אויסרוימער ווייזט מען דיר אָן ווי אויף אַ נאַציאָנאַלן העלד, ווי ישראל וואָלט געווען די איינציגע נאַציע אויף דער וועלט, וואָס באַזאָרגט די זאַכן אַליין און דינגט נישט קיין פרעמדע משרתים דערצו. מען גרויסט זיך מיט יעדן קוימען־קערער, מיט יעדן נאַכט־וועכטער און לאַמטערן־אָנצינדער, און מען ווייזט אָן אויף אים ווי אויף אַ וואונדער, ווי אויף אַ „אתחלתא דגאולה" — זעט ווי ווייט מנחם מענדל איז דער־גאַנגען...

און דאַן די מלאכות, וואָס ווערן דאָרט געלערנט! אין תל־אביב האָדעווען זיך אַלע ווירטואָזן, וואָס די וועלט קען פאַרברויכן פאַר די נעכסטע פופציג יאָר. פון יעדן פענסטער דרינגט דיר אַרויס אַ גראַמפּלען פון אַ פידל, אַ גאַמען־ציען פון אַ פּיאַנאָ. געזאַנג און געשפּיל — פון שטוב און שטוב. אַזוי אַז די קולות צעשפּילן זיך אין אַ נאָכמיטאָג אין תל־אביב קען מען משוגע ווערן, איז זיך נישטאָ וואו אַהינצוטאָן — כאָטש זיך וואַרפן אַ לעבעדיגער אין ים אַרײַן. איך אַליין בין אַרומגעלאָפן מיטן שטיקל פּאַפּיר אין איין האַנט און מיט דער פעדער אין דער צווייטער אָנצושרייבן די פּאָר צײַלן דאָ פון הויז צו הויז און געזוכט מיר אַ רואיג אָרט, און פון אומעטום האָבן מיך די קולות פאַרטריבן און איך האָב געמוזט באַ־האַלטן דאָס שרייבן ביז איך וועל אַרויס פון די גרענעצן פון תל־אביב, מיט אַ גאַנצן געהער, מיט נישט־געשפּאָלטענע באַמ־

בלען און מיט געזונטע נערוון — דאָס איז נישט איבערגעטריבן.

תל־אביב איז פֿאַרפֿלייצט פֿון מוזיק. און וואַרט אַ ווײַלע, ווען די אַלע „מישא עלמאַנלעך", „יאַשאַ חפֿצלעך" וועלן זיך געבן אַ שיט אַרויס איבער דער וועלט, וועט איר האָבן וואָס צו הערן!...

די פֿאַרשפּרייטסטע אינדוסטריע אין תל־אביב איז נאָך אַלץ די נאַציאָנאַלע יידישע אינדוסטריע — דאָס פֿאַבריצירן פֿון סאָדע־וואַסער, אָדער ווי מען רופֿט עס דאָרט — „גאַזאָז". דאָרט, אין תל־אביב, האָבן יידן געבראַכט די אינדוסטריע צו איר העכסטער שלימות. יידן אַרבעטן דאָרט אויס כּלערליי קאָלירן סאָדע־וואַסער: פּיאָלעטענע און אָראַנזשענע און געל־ציטרין־קאָלירן — און וואָס פֿאַראַ נישט? און נאָך די קאָלירן זענען זייערע געשמאַקן: ביטערע און זויערע; האַלב־ביטערע און זויערלעכע; לאַקריץ־זיסלעכע און צוקער־זיסלעכע — טעמים, דאָס האַרץ אויפֿצומונטערן און דאָס האַרץ אויפֿצוטרייסלען. טייל הערצער באַדאַרפֿן אַ מילדערן אויפֿוועקן און טייל הערצער דאַרפֿן אַן ענערגישן, שטאַרקן טרייסל. איז וואָס פֿאַראַ האַרץ דו האָסט, אַזאַ מין סאָדע־וואַסער קענסטו קריגן דערפֿאַר. און פֿאַרקויפֿן פֿאַרקויפֿט מען דיר דאָס סאָדע־וואַסער אויף שריט און טריט. מען האָט דיר באַזאָרגט, אַז דו זאָלסט נישט באַדאַרפֿן מאַכן קיין איבעריגן שריט צו דערגרייכן צו אַ שטענדער מיט סאָדע־וואַסער. עס זענען דאָ באַזונדערע געוועלבלעך, וואָס האַלטן נאָר ספּעציעל סאָדע־וואַסער, און עס זענען דאָ שטענדערס אויף דער גאַס, וואָס פֿאַרקויפֿן דיר סאָדע־וואַסער. אחוץ דעם האָט יעדעס געוועלב אַ באַזונדער ווינקעלע בײַ דער טיר, וווּ מען פֿאַרקויפֿט דיר סאָדע־וואַסער. טיילמאָל טראַכט איך זיך: ווען, חלילה, די אַלע צילענדערס מיט סאָדע־וואַסער, וואָס געפֿינען זיך אין תל־אביב, זאָלן זיך צעשפּילן, קען, חלילה, די גאַנצע שטאָט אונטערגיין. און טיילמאָל דאַכט זיך מיר, אַז די פֿילע געוועלבער פֿון סאָדע־וואַסער, וואָס געפֿינען זיך אין תל־אביב, איז אַ יידישער דריידל — און עס האָט אַ באַהאַל־נעם געדאַנק... עס איז פּשוט דער בעסטער פֿאַרטיידיגונגס־מיטל.

ווען, חלילה, אַ שונא זאָל באַפאַלן תל־אביב, וועלן יידן אַרויס־גיין פון זייערע געוועלבלעך מיט די צילענדערס אין די הענט און וועלן אָנהויבן צו שפּריצן אויפן שונא — דאַן בין איך אים שוין נישט מקנא...

דאָס צווייטע פאַרשפּרייטע אַרטיקל אין די געוועלבער פון תל־אביב זענען העמדער. גאָט מייגער! אין מיין לעבן האָב איך נישט געזעען אַזוי פיל העמדער. — פון וואַנען האָבן זיי גענומען אַזוי פיל העמדער, וואָס ליגן אויסגעלייגט אין די שויפענסטער פון די געוועלבער אין די תל־אביבער גאסן? און תל־אביב פאַרמאָגט עפּעס געוועלבער! גאַנץ תל־אביב אייגנט־לעך איז אַ לאַנגע קייט מיט געוועלבער, וועלכע שרייען צו דיר — און דוקא אין העברעאיש — מיט מיילן לאַנגע שילדן, איין שילד איבער דער אַנדערער און איין שילד פּרוּאווט די אַנ־דערע איבערצושרייען, מיט גרעסערע און ליכטיגערע און ברייטערע בוכשטאַבן — אַזוי אַז דו פאַרגעסט זיך. וואו דו געפינסט זיך, מיינסטו, אַז דו ביסט פאַרבלאָנדזשעט געוואָרן אין אַן אומענדלעכן שול־הויף, אין אַ שול־הויף, וואָס איז פאַר־וואַנדלט געוואָרן אין אַ גרויסע שטאָט; אַ שול־הויף, וועלכער ציט זיך אויף וויאָרסטן און קילאָמעטערס. ברייטע און לאַנגע גאַסן — און אַלע גאַסן זענען פול מיט געוועלבער, זענען באַ־האָנגען מיט לשון־קודשדיגע שילדן. און פון אַלע שויפענסטער קוקן אַרויס צו דיר שטויסן העמדער; און פון אַלע געוועלב־טירן — קראַנען פון סאָדע־וואַסער.

אָ, געוויס, עס איז דאָ פיל, וואָס רייצט דיין לאַך־אַפּעטיט, ווען דו וואַנדערסט איבער די גאסן פון תל־אביב. אָבער וויפל פּאַטעטישס, וויפל אמת־ריינדס. דראַמאַטישס און וויפל — אָפּפער־ברענענדיגע אידעאַליסטישקייט איז דאָ אין דער מנחם־מענדלשער שטאָט!

קודם־כל — די שטאָט אַליין.

יידן האָבן נישט געבויט קיין דערפער — יידן האָבן גע־בויט שטעט. זייער גאַנץ לעבן האָבן זיי געהאַלטן נאָר אין בויען שטעט, פון וועלכע מען האָט זיי דערנאָך אַרויסגעטריבן. איז

פארשטענדלעך — ווען זיי זענען צוריקגעקומען אין זייער איי־גענער היים אריין, האבן זיי זיך צום ערשטן גענומען בויען א שטאט.

אויסגעקליבן א שטיק זאמד, אויף וועלכן דער ווינט האט די אויגן פארשיט, און געזאגט: „דא וועלן מיר בויען א שטאט". נישט געפרעגט, צי מען דארף יא, צי מען דארף נישט — גע־נומען און געטאן.

אין אכטן יאר האב איך געזען א פלאקן ארייַנגעשטעקט אין דעם שטיק זאמד־ים הינטער יפו: און אויפן פלאקן איז געווען א שילדל אויפגעקלאפט מיטן ווארט „תל־אביב". א ייד איז ארומגעגאנגען מיט א קארטע אין דער האנט, אויף וועל־כער עס איז געווען אויסגעמאלט, אויף פאפיר, א שטאט, מיט גאסן, מיט פארקן, מיט גערטנער — און פארקויפט חלקים. מיר האט מען געוואלט פארקויפן דעם גאנצן ברעג ים פון דער שטאט פאר א קלייניקייט. האב איך זיך געטראכט: וואס יידן קענען! גייען בויען א שטאט אויף זאמד. היינט ציט זיך אויס א שטאט פון יפו ביז צום ברעג ים; א שטאט וואס ציט זיך אויף מיילן ווייט ברייט; אין איר וואוינען באלד פערציג טויזנט אייַנוואוינער.

עס איז די מאדערנסטע, קולטורעלסטע און באקוועמסט־אייַנגעארדנטע שטאט אפשר אין גאנצן אריענט.

טאקע א שטאט אויפן „לאגער". א שטאט וואס איז גע־בויט געווארן נישט פאר דער איצטיגער נויטווענדיקייט, נאר פאר דער צוקונפט. זי איז אזויווי מען מאכט פאר א יינגל א לאנגע קאפאטע, און די מאמע הייסט נאך פון אונטער דער „פאדשעווקע" ארונטערבויגן א שטיק סחורה, עס זאל זיין אויף „ארויסצולאזן", ווען ער וועט אויסוואקסן:

— נישקשה, נישקשה — ער וואקסט אן עין־הרע אונטער.

און דאס אלעס איז געמאכט געווארן מיט יידישע הענט. יעדער שטיין, וואס איז דא ארייַנגעזעצט געווארן אין א וואנט, יעדע טיר, יעדעס פענסטער — פון שוועל ביז צום קוימען,

איז געמאַכט געוואָרן דורך יידישע הענט. עס איז נישט קיין קליינינקייט. נישט בחינם גרויסט מען זיך און מען ווייזט אייך אָן אין תּל־אביב אויף יעדן גאַסן־קערער ווי אויף אַ נאַציאָנאַלן־העלד. דאָס וואָס איז ביי אַנדערע אַ זעלבסט־פאַרשטענדלעכקייט, איז ביי אונז אַ נס. ווען זענען מיר געוואוינט געווען דערצו, אַז דער יידישער אָרדנונגס-היטער זאָל פּרעזענטירן זיין געווער מיט כּבוד, ווען יידן גייען מיט די ספר־תּורות צו הקפות? זע־נען מיר דאָך געוואוינט צו הערן שפּאָט און געלעכטער — ווען נישט נאָך ערגערס. היינטער ווערמענס וואָך זענען מיר אַזוי רואיג געשלאָפן, וויסנדיג אַז דער וועכטער אין דרויסן היט אָפּ דאָס האָב און גוטס, נישט בלויז פאַר דעם געלט וואָס מען באַצאָלט אים, — נאָר פאַר דער נאַציאָנאַלער פליכט. עס איז זיס דער שלאָף אונטער דעם קלאַנג פון אַזאַ וועכטערס טריט.

און האָט תּל־אביב נאָך נישט באַשאַפן אַן אייגענעם סטיל — אָבער אַן אייגענעם ריטם האָט עס. איר פילט דעם ריטם פון ארץ־ישראל אויף יעדן טריט אין תּל־אביב. עס איז דער ריטם פון פרייע קינדער, וואָס זענען אין אַ פרייטאָג נאָכמיטאָג פון חדר אַהיים געלאָזט געוואָרן: טאַקע דער געפילטער „יאַגדע סטוניק" פעלט אין דער האַנט. דערפאַר איז דאָ דער זומער־לעב אויף דער וועלט, דער גרינער וואַלד, דאָס פרישע וואַסער—און מען גייט זיך באָדן...

גאַנץ תּל־אביב פילט זיך פון חדר פריי. איר האָט קיין רבין נישט איבער זיך. אַז דו גייסט אין גאַס — פון פאָרנט גייט אַ ייד — הינטער דיר גייט אַ ייד. וואו דו זעסט גישט און קוקסט נישט, זעען זיך יידישע אויגן. עס איז עפּעס אַ מאָדנע סענסאַציע וואָס מען פילט, ווען מען גייט אַזוי איבער די תּל־אביב־גאַסן. און דו ווייסט, אַז פון איין עק שטאָט ביז צום אַנדערן ביסטו אַרומגערינגלט מיט יידן — ווי אין אַ שול, ווי אין אַ בית־המדרש. אַ שול אַ בית־המדרש אויף דער גאַס. קענסט אַלעס טאָן, אַלעס זאָגן. כּ'לעבן, עס האָט זיך מיר נישט איינמאָל געוואָלט פאַר זיך אַליין אויסרופן דעם נאָמען: „זשיד". עס האָט זיך מיר אַזוי פאַרבענקט נאָך דעם וואָרט, און איך

האָב מורא געהאַט, אַז עס זאָל נישט אויסגעמעקט ווערן פון מיין לעקסיקאָן...

יאָ, תל־אביב פאַרמאָגט אַן אייגנאַרטיגן יידישן ריטם, און דאָס נישט נאָר פרייטאָג פאַרנאַכט, ווען ביי שופר־בלאָזן (אנ־שטאָט שול־קלאַפּן) פאַרמאַכן זיך די געוועלבער, אַלע ווי אויף אַ קאָמאַנדע, און אַ רואיקייט טרעט איין אין די גאַסן, די רואיקייט פון משיחס טריט, און פון אַלע פענסטער, פון אַ גאַנ־צער שטאָט, שפּיגלען זיך אָפּ היימישע שבת־ליכט — נישט נאָר בלויז אין דעם שבתדיגן טאָג, נאָר אַ גאַנצע וואָך, יעדן טאָג פון דער וואָך. איז ער נישט קיין יום־טוב — איז ער חול־המועד. דער פרייער ריטם פילט זיך ביים האַנדל און וואַנדל, ביים מעבל־פאַרקויף, ביים זאָקן־פאַרקויף, וואָס אַן אויסרופער מיט אַ מגידישן קול און אַ מגידישן ניגון רופט אויס אין די גאַסן צו פאַרקויפן, און דוקא אויף יידיש (האָט נישט מורא — דאָרט וואו מען באַדאַרף זי באַנוצט מען זיך מיט איר). עס איז דער ריטם פון זיכערקייט. ווען איר ווילט: דער ריטם וואָס איר פילט אין שול־הויף ווען איר זענט צווישן אייגענע.

# 6

# פון ירושלים קיין שכם

א יידישער געאגראף אין ירושלים האָט מיר געגעבן אַן עצה צו זעען די ארץ־ישראל־לאַנדשאַפט ביחידות. פון דעם ארץ־ישראלדיגן אָנבליק קען מען נאָר געניסן, ווען מען זעט עס אַליין. מען מוז זיך מיחד זיין מיט דער ארץ־ישראל־ערד, כדי מען זאָל הערן איר שטימע. איך גלויב, אַז די לאַנדשאַפט פון יעדן לאַנד פאַרלאַנגט יחידות, נאָר מער נאָך די ארץ־ישראל־לאַנדשאַפט. ווייל די קילע שטיינער־בערג, פון וועלכע די אַראַבישע ציגן האָבן, אין פאַרלויף פון הונדערטער אָדער טויזנטער יאָרן, אָפּגעגריזשעט יעדעס גרעזל און אויסגעריסן מיטן וואָרצל יעדע שפּראָצונג האָט גאָרנישט צו געבן פון די גיטער און פאַרגעניגנס פון דער וועלט. אַלץ, וואָס זי האָט צו געבן, איז פאַר דער נשמה, און גאָר ווייניג פאַרן גוף. אַז די גייסט, אָדער פאָרסט איבער די טאָלן און איבער די בערג פון די וויסטעניש פון יהודה, אָדער איבער די הויכן פון נחלת בנימין, דאַכט זיך דיר, אַז עס מישן זיך פאַר דיר אויף די בערג ווי בלעטער פון אַן אַלטן, אַלטן ספר. און די לעזט אַראָפּ פון זיי נאָך נישט געשריבענע ווערטער פון נביאים, קאַפּיטלען תהילים, וואָס קיינער האָט נאָך נישט אויסגעקלאָגט, און זיי ליגן איינגעקנעטן אין דער ערד און וואַרטן אויף זייער נביא. און פון די פרומע פסוקים, וואָס די לעזט אַראָפּ פון די בערג, ווערט דיין האַרץ אָנגעגאָסן מיט גאָטס־פאָרכטיקייט און טיפן ערנסט. און מעגסטו נאָך זיין ווי ניהיליסטיש געשטימט, ווערסטו, קעגן דיין ווילן, אָנגעשטעקט מיט פרומער ערפורכט פאַר די ערנסטע זאַכן, וואָס האָבן זיך דאָ אַמאָל אָפּגעשפּילט. און פאַר די היי־

ליגע מענטשן, וואָס זענען אַמאָל אויף די בערג געגאַנגען.

דאָס שטיקל וועג, וואָס פירט פון ירושלים נאָך שכם, לויפסטו דורך מיט אַן אויטאָמאָביל אין צוויי־דריי שעה. אָבער אויף דעם וועג ליגט אויסגעגאָסן די יידישע געשיכטע, מער ווי אויף יעדן וועג פון דעם גאנצן ערד־קוגל, וואו מיר זענען פאַרשפּרייט געוואָרן. דאָ איז געלייגט געוואָרן דער ווינקל־שטיין פון אונזער נאַציאָנאַלן באַשטאַנד, און אויף דעם שטיקל ערד איז געבוירן געוואָרן אַ יידישע רעליגיע. אויף איינעם פון די בערג איז אַ יידישער שעפער־יונג אַנטלאָפן פון דער היים, געזעען אין זיין חלום דעם לייטער, וואָס פירט פון דער ערד אין הימל אַריין. און עס דאַכט זיך, אַז ער האָט געזעען דעם חלום אויפן וואָר. קיין איין שטיקל ערד אויפן גאַנצן ערד־קוגל איז נישט אַזוי נאָענט געווען צום הימל, ווי דאָס שטיקל ערד אין טאָל פון בנימין און אפרים. און דאָ, אויף איינעם פון די בערג, איז געזאָגט געוואָרן יענע מענטשלעכע תּפילה, וואָס איז די הייליגסטע און די טיפסטע און די פאַרשפּרייטסטע צווישן די מענטשן פון דער וועלט. — די תּפילה פון „שטיקעלע ברויט צום עסן און אַ קלייד אָנצוטאָן״: די תּפילה, וואָס האָט געדינט פאַר אַ מוסטער פון אַן אַנדער תּפילה, וואָס איז אויך געזאָגט אויף דער ערד — אויף אַ באַרג, אַ פּאָר שעה רייזע פון דאַנען — די תּפילה פון „טעגלעכן ברויט״, וואָס איז געדאַוונט געוואָרן אויף די בערג אַרום נצרת, און ווערט נאָך ביז היינטיגן טאָג מיטגעדאַוונט פון דער גאַנצער ציוויליזירטער וועלט...

ערגעץ־וואו אין אַ טאָל מוז דאָ ליגן בית־אל, דאָס אָרט וועלכס יעקב אבינו האָט „אָנגעטראָפן״ פאַרנאַכט, ווען ער איז אַוועק פון זיין פאָטערס הויז, מיט דעם זעקל אויף די פּלייצעס און מיט דער מוטערס ברכה; מיט אַ שווער געמיט האָט ער זיך געלייגט אויף די שטיינער פון אָרט שלאָפן און האָט געחלומט דעם חלום פון דעם אויסגעלייטערטן מענטש; געלעגן אויף דער ערד מיט אַ שטיין צוקאָפּנס און געזען דעם לייטער, וואָס פירט אין הימל אַריין. ביזן היינטיגן טאָג חלומען מיר נאָך יעקבס חלום. צוגעבונדענע צו די שטיינער פון דער ערד.

קלעטערן מיר, אין אונזער חלום, אויף דעם לייטער צום הימל.

פון יענער זייט ירדן, פון די הרי־מואב, זענען יידן אָנגעקומען קיין ארץ־ישראל. ירושלים איז נאָך געווען באַזעצט פון מלך „שלם"; שטאַרק באַפעסטיגט מיט אַ מויער אַרום. זיי האָבן גאָרנישט געחלומט פון איינגעמען ירושלים, האָבן זיי זיך דאָ דעם ארון אויפגעשטעלט אין שילה. דריי הונדערט און צען יאָר איז דאָס קליינע דאָרף, וואָס די אַראַבער רופן היינט „סילון" און וואָס מען זעט פון באַרג־אַראָפּ אונטער די פיס פון באַרג — דריי הונדערט און צען יאָר איז דאָס געווען דער רעליגיעזער צענטער פון יידישן פאָלק. געדענקט איר דעם בלינדן עלי און דעם קליינעם שמואל און די צוויי גרויסע זין פון עלי, די „זולל וסובאניקעס", וואָס האָבן מיט די גרויסע גאָפּלען אַרויסגעכאַפּט פון די טעפּ, וואָס האָבן זיך געקאָכט פאַר גאָט, די בעסטע חלקים פאַר זיך?.. אָט־אָט־דאָ איז עס געווען. די אַראַבער האָבן אויפגעהאַלטן די נעמען און דערטראָגן זיי דורך די אַלע יאָרן, ביז צו אונז, אין די היינטיגע טעג.

נאָך היינט זעט איר גאָרנישט מער. דאָס דאָרף „סילון" איז ערגעץ־וואו אויף אַ באַרג. אונטער דעם באַרג שפּרייט זיך אויס אַ שטיקל גרינע לאָנקע, מיט פרישע, גרינע גראָזן — דאָס איינציגע מענטשלעכע פעלד, וואָס איך האָב געזען דורך דעם גאַנצן וועג, וואָס דערפרייט דאָס אויג. מענטשלעכע, זינדיגע ערד, וואָס איז באַשאַפן געוואָרן נישט פאַר גאָטס וועגן, נאָר פאַר דעם מענטשן. מיר דאַכט זיך, אַז דאָ שטייט אויך אַ לייטער, וואָס גרייכט פון דער ערד אין הימל אַריין. נאָר דאָ, אָנשטאָט צו שטייגן אין הימל אַריין, נידערט מען, פאַרקערט, אַראָפּ אויף דער ערד... איז עס אפשר יענער אָרט, אויף וועלכן די קינדער פון גאָט זענען אַראָפּגעקומען צו זינדיגן מיט די טעכטער פון דער ערד... וואָרים דאָס גרינס פון די פרישע לאָנקעס איז דאָס דערקוויקנדסטע, וואָס איך זע אויפן וועג. מיר דערמאָנט זיך אָן די טעכטער פון שילה, וואָס זענען אַרויסגעגאַנגען טאַנצן אויף די פעלדער, ווען עס איז געווען דער יום־טוב צו „גאָט אין שילה". אָ, געוויס האָבן זיי דאָ, אויף די

פעלדער, געטאַנצט; און הינטער די בערגלעך האָבן זיך אויס־באַהאַלטן די בני־בנימין, אויסצוכאַפּן די טעכטער פון שילה פאַר ווייבער, נאָכדעם ווי דאָס גאַנצע יידישע פאָלק האָט זיך פאַרשוואָרן קעגן זיי איבער דער מעשה פון „פּ׳גש בגבעה״...

איך וויל זיך גוט צוקוקן צו דעם אָרט און לאָזן אַפּרוען מיין אויג אויף דעם גרינעם גראָז. איך הייס שטיין דעם אויטאָ־מאָביל און איך טראַכט זיך אַריין אין דער אַלטער יידישער פאַרגאַנגנהייט. איך וויל נאָך זעען די שאָטנס פון יענעם לעבן, וואָס איז דאָ אַמאָל געווען. און אָט הער איך אונטער מיר געזאַנגען און טענץ. און איך הער עס בפירוש, און איך זע באַשיימפערלעך אַסך יונגע בחורים אויף ווייסע אַראַבישע פערד, אויסגעפּוצטע אין יום־טובדיגע אַבאַיעס, קומען זיך אַראָפּ־צולאָזן פון דעם באַרג אין שילה, מיט געזאַנג און טאַנץ. באָר־וועסע פיס און יום־טובדיגע קליידער; מיט בלומען און מירטן־קראַנצן אויסגעפּוצט די קעפּ. איז עס אַ יום־טוב אין שילה? דער יום־טוב צו גאָט? און די טעכטער גייען אַרויס טאַנצן אין פעלד, און די בחורים — דאָס זענען די בני־בנימין? יאָ, עס איז אַ חתונה אין שילה. און די בחורים און די מיידלעך פון שילה, מיט דער כלה, זענען אָנגעקומען. געגאַנגען אַנטקעגן דעם חתן, וואָס קומט מיט זיינע פריינט פון אַן אַנדער דאָרף אַן...

דער מאָרגן איז נאָך פריש און די שטיינערנע בערג טריי־קענען זייערע פייכטע רוקנס, וואָס זענען נאַס געוואָרן פון נאַכט־טוי, אין די זונען־שטראַלן. דער וועג פאַרקערעוועט זיך אין אַ זייט און לאָזט זיך אין ווילדן, שטיינערדיגן טאָל אַראָפּ — פאַרלאָזט פון גאָט און פון מענטש. גנבים־היילן באַווייזן זיך אין די פעלזיגע בערג. די לאַנדשאַפט ווערט ווידער פאַר־פרעמדט און טראָגט זיך איבער פון דער היינטיגער צייט אין ווייטע, ווייטע פאַרגאַנגנהייטן, וואָס שלומערן אין די לעגענדער פון דער פאַנטאַזיע, פון די צייטן פון דיינע קינדער־יאָרן; פון יענע יאָרן, וואָס דו האסט צום ערשטן מאָל אין חדר געלערנט וועגן זיי, וועגן די ערטער. אָט זע איך גבוזרדנען. אַ רויטער,

הענט אויסגעשמירט מיט בלוט, מיט אַ קופּערנער קאַסקע פון פייערלעשער אויפן קאָפּ (ווי עס פלעגט אים פאָרשטעלן דער בלינדער לייב אין פורים־שפּיל ביי אונז אין שטאָט), מיט אַ צוגעקלעבטער רויטער באָרד, מיט פאַפּירענע לאַמפּאַסן און צוגעהאָפטענע גענעראַלישע שליפעס, מיט אַ גרויסן הילצערנעם שווערד אין האַנט, גייט ער, נבוזרדן, און טרייבט די יידן אין גלות אַריין. אָ, דאָ אויפן וועג, זענען זיי דאָך געגאַנגען — אַרויסגעטריבן פון ירושלים — קיין בבל. אָט זע איך דעם בלינדן קעניג חזקיהו מיט זיינע אויסגעשטאָכענע אויגן. ער גייט אין מיטן פון די בכבודע יידן, מיט די געבונדענע הענט אויפן רוקן; און ירמיהו הנביא, מיטן זאַק אויפן לייב, גייט אים נאָך פון הינטן, און האַלט אונטערן אָרעם אַ קרוג מיט וואסער, פון וועלכן ער גיט, פון צייט צו צייט, דעם געפאַנגענעם קעניג צו טרינקען. און דער שלעכטער נבוזרדן מיט די לאַמפּאַסן (דער „בלינדער לייב”, וואָס פאַר דעם האָבן מיר, חדר־יינגלעך, אים פיינט געהאַט אַ גאַנץ יאָר,) גייט נאָך זיי פון הינטן און טרייבט זיי מיט אַ גרויסער בייטש און זינגט צו אַ ליד אַזוי:

גייט, יידעלעך, גייט
אין גלות בבל אַריין,
אין גלות בבל אַריין...

נאָר באַלד זענען מיר אָנגעקומען צו אַ צווייטן פורים־שפּיל: צו יעקבן מיט די קינדער — מיר זענען אַריינגעקומען אין שכם.

צו די אויסגראָבונגען אַרום שכם האָב איך נישט געוואָלט צוגיין. פון ערפאַרונג ווייס איך, אַז דאָס, וואָס מען געפינט אין ארץ־ישראל, העלפט דיר נישט שאַפן זיך אַ בילד פון דעם אַמאָליגן לעבן אין ארץ־ישראל. פאַרקערט, עס העלפט דיר נאָר צו צושטערן די אילוזיע, וואָס דו האָסט אין דיר פון ארץ־ישראל. אלעס, וואָס מען האָט ביז איצט געפונען אין ארץ־ישראל זענען קליינע, אָרעמע צייכנס. ליימענע שטיבעלעך אין וועלכע עס גלויבט זיך גיכער, אַז אָרעמע אַראַבישע פעלאַכן האָבן אַמאָל געלעבט, איידער די רייכע (יעדנפאַלס, אין אונזער פאַנטאַזיע)

פּאַטריאַרכן, אָן יעדן צייכן פון הויז־לעבן, קיינע כלים, קיינע אויפשריפטן, קיין שפּור פון מענטשלעכער קולטור. עס קען גריילעך זיין, אַז דאָס איז דער אמת, אַז דאָס לעבן פון אונזערע עלטערן איז געווען אַט דאָס אָרעמע, אומקולטורעלע פאַרווילדט לעבן פון די אָרעמע, וואַנדערנדיגע בעדואינער, וואָס מיר טרעפן היינט נאָך אָן אויף די פלאַכן פון ארץ־ישראל, מיט זייערע שוואַרצע געצעלטן און ווייסע שעפסן; די ליימיגע, ניידעריגע שטיבלעך, וואָס פּאַסן זיך גיכער פאַר שטאַלן פון הויזטירן, איידער פאַר מענטשן, וועלכע מיר געפינען אַרויס פון די אויסגראָבונגען — דאָס איז טאַקע געווען דער אַרט לעבן, וואָס אונזערע עלטערן האָבן אַמאָל געפירט. דאָס איז טאַקע דער אמת. נאָר — איך וויל בעסער לעבן מיט די בילדער, וואָס מיין פאַנטאַזיע מאָלט מיר פון דעם אַלטן יידישן לעבן, איידער מיט דעם אמת. צוליב דעם האָב איך פיינט צו זעען די אויסגראָבונגען, וואָס מ׳מאַכט אין ארץ ישראל. לאָזט די אמתע ניכטערקייט שלומערן אין דער ערד און לעבט מיט דער רייכער פאַנטאַזיע, וואָס מאָלט אונזערע אילוזיעס וועגן די העלדן פון דער ביבעל, ווי רעמבראַנדט האָט דאָס געטאָן, ווי מיקעל אַנזשעלאָ און אַנדערע גרויסע קינסטלער. צוליב דעם האָב איך נישט געוואָלט זעען די אויסגעגראָבענע שטעט פון רחבעם בן נבט און בין גלייך אַריינגעפאָרן אין שכם, וואָס מיר קענען נאָך פון יעקב אבינוס צייטן.

איך גלויב נישט, אַז שכם האָט זיך פיל געביטן זייט יענע צייטן, ווען אונזער פאָטער יעקב האָט זיך דאָרטן באַזעצט מיט זיינע צוועלף זין און מיט זיין איינציגער שיינער טאָכטער דינה. די זעלבע אַלטע, קרומע געסלעך, פאַרשאָטנט מיט די ליילעכער, וואָס הענגען אַרויס פון די באַזאַר־געוועלבלעך; די זעלבע זויערמילך־פלעצלעך און די זעלבע מצות; די זעלבע ציגן־ און שעפסן־כטאַדעס, וואָס דעמאָלט. און ווי דעמאָלט, איז היינט שכם באַרימט מיט אירע קוואַלן און ברונימער, וואָס צוליב דעם ווערט שכם פאַררעכנט פאַר דער פערל פון ארץ־ישראל, און זי ציט צו זיך צו די שבטים פון לאַנד.

אזויווי דעמאָלט, זענען די הויך־געוויקסיגע און שוואַרץ־האָריגע אַראַבער פון שכם גרויסע קאַוואַליערן און זענען זייער זשעדנע אויף יידישע מיידלעך. ווי אַמאָל זייער קעניגס זון, „שכם", דער זון פון חמור, וועלכער איז געפאַלן אַ „קרבן" פון זיין ליבע צו יעקבס טאָכטער, דינה. די יידישע טעכטער האָבן נאָך די שוואַכקייט פון יעקב אבינוס ערשטער טאָכטער, אַרויסצוגיין שפּאַצירן. נאָר היינט זענען נישטאָ אין שכם קיין יידישע טעכטער, וואָס פון זייערט וועגן זאָלן די שכמער לייט זיך לאָזן באַשניידן, ווי עס האָבן אַמאָל געטאָן זייערע פאָטערס, פאַר יידישע מיידלעך. ווען איך האָב געזעען די שכמישע שיינע שטאַרקע בחורים, איינגעהילט אין זייערע ווייסע אַבאַיעס זיצן פאַר די קאַווע-הייזער און רויכערן פון זייערע פלאַשן־ליולקעס, האָב איך געמוזט דערמאָנען זיך אָן דעם שפּיצל, וואָס האָבן זיי אָפּגעשפּילט שמעון און לוי, יעקבס זין, פאַר דער חרפה, וואָס זיי זענען באַגאַנגען קעגן דינהן, זייער שוועסטער... קיין שטאַרק העלדישע טאַט איז דאָס אפילו נישט געווען. אַ שטאָט ליגט אַ „באַשניטענע" און אַ פאַרבונדענע, און דו באַפאַלסט איר... אָבער די ערע פון אַ יידישער טאָכטער האָט דערמיט געקראָגן איר באַפרידיגונג. און ווען מיר זאָלן היינט אין דער זעלבער מאָס האַנדלען, ווי די ברידער פון דינהן, גלויב איך, וואָלט אונז אויסגעקומען אַלע שטעט פון דער וועלט חרוב צו מאַכן...

נאָר ווען קיין יידישע טעכטער זענען אין שכם נישטאָ, האָבן מיר דערפאַר אַן אַנדערן יידישן שבט: אַ ווייטן, ווייטן קרוב, וועלכער האָט זיך אָפּגעריסן פון אונז אין די ערשטע יאָרן, און האַלט נאָך מיט אונז מלחמה וועגן די נביאים ביז היינטיגן טאָג. די ערשטע יידישע פּאַרטיי קען מען זיי אָנרופן — די „שומרונים". מיט פערצן יאָר צוריק האָב איך זיי געזעען, איז דעמאָלסט געווען זייער צאָל הונדערט און אַכציג נפשות. היינט האָבן זיי זיך געמערט און עס זענען ביי זיי צוגעקומען זעקס נפשות. מען זאָגט, אַז דאָס איז אַדאַנק דעם, וואָס די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע האָט זיי אַריינגעשיקט אַ העברעאישן

לערער, וואָס לערנט זיי די שפּראַך — און זיי ווערן דורך דעם מער געבילדעט. מיט פערצן יאָר צוריק האָבן זיך אַרומגעדרייט זעקס און דרייסיג בחורים פון זיי (פון אַכטצן ביז פופציג יאָר) — אויף צוועלף כלות. די צוועלף כלות האָבן זיך די־מאָלסט אויפגעהאַלטן אין הויף פון דעם כהן גדול, וועלכער האָט זיי אָפּגעהיט. און יעדן טאָג האָט מען געקענט זעען, ווי די זעקס און דרייסיג בחורים־חתנים האָבן אַרומגערינגלט די אייזערנע צוים פון דעם כהן גדולס הויף, און מיט פאַרחלשטע אויגן און אַרויסגעשטעקטע צינגער האָבן זיי אַריינגעגאַפט מיט די ברענענדיגע בליקן צו זייערע כלות... געמאָסטן זיי מיט זייערע בליקן, וויפל זיי זענען דורך דער נאַכט צוגעוואַקסן, און געציילט זייערע טעג, ווי זיי זענען שוין ראוי צו דער חתונה. קוים איז איינע פון די כלות אַלט געוואָרן עלף יאָר, איז זי געפירט געוואָרן צו איר מאַן, וועלכער האָט שוין געהאַט אַ קנין אויף איר — איידער זי איז נאָך געבוירן געוואָרן. היינט האָבן שוין אַ טייל פון די „בחורים" חתונה געהאַט. דערפאַר זענען אונטערגעוואַקסן אנדערע. און היינט דרייען זיך אַרום צוויי און פערציג בחורים אויף אַכט כלות. די כלות האַלטן זיך נישט אויף, ווי ביז איצט, ביים כהן גדול, נאָר זיי לערנען זיך אין דער העברעאישער שול ביים העברעאישן לערער. אָבער איידער זיי האָבן נאָך צייט ריכטיג זיך אויסצולערנען דעם אלף־בית, ווערן זיי שוין אויסגעכאַפּט.

— יעדן טאָג קומט אין מיין שול אַריין איין שילערין ווייניגער — דערציילט מיר דער לערער. — אַז איך פרעג זיך נאָך: „וואָס איז די מעשה מיט איר?" דערציילט מען מיר, אַז זי האָט חתונה געהאַט. און אַז איך וואונדער זיך: וויאַזוי קען מען אַ קינד איבערגעבן אין די הענט פון אַ פערציג־יעריגן, שטאַרקן מאַן? — ענטפערט מען מיר: „נישקשה, זי וועט זיך צוגעוויינען, איר מוטער האָט זיך אויך צוגעוויינט"...

איך קען נישט זאָגן, אַז איך האָב געהאַט אַ באַזונדער נאָענט געפיל צו דער נייער „משפחה", וואָס איך האָב געפונען. איך מוז מודה זיין: ווען איך זע די תימנער יידן, אָדער אַנ-

דערע אַראַבּישע יידן, מוז איך זיך אָנשטרענגען צו געדענקען, אַז זיי שטאַמען פון דער זעלבער ראַסע וואָס איך, און זענען דערצויגן געוואָרן אין די זעלבע טראַדיציעס וואָס איך — אַז איך זאָל דערפילן, אַז איך האָב עפּעס אַ שייכות מיט זיי. איך קען נישט פאַרלייקענען, אַז איך קען קיינמאָל נישט פילן צו אַן אָריענטאַלישן ייד, מעג ער אפילו זיין אַ ציוויליזירטער, ווי די ספרדישע יידן זענען, דאָס זעלבסט־פאַרשטענדלעכע געפיל, וואָס איך האָב צו אונזערן אַ היימישן מענטש. נאָר די שומרונים גייען מיר ווירקלעך נישט אָן. יעדנפאַלס האָבן אונז די שומרונים אויפגענומען ווי אייגענע, אַריינגעבעטן אין דער שול אַריין. דער „כהן גדול" איז נישט געווען, דערפאַר איז געווען זיין עלטסטער זון, וואָס איז, ווי ביי יעדן כהן גדול, דער שטעלפאַרטרעטער פון זיין פאָטער אין ציווילע געשעפטן, ער פירט פאַרן טאַטן די „ביזנעס" (ווי יעדער אונזער רבי פאַרמאָגט אַזאַ געשעפטס-פירער). אַ דורכגעטריבענער, כיטרער אַזיאַט, מיט ברענענדיגע אויגן און קויל־שוואַרצע האָר פאַרפלאָכטן אין אַ לאַנגן צאָפּ, ווי עס האָבן געטראָגן די כהנים אין דער צייט פון בית־המקדש — פאַרקעמט אונטער דער טערקישער רויטער מיצקע.

איך האָב אים שוין געקענט פון פאַר פערצן יאָר צוריק. און ווי דענסטמאָל האָט מען אונז געוויזן די ספרי־תורות, איבערהויפּט זייער אַלטע באַקליידטע ספר־תורה אין אַ זילבערנער שייד, וואָס ווערט יעדעס יאָר עלטער מיט אַ גאַנצן דור. אָן צווייפל איז זייער ספר־תורה דער עלטסטער מאַנוסקריפּט פון די חמשה חומשי תורה, וואָס די וועלט פאַרמאָגט (ווען מיר דערמאָנען זיך, אַז דער עלטסטער מאַנוסקריפּט פון דער תורה, וואָס געפינט זיך אין ציוויליזירטע הענט, איז דער מאַנוסקריפּט פון דעם בריטישן מוזעאום, און ער ציילט זיך נישט פריער ווי פון צענטן יאָר־הונדערט).

וואָס אנבאַטרעפט דער זילבערנער שייד, אין וועלכער זייער ספר־תורה רוט, כאָטש עס איז אָן ספק די עלטסטע זילבערנע אַרבעט פון דעם מין — פאַר דער יידישער קונסט האָט עס קיין באַדייטונג נישט. זי טראָגט קיין שפּור נישט פון יידישן כאַראַקטער. עס איז אַן אַלט אַראַבּישע זילבער פאַליג־

רים, וואָס פון דעם מין האָבן זיך אין די אָריענטאַלישע מוזע-אומס און אין די מאָשעען דערהאַלטן פיל קינסטלערישע און בעטערע מוסטערן.

אין אַ פּאָר טעג אַרום איז דער זעלבער געשעפטס-פּי-רער פון כהן גדול געווען ביי אונז אין ירושלים אין אַ שליחות.

זיי האָבן אויך טענות צום „יידישן פאָלק“. דאָס יידישע פאָלק האָט אין זיי פאַרגעסן, טענהן זיי. און זיי ווילן, אַז דאָס יידישע פאָלק זאָל פאַר זיי קויפן לאַנד, זיי צו באַזעצן פאַר קאָלאָניסטן (מילא, דאָס וואָלט נאָך געווען אַ האַלבע צרה); דאָס צווייטע אָבער וואָס זיי פאַרלאַנגען פון אונז איז, אַז מען זאָל געבן מיידלעך פאַר זייערע בחורים. מיט אַנדערע ווערטער: זיי ווילן זיך מיט אונז משדך זיין.

איך, פון מיין זייט, האָב זיי אָפּגעענטפערט, אַז אויב דאָס יידישע פאָלק וואָלט געהאַט גענוג געלט צו קאָלאָניזירן, אַחוץ אונזערע יידן אין ארץ־ישראל, וואָלטן זיי צוערשט דאָס געווען געטאָן פאַר די יידן־פעלאכן פון דאָרף „פּקיעין“, וואָס זענען אָן צווייפל די דירעקטע אָפּשטאַמונג פון די ארץ־ישראל־יידן פון די אַלטע צייטן, וואָס זענען געבליבן זיצן אויף דעם לאַנד דורך דער גאַנצער צייט פון דער יידישער געשיכטע. וואָס אנבאַטרעפט יידישע מיידלעך פאַר די שומרונים — הענגט דאָס אַלעם ערשטנס אָפּ פון די יידישע מיידלעך אַליין. אויב זיי וועלן וועלן לויט זייערע רעליגיעזע מנהגים (וועלכע זענען זייער שווער פאַר דער פרוי) לעבן אָפּגעזונדערט ווי אַ הויז־טיר צוויי וואכן יעדן חודש... אַרומגעצוימט אין אַ ווינקל שטוב אין אַ שטייג... איבריגנס האָט איין יידיש מיידל פון פוילן געפּרואווט איר מזל. צום ערשטן מאָל אין דער יידישער געשיכטע צייט טויזנטער און טויזנטער יאָרן האָט אַ יידיש מיידל פון פוילן חתונה געהאַט פאַר אַ שומרוני. זיי וואוינען אין יפו (וואו דער מאַן האט אַ רעגירונגס-שטעלע). און ווי עס האָט מיר פאַרזיי-כערט דער זון פון כהן גדול, לעבן זיי זייער גליקלעך. און די פרוי היט אָפּ זייער שטרענג אַלע רעליגיעזע מנהגים פון די שומרונים. ביים לעצטן קרבן פסח וואָס זיי ברענגען יעדעס

יאָר, אויפן הר גריזים ביז היינטיגן טאג, זאל דאס פּוילישע מיידל האָבן געגעסן דאס פלייש פון קרבן זייער געשמאַק — וואס וועט אַ מיידל נישט טאָן פאר אַ שידוך. מיר וועלן אָפּוואַרטן צו זעען וואָס וועט אַרויסקומען פון דעם זיווג. אפשר—ווער ווייסט? — משיחס צייטן...

אַז איך האָב זיך צוגעקוקט צו די שומרונים און געזעען ווי די צוויי און פערציג בחורים באַוואַכן זייערע אַכט כלות, האָב איך זיך נישט געקענט באַפרייען פון דעם געדאַנק וואָס האט מיר געגעבערט אין קאָפּ: וואָלט אויס אונז אויך דאָס זעלבע, חלילה, געוואָרן, ווען מיר וואָלטן איבערגעבליבן אין ארץ־ישראל? אפשר איז אמת וואָס אונזערע חכמים זאגן, אַז „אַ גרויס רעכט האָט גאָט געטאָן מיט יידן, וואָס ער האָט זיי פאַרשפּרייט איבער דער וועלט". וואָלט אונזערס איינעם אויך אויסגעקומען אָפּצוּוואַרטן אַ פערציג יאר צייט אויף אַ ווייב; און דאַן ערשט אַרומשפּרינגען אַרום דער צוים פון כהן גדול, כאַפּן אַ בליק אין הויף אַריין, צו זעען אויף וויפל אונזער ווייב איז צוגעוואַקסן דורך דער נאַכט?

אָדער אפשר וואלטן אונז געוועזן אפגעראטעוועט די נביאים, די תנאים, די אמוראים — דאס גאנצע יידישע דענקען און קלערן, די גרויסע יידישע מאראל און עטיק, וואס מיר האבן זיך ערווארבן נאָך די חומשי־תורה (דאס וואס די שומרונים האבן נישט). אפשר וואלטן זיי אויס אונז געוועזן געמאַכט קולטורעלע מענטשן, אַפילו ווען מיר וואלטן געוועזן איבערגעבליבן אין אַזיע, אַזוי ווי די ערשטע „אשכנזים", די „חכמי רהיין", האבן געמאכט אויס אונז אייראפּעער... כאטש מיר זענען געוועזן געפאַנגען אין דער געטא...

7

# דער „עמק"

איך ווייס נישט, וואָס דער קליינער קריסטוס האָט געזען, ווען ער איז געגאַנגען שפּאַצירן איבער די בערגלעך פון נצרת. היינט אַז מען שטייט אויף די בערג פון נצרת, שפּרייט זיך אויס פאַר די אויגן דער גאַנצער „עמק" איינגעפּאַסט ווי אַ גרויסער געלער „מאַפּאַז" צווישן די בערג. מען זעט פון די בערג אַראָפּ, ווי אַ פּליסנדער ים מיט גאָלדענע, געלע, רייפע זאַנגען־בעזימלעך באַוועגט זיך אַהין און צוריק, און דער ווינט בלאָזט וועלן איבער זייערע קעפּ. דאָ און דאָרט שניידן זיך אַריין, אין געלן ים פון זאַנגען, גרינע, פרישע, אויג־דערקוויקנדע בייטן פון קאָניטשינע, פון פּאַשע־פעלדער, פון גרינסן, פון גערשטן, אָדער עס היפּען און שפּרינגען אַרום איבער אַ רויט, פריש אויפגעקאָפּעט פעלד, די קליינע יונגע בוימעלעך, ווי הינדלעך. דאָ און דאָרט זעען אויסגעשאָטן, ווי רויטע מאָן־קעפּלעך, רויטע דעכער פון הייזלעך. מען קען זעען פון באַרג אַראָפּ, ווי סימעטריש זיי זענען אויסגעשטעלט, די הייזלעך, אין אַ לענגלעך רונדיג ראָד, ווי אַן איי. איבער אַלע ווינקלען פון עמק זענען זיי פאַרשפּרייט. אָט ליגט עפולה, בלפוריה; אַביסל ווייטער — עין־חרוד, כפר־ילדים; ווייטער צו רעכטס — נהלל און ווי זיי הייסן דאָרט. און ווען דו זעסט די רואיגע רויטע דעכלעך אויפהויבן זיך פון דעם ים געלע זאַנגען און דאָס אויג־דערקוויקנדיגע, פרישע מענטשלעכע פעלדער אַרום, ווילט זיך דיר אויסרופן, אַפילו מיט בלעמען:

„מה טובו אוהליך, יעקב, — משכנותיך, ישראל!".

אין גאַנצן הונדערט פערצן בין איך דאָ געווען דענסט־

מאָל האָט בײם ברעג פון עמק אַ ייד געפירט זײן אַקער, אײנגעשפּאַנט אין צוויי פערד, באַגלייט מיט זײנע צוויי קינדער — אַ יינגל און אַ מיידל, וועלכע האָבן פאַרזייט אַרבעס נאָכן פאַרטערס אַקער. דאָס איז געווען בײם באַרג גלבוע, און גערופן האָט מען דאָס דענסטמאָל „מרחביה”. דער ייד איז געגאַנגען אָנגעטאָן אין אַ רויטער טערקישער מיצקע, כדי די אַראַבער זאָלן אים אָננעמען פאַר אַ זייעריגן. און די פּאָר יונגעלייט, וואָס האָבן זיך אַרומגעדרייט אין דער „קאָלאָניע”, זענען אין מיטן העלן טאָג אַרומגעלאָפן מיט רעוואָלווערן באַלאָדן, פון הינטן און פון פאָרנט, מיט ביקסן און פּיסטאָלן. אַחוץ דעם אָנהויב איז אַרום און אַרום געווען וויסט און לעער, און איינצלנע קראַנקע זאַנגען האָבן אויפגעהויבן דעם קאָפּ פון פייכטע, מאַלאַרישע פעלדער אַרויס.

פאַר דרייצן יאָר צוריק האָב איך געזעען די פעלדער, ווי זיי האָבן געשמאַכט, ווי קראַנקע, און די רינשטאָקן פון מאַלאַריע פאַרשמוצט און פאַרוואָרלאָזט. עס האָט זיך געדאַכט, אַז קיין רפואה וועט נישט זײן צו זיי. איך געדענק, מיט גרויס מי און מאַטערניש בין איך צוגעקומען צום טייך קישון, פון וועלכן יידישע יונגעלייט האָבן „געמאָלקן” וואַסער, האָבן הענט מיט בלאָטע אָנגעשעפּט און אויסגעקוועטשט דאָס וואַסער פון דער בלאָטע. איך האָב זיך מיר באַין אופן נישט געקענט פאָרשטעלן, וויאַזוי סיסרא מיט זײנע צען טויזנט רייט־וועגן האָבן געקענט פאַרטרונקן ווערן אין דעם טייך. דאַכט זיך קיין צען טויזנט פליגן האָבן נישט געקענט דערטרונקען ווערן אין אים. צום הרי־גלבוע, וועלכן דוד־המלך האָט פאַרשאָלטן, איז אוממעגלעך געווען צו צוקומען. די פעלדער זענען פאַרפלייצט געווען אין בלאָטעס פון דעם „עין חרד”, וואָס האָט זיך אויסגעגאָסן, ווי ער האָט געוואָלט. מען האָט מיך געשראָקן מיט „שלאַנגען און עקדישן”.

היינט געפין איך זיך שוין דעם דריטן טאָג אין דער קאָאָפּעראַטיווער קאָלאָניע „עין חרד”, און איבער דריי הונדערט יונגעלייט, מענער און פרויען, באַוואוינען דאָס אָרט און באַאַר־

בעטן די פעלדער אויף קאָאָפּעראַטיווע יסודות. יעדן פרימאָרגן און פאַרנאַכט האָב איך זיך געבאָדן מיט די יונגעלייט אין טייך „עין חרד״, וואָס יידישע הענט האָבן איינגעצוימט אויף איין אָרט, און געלאָזט אים לויפן אין אַ פעסטער קאָרעטע, אַז ער זאָל ווערן אַ ברכה פאַרן לאַנד, נישט קיין קללה; איך האָב געטרונקען פון דעם קוואַל, וואָס רינט אַרויס פון באַרג גלבוע, וועלכן די אַראַבער האָבן באַצייכנט מיטן נאָמען „דער קוואַל פון טויט״. אַ רער ציט זיך פון דעם קוואַל אויפן אַלגעמיינעם וועג אַרויס, פריי פאַר אַלע, כדי די אַראַבער זאָלן זיך איבערצייגן, אַז די יידן האָבן פאַרוואַנדלט דעם „קוואַל פון טויט״ אין אַ „קוואַל פון לעבן״... אין מיטן טאָג, ווען די זון האָט געבריט, בין איך געגאַנגען זוכן שאָטן אין וואַלד פון די אַקאַליפּסן־ביימער און לינדן־ביימער, פון נאָדל־ביימער, און יונגע איידעלע ציפּרעסן־ביימער, וואָס דער יידישער יונגערמאַן סירקין מיט זיינע העלפער האָבן פאַרפלאַנצט ביי דעם טייך און אַרויפגעצויגן דעם וואַלד ביז אַ האַלבן באַרג פון גלבוע, כדי צו באַווייזן באַשיימפערלעך, אַז דער טוי און רעגן, וואָס דוד המלך האָט פאַרטריבן פון באַרג מיט זיינע קללות צוליב דעם, וואָס אויף אים איז שאול געפאַלן), הויבן אָן צוריקצוקומען דורך די ברכות פון יידישע הענט. דאָס איז דאָס וואַסער פון קוואַל, וואָס יידישע אַרבעטער האָבן געגראָבן. איך ווייס נאָר נישט, צי איך האָב געטרונקען דאָס וואַסער פון קוואַל קניענדיגערהייט, צי איך האָב געלעקט פון וואַסער ליגנדיגערהייט, און גדעון וועט מיך אויסקלייבן פון זיינע דריי הונדערט... איך האָב געגעסן ברויט און גרינוואַרג, וואָס זענען געוואַקסן אויף די פעלדער; געטרונקען מילך און געגעסן פוטער פון די בהמות, וואָס פאַשען זיך אויף די פעלדער. זיס איז געווען דאָס ברויט, פעט איז געווען די פוטער, וואָס זענען געקומען פון אַ יידישער ברודער־האַנט. און דאָס אַלעס אין פאַרלויף פון אַ פאָר יאָר.

נישט אַזוי לייכט איז דורכגעגאַנגען דער קאַמף מיט דער נאַטור. דער, וואָס וועט עס אַמאָל באַשרייבן, וועט באַרייכערן אונזער ליטעראַטור מיט הערלעכע בלעטער. אין אַ געוויסער מאָס

גייט אָן דער קאַמף נאָך ביזן היינטיגן טאָג; אַ קאַמף מיט מאַלאַריע. געווען טעג, ווען זעכציג פּראָצענט פון זיי האָבן געמוזט איבערבלייבן אין דער היים, ליגנדיג אין די בעטן; אַ קאַמף מיט ווילדע געפערלעכע פליגן און אינזעקטן, אָנזעענדיגע און נישט אָנזעענדיגע, וואָס כאַפּן זיך אַרונטער אונטער דער הויט און פאַרסמען דיר דאָס בלוט; אַ קאַמף מיט שלאַנגען (געווען אַזעלכע, וואָס האָבן זיך אַריינגעכאַפּט אין זעק תבואות און פאַרזייעכץ, און נישט איין פינגער פון אַ האַנט, פון אַ פוס האָבן זיי מיטגענומען מיט זיך). און אַ קאַמף מיטן אייגענעם יאוש, מיט אייגענע איבער פּלענער, איבער פאַרמען פון לעבן. פיל פון זיי זענען אַוועק, אַנדערע געקומען; פיל האָבן זיך געטוישט, די מערסטע פון זיי זענען געבליבן אויף די ערטער און דערפירט עס ביזן היינטיגן טאָג.

און היינט ליגן טויזנטער און טויזנטער דונאַם אַרום די אָרימע אויפגעשלאָגענע ביידלעך (קיין הייזער האָבן זיי נאָך נישט), און וואו דיין אויג דערגרייכט, און וואו דיין בליק וואַרפט זיך — שפּרייטן זיך אויס הויכע, רייפע זאַנגען; גרינע, פרישע פעלדער, סעדער פון בוימער, בייטן פון גרינוואַרג. און יעדן פרימאָרגן, און יעדן פאַרנאַכט הויבט זיך אויף אַ גרויסער וואָלקן פון שטויב פון די לאַנגע, רייכע סטאַדעס מיט קי, וואָס מען טרייבט אין און פון פעלד...

ביינאַכט, אַז איך בין געלעגן אין אויפגעשלאָגענעם שאַלאַש, האָב איך געהערט דאָס ווילדע וואָיען פון די שאַקאַלן, וואָס קומען אַראָפּ פון די בערג גלבוע און קומען אָן נאָענט צו די שטאַלן פון דער קאָלאָניע. האָט זיך מיר געדאַכט, אַז דאָס פאַרנעם איך דאָס געוויין, דאָס קלאָגן און וואָיען פון דער ווילדעניש און וויסטעניש, וואָס די יידישע הענט האָבן פאַרטריבן פון דעם אָרט.

און וואָס האָבן זיי פאַר זיך? גאָרנישט און אַלץ. דריי הונדערט זענען זיי, און אפשר מער. די גרעסטע צאָל חתונה געהאַט. טאַקע זיך באַקענט אויפן אָרט, אין פעלד, אין דרויסן ביי דער אַרבעט, אָדער שבת אין וועלדל, אָדער אין „בית־עם“

ביים עסן, איבערגערעדט, פארקוקט זיך אויף אנדערע, און אויך געהייראט. אפטמאל מאכט זיך, אז עס גייט אוועק א בחור אויף א פאר טעג אין אן אנדער קאלאניע און ברענגט זיך פון דארט מיט א לעבנס־חבר. אריינגעגאנגען אין ביורא, געמאלדן אזוי און אזוי — ווילן האבן א חדר צוזאמען, פארשרייבן זיך, א חופה געשטעלט, מיט די פיסטאלעטן אויסגעשאסן און געגאנגען וואוינען צוזאמען. ער — א גאנצן טאג אין פעלד, זי — ביי די בהמות, אדער אין מילך־ווירטשאפט, אדער אין גרין־גארטן, אדער אין הויז־ווירטשאפט, אין דער קיך ביי די וועש (ווענדט זיך אין וועלכן געזונט־צושטאנד זי געפינט זיך; אין די הויכע חדשים ארבעט זיך איבערהויפט נישט). ביים עסן זיך געטראפן צוזאמען ביים אלגעמיינעם טיש און — ווייטער צו דער ארבעט. פארנאכט — ווידער זיך געטראפן ביים עסן, פארבראכט א שעה צוזאמען אין דרויסן, אין פעלד אונטער די שטערן. געחלומט צוזאמען דעם חלום פון פארגאנגענהייט און צוקונפט (די געגנווארט איז דאך נאך אלעם אזוי ארעם), גייט מען אהיים אין דער בשותפותדיי־גער שטוב. וואו דאס ווייבל האט דאך נאך צייט געפונען צו מאכן די בעטן, צו פארהענגען די פענסטער, איידער זי איז אין דער פרי ארויס צו דער ארבעט, אדער אפשר אין מיטן טאג זיך אריינגעכאפט אויף א האלבע שעה. שטייט דאס שטיבל אין ארימען, אריינרעגנדיגן שאלאש ווי א כשרע נעסט. זיין בעט — איר בעט; זיין קעסטל — איר קעסטל; אויף זיין זייט וואנט — א פאר פאטאגראפיעס פון היימישע פארזאמלונגען, פארוויילונגען; אויף איר זייט — א פאר פאטאגראפיעס פון היי־מישע. די ביכער שטייען שוין בשותפות אויפן געמיינזאמען טי־שעלע, אויף וועלכן ס'שטייט אויך איר פאטאגראפיע, א פארטראכטע אין איר מיידלשן חלום. זיצט מען א שעה צוזאמען פארן שלאפן גיין, און מען לייענט צוזאמען דאס לעצטע העברעאישע ביכל (ווען דער יונגערמאן שומרט נאר נישט ביי די שטאלן אין דרויסן). קומט א קינד, איז די מאמע דערמיט אין קימפעטארינס־ און ארבעטער־שפיטאל. ארויס פון געלעגער — דאס קינד אין אל־געמיינעם קינדער־הויז. די מאמע — צו דער ארבעט.

די קינדער-היים — דאָס איז דער שטאָלץ פון דער קאָ-לאָניע. אַליין וואוינט מען נאָך אין צוזאַמענגעקלאַפּטע ברעטער. די הייזער אַרום די שטאַלן מיט בהמות (מורא פאַר גנבה נאָך). ווערט מען געפּלאָגט נאָך, ווערט מען געפּלאָגט בייטאָג און ביי־נאַכט פון די בייזע פליגן, וואָס פליען אַרום. די פליגן — דאָס איז פּרעהס מכּה פון היישעריק — אומעטום זענען זיי דאָ: אין בעט, אין שיסל בעת מען עסט. אָבער די קינדער־היימען — אָפּגעזונדערט. אין ריינע, ציכטיגע הייזער, צווישן דער „שולע" פון יונגע בוימלעך און אָריענטאַלישע פלאַנצונגען, וואָס דער אַגראָנאָם סירקין פאַרלייגט אין דער קאָלאָניע. אינעווייניג — אַן איבערגעטריבענער לוקסוס פון זויבערקייט און ציכטיקייט, וואָס נישט פאַר קאָלאָניסטן-קינדער, נאָר פאַר מיליאָנערן־קינדער פּאַסט עס. דייטשע און שווייצאַריש יידישע מיידלעך, געטריבן נאָך ארץ־ישראל פון דער זעלבער בענקשאַפט־אידעע, אָבער דאָ האָבן זיי זיך נישט געקענט צופּאַסן צו דער שווערער פיזישער אַרבעט, האָבן זיי אויף זיך גענומען דאָס פלעגן פון די קינדער. אין זויבערע בעטלעך, באַשיצט אונטער ווייס־טולענע נעצן פון פליגן און אינזעקטן, ווערן די קינדערשע לייבלעך געהאַלטן אין אַ וואונדערבאַרער זויבערקייט. קיין זאך איז נישט צו טייער, קיין זאַך איז נישט צו־גוט גענוג פאַר די קינדער. צו דער ריכטיגער מינוט קומט די מאַמע אַראָפּצולויפן פון פעלד, אָדער פון קו־שטאַל, און זייגט-אָן דאָס קינד און גייט צוריק צו איר אַרבעט. דערפאַר אָבער, ווען עס קומט פאַרנאַכט, איז איידער מען גייט צום עסן, ווען די מענער זענען נאָך אונטן, ביים טייכל, און באָדן זיך נאָך אין דעם שווייס פון שווערן, הייסן טאָג, קומען די מוטערס פריער אַהיים, נעמען אַרויס די קינדער פון די קינדער־היימען און טראָגן זיי די פאָטערס אַנטקעגן. דער פאָטער זעצט אַרויף דעם יונג אויף זיין אַקסל רייטן און מיטן ווייב אונטערן אָרעם גייט מען, אָפטמאָל באָרוויסע און אָפטמאָל האַלב-נאַקעטע — נאָר שטענדיג פריילעכע — צום „בית־עם", צום אָרימען, נאָר געערכטן מאָלצייט. און אָפטמאָל, ווען די מוטער פאַרשפּעטיגט זיך אין פעלד, אָדער עס איז

פונקט איר צייט היינט אין דער קיך, ביים עכן קאָכן, אָדער ביים עסן דערלאַנגען, שפילט די פלעגערין דער מוטערס טייל, און טראָגט דאָס קינד דעם פאָטער אַנטקעגן, ווען ער קומט פון פעלד אַהיים.

די קינדער, דאָס זענען דער שטאָלץ פון דער קאָלאָניע; נישט נאָר פון אייגענע טאַטע־מאַמע, נאָר פון אַלע מיטגלידער פון דער קאָלאָניע. אָפטמאָל ווייזן אַרויס צו ד׳י קינדער פיל מער איבערגעטריבענע ליבע און וואַרימקייט די פרעמדע מיט־גלידער פון דער קאָלאָניע, ווי זייערע אייגענע עלטערן. איבער־הויפט רעדט זיך דאָ פון עלטערע מיידלעך און פון פאַרזעסענע בחורים, וועלכע לאָדן אָן אויף די פרעמדע קינדער זייער אייגן טאַטע־מאַמע געפיל... האָסטו דאָך געקענט מיינען, אַז ביי אַזאַ סיסטעם פון דערציאונג, ווערן די קינדער פאַרפרעמדט פון די עלטערן, און זיי דערקענען נישט דאָס אייגענע לייב, וואָס האָט זיי געבוירן, זאָגן איך אייך, אַז — ניין. אַז דער אינסטינקט איז שטאַרקער פון יעדע צוגעוואוינהייטן. בין איך אַמאָל אַדורכ־געגאַנגען צופעליג מיט אַן אַרבעטער איבער דער קינדער־היים אין מיטן טאָג, האָט זיך אַ יונג פון צוויי יאָר צעשריגן אויפן קול און געריסן זיך פון די פלעגערינס הענט, צעבראָכן דעם טעלער מיט עסן, אויסגעגאָסן דאָס גלאָז מילך און אויסגעשטרעקט די פיס און די הענט אין דער לופטן. וואָס איז? ער האָט דעם פאָטער דערזען און געמיינט, אַז עס איז שוין פאַרנאַכט און ער וועט אים מיטנעמען מיט אים. עס האָט גאָר נישט געהאָלפן— דער טאַטע האָט אים געמוזט אויף די פלייצעס נעמען און גיין מיט אים צו דער טעגלעכער אַרבעט.

און דערפאַר, ווייל אַליין האָט מען גאָרנישט, פאַרמאָגט מען גאָרנישט, נאָר דאָס אייגענע לייב און פלייש — איז דאָס קינד דאָס איינציגע גוטס, וואָס מען האָט זיך דערוואָרבן אין דער קאָלאָניע, זינגען טאַקע די חלוצים אַזאַ ליד: „זה חלקי מכל עמלי״ (דאָס איז מיין טייל פון מיין גאַנצער אַרבעט).

לעצטנס איז אויך געוואָרן אַ מנהג אין די חלוצים־קאָ־לאָניעס, אַראָפצובריענגען די טאַטע־מאַמעס פון די „גלות״־לענדער.

אויך אין אנדערע קאָלאָניעס האָב איך געזעען פיל עלטערן, וואָס זענען אַראָפּגעבראַכט געוואָרן צו די קינדער. זיי קומען פון פאַרשידענע לענדער, און אָפטמאָל פון שטעט, וועלכע רופן מיט זייער קלאַנג אַרויס אַ שרעק אין יידישע אויערן... פיל פון זיי קומען פון אוקראַינע; אַנדערע פון פוילן, פון גאַליציע, פון רומעניע, אויך פון קרים.

די אַלטע לייט וואוינען באַזונדער, און זיי האָבן זיך זייער אייגענעם „בית-עם", וואו זיי קומען זיך צוזאַמען און עסן ביי אַן אַלגעמיינעם טיש, פון אַ קיך, וואָס זיי קאָכן זיאַל ווייך, און זאָרגן שוין דערפאַר, אַז אַלעס זאָל זיין אויפן יידישן וועג (צו דער קיך פון די קינדער, זעט זיך אויס, האָבן זיי נישט קיין גרויס צוטרויען). זיי גיבן אויך אַכטונג אויף דער אַלגעמיינער כשרות פון דער קאָלאָניע. ווען איך בין געווען, האָט זיך פונקט געמאַכט אַ ברית, און די אַלטע האָבן עס געפּראַוועט מיט אַלע יידישע מנהגים. זעלבסטפאַרשטענדלעך איז פאַר זיי נישט אינגאַנצן קלאָר דער אַרט לעבן, וואָס זייערע קינדער פירן, און זיי קענען נישט פאַרשטיין דעם „סיסטעם" פון זייערע פרנסות — ווי איינער האָט זיך אויסגעדריקט:

טאַקע ארץ־ישראל — אָבער וואָס ווערט דער תכלית זיין דערפון? ער אַרבעט, ער אַרבעט, מיין זון, און האָט גאָרנישט דערפון...

נישט איין קרעכץ אַזעלכן הערט איר פון די אַלטע, כאָטש אין דעם אַלגעמיינעם לעבן פון דער קאָלאָניע נעמען די אַלטע אנטייל, און זיי מיען זיך נוצלעך צו זיין, צו באַרייכערן דאָס גוטס פון דער קאָלאָניע. און מען מוז זאָגן, אַז זיי פאַרדינען זיך גאַנץ כשר זייער שטיקל ברויט. איין אייל ערד טאָר נישט שטיין אומבאַאַרבעט, און קיין איין מענטש טאָר זיך נישט אַרומדרייען אין קאָלאָניע מיט ליידיגע הענט. יעדער טאָג ווערט פאַרצייכנט פון יעדן אַרבעטער, ביי וואָס און ווען ער איז געווען באַשעפטיגט און וויפל שעה ער האָט געאַרבעט — כאָטש ער קריגט דערפאַר קיין באַזונדער געצאָלט נישט — און טאָמער דרייט

זיך ווער אַרום און ווייזט נישט אַרויס קיין גרויס חשק צו דער אַרבעט, איז אָדער ער פאַרלאָזט באַלד אַליין זיין פּלאַץ, אָדער ער ווערט אַרויסגעשיקט. וואָס אָנבאַטרעפט די עלטערן פון די חלוצים, זעלבסטפאַרשטענדלעך, געפינט מען אויס פאַר זיי אַרבעט, וואָס איז צוגעפאַסט לויט זייערע יאָרן. די מענער, אָדער זיי באַשעפטיגן זיך ביי די ביכער (די אינטעליגענטערע) אָדער זיי לערנען זיך אויס מלאכות (ווען זיי קענען זיי נישט פון דער היים): סטאָלאַרעווען, פאַריכטן וועגן, זעצן אַריין שויבן, נייען קליידער. די ווייבער פליקן אויס די וועש, פאַריכטן די זעק אד״גל.

וואָרים אַזוי לאַנג ווי יעדער איינער לעבט אין דער קאָלאָניע, מוז ער אַרבעטן, שאַפן — נוצן ברענגען. קוים הערט ער אויף זיך צו באַטייליגן אין שאַפן פון דער קאָלאָניע — מוז ער זי פאַרלאָזן. האָט ער געמעגט זיין איינער פון אירע בויערס און גרינדערס. דאָס לעבן פון יידישן דאָרף־מענטש אויף דער שטרענגער ערד פון ארץ־ישראל איז אַן ערנסטע און אַ שטרענגע, און אַזוי איז זיין געוויסן צו זיין אידעאַל. וואָרים די אַלע, וואָס זענען אַהער אַראָפּגעקומען און זיצן דאָ, זענען נישט דאָ פאַר זייער אייגן פּערזענלעך גליק אָדער וואוילשטאַנד. פאַר וואוילשטאַנד וואָלט אַזאַ פּעאיגער אַגראָנאָם ווי סירקין איז, וועלכער האָט דאָס אָרט פאַרוואַנדלט אין אַ גן־עדן, געקענט אין פראַנקרייך אָדער אין קאַנאַדע אָדער אין יעדער אַנדער מדינה קומען ווירקלעך צו אַ „תכלית", ווי די אַלטע יידן זאָגן; און דאָ וואָס האָט ער? די ערד באַלאַנגט צום נאַציאָנאַל־פאָנד. די אַרבעט, וואָס זיי לייגן אַריין אין דער ערד, ברענגען זיי אַ קרבן פאַרן לאַנד. זייער לעבן איז אַוועקגעגעבן דעם יידישן אידעאַל. עס איז — זאָלן זיי מיר מוחל זיין פאַר דעם פאַרגלייך — ווי אַ „קלויסטער־קאָלאָניע" (גאַנץ ארץ־ישראל איז געגליכן צו אַ קלויסטער), וואו אַלץ ווערט געטאָן לשם־שמים. פאַר זיך — גאָרנישט. ווען דער חלוץ גייט אַוועק פון דער קאָלאָניע, לאָזט ער אַלעס איבער הינטער זיך — זיין אַרבעט פון פיל יאָרן — און נעמט גאָרנישט מיט; נישט אַמאָל

דעם שאָפל, מיט וועלכן ער האָט די ערד געגראָבן, נישט קיין איבעריג העמד.

איז אַ וואונדער, וואָס זיי זענען אַזעלכע שטרענגע? דאָס לעבן האָט זיי שטרענג געמאַכט, און די הייליקייט פון זייער אידעאַל האָט זיי אויסגעהאַרטעוועט.

עס ווערט אין דער קאָלאָניע עין־חרד געשאַפן אַלצדינג וואָס די קאָלאָניע פאַרברויכט, אויף גאָרנישט ווערט אויסגעגעבן, אַחוץ אויף אַ ביסעלע רויך, וואָס איינער באַדאַרף עס. גאַרבערס אַרבעטן אויס אייגענע לעדער און די מיל מאָלט אייגן ברויט. איך האָב זיך געוואָלט באַקענען מיטן שוסטער פון דער קאָלאָניע. אַ מענטש מיט אַ שטרענג געזיכט, אַ ?בנער, אַ שיינער, נאָר אַן ערנסטער — אַ שרעק. עס איז אוממעגלעך געווען זיך מיט אים צו באַקענען. ער האָט זיך געהאַלטן שטאָלץ און פאַרמאַכט אויף זיבן שלעסער. איך האָב אים געפרעגט, אויב ער איז געווען אַ שוסטער אין דער היים — נישט געקענט אַרויסקריגן. פון וועלכער שטאָט ער קומט — נישט געקענט דערגיין, שפּעטער בין איך געוואָר געוואָרן: ער קומט פון פּראָסקוראָוו — און איך האָב שוין אַלעס פאַרשטאַנען...

איז אַ וואונדער, וואָס זיי זענען אַזעלכע שטרענגע?...

אַז איך בין מיט איינעם פון זיי פאַרבייגעגאַנגען די קינדער־קאָלאָניע, און געזעען ווי די צוויי־יעריגע קינדער לויפן אַרום מיט באָרוויסע פיסלעך, אויפן הייסן, אָנגעוואַרימטן באָדן — דאָס וואָס די עלטערן קענען נאָך נישט באַווייזן ביזן היינטיגן טאָג — האָט ער זיך פאַרקלערט און געזאָגט צו מיר:

— ווער ווייסט, אויב זיי וועלן דאָס זעלבע פילן וואָס מיר, אויב פאַר זיי וועט די ערד זיין דאָס זעלבע וואָס זי איז פאַר אונז? אפשר וועלן זיי עס זייער לייכט איבערטוישן אויף אַנדערע ערד, אויף בעסערע, אויף רייכערע, אויף פעטערע.

— זיי וועלן שוין נישט האָבן די בענקשאַפט וואָס מיר האָט ער געזאָגט מיט באַדויערן, קוקנדיג אויף די קינדער.

— זוין נאָך אַ מינוט האָט ער צוגעלייגט מיט אַ קרעכץ — פאַר אונז בלייבט גאָרנישט איבער, נאָר די בענקשאַפט...

## 8

# צווישן יידישע דערפער

די אַלטע פּאַטערס, וואָס די קינדער פון „עין חרוד״ האָבן אַראָפּגעבראַכט אין דער קאָלאָניע, גייען אַרום און פרעגן: „וואָס וועט זיין דער תּכלית?״ און מיר דאַכט זיך, אַז זיי האָבן רעכט. מיט דעם גאַנצן רעספּעקט, אַכטונג און ליבע, וואָס מען מוז פילן צו די יינגע מענטשן פון עין־חרוד, וואָס ברענגען זייערע יינגע לעבנס אַזוי פרייוויליג פאַר קרבנות אויפן מזבח פון נייעם יידישן ישוב אין ארץ־ישראל — מוז מען זיך דאָך שטעלן די פראַגע: „אויב דאָס איז דער ריכטיגער וועג?״ און צי איז די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע באַרופן צו מאַכן קאָמוניסטישע עקספּערימענטן אין ארץ־ישראל? כאָטש מען מוז מודה זיין, אַז ביי דער קאַרגקייט פון ערד אין ארץ־ישראל, ביי דער האַרטנעקיקייט פון דער נאַטור, מוז געזוכט ווערן וועגן, וויאַזוי צו לעזן די פראַגע פון ערד־אייגנטום אין ארץ־ישראל, אַז נישט איינציגע הענט זאָלן אַריינכאַפּן דאָס ביסעלע לאַנד, וואָס געפינט זיך נאָך אין ארץ־ישראל, און האַנדלען דערנאָך מיט דעם סענטימענט, וואָס יידן פילן צו ארץ־ישראל, און אויסנוצן דעם אָפּפערווילליגן אידעאַליזם פון אייגעקשנטע יוגנטלעכייט פאַר אייגענע נוצן. קיין איין טאָג וואָלטן די יינגעלייט דאָ נישט איבערגעבליבן און נישט געהאַט דעם ווילן און די מאַכט ביייצושטיין די אַלע שווערע נסיונות פון ערד, קלימאַט, ווילדעניש, ווען זיי וואָלטן נישט געוווּסט, אַז נישט פאַר זיך, אָדער פאַר וועמען דאָס איז אַ יחיד, בויען זיי דאָס, וואָס זיי בויען — נאָר פאַרן יידישן כלל, און צוזאַמען מיט זייערע נאַציאָנאַלע אידעאַלן ווערן אויך פאַרווירקלעכט די אידעאַלן פון יושר און

סאָציאַלער גערעכטיקייט, וואָס זיי האָבן צוזאַמען איינגעזויגן אין זייער בלוט ביי זייער נאַציאָנאַלער דערציאונג. סאָציאַלער יושר באַווייזט זיך שטענדיג ביי יעדן אָנהויב פון פאַרווירקלעכן אַ פאָלקס־אידעאַל. ביי אונז איז שטענדיג געווען פאַרבונדן דאָס אויפבויען פון ארץ־ישראל מיט דער משיח־אידעע און די ווידער־אויפ־לעבונג פון יידישן פאָלק מיט אַבסאָלוטער גלייכגעשטעלטקייט פון אַלע קלאַסן פון יידישן פאָלק.

די מערסטע יונגעלייט פון עין־חרוד קומען פון רוסלאַנד — פיל פון קרים, פיל פון אוקראַינע, כאָטש עס פעלן אויך נישט קיין פוילישע יידן (פוילישע יידישע אידעאַליסטן זענען געווען די בויער פון „עין־חרוד"), אַלץ מענטשן, וואָס האָבן אַ העלפט פון זייער לעבן שוין אַוועקגעגעבן פאַר דעם ארץ־ישראל־אידעאַל. אין ארץ־ישראל רופט מען זיי (און זיי האַלטן זיך אַליין אויך אַזוי) יידישע קאָזאַקן, וואָס נעמען אויף זיך פרייוויליג אָפּצוּ־דינען אַ לעבן דעם יידישן פאָלק. איך ווייס נישט אויב עין־חרוד איז אַ פּראַקטישע לעזונג פון דער פראַגע. יעדנפאַלס איז עס אַ וואונדערבאַרע שולע, אַ פּיאָנערן־שולע. און די מענטשן, וועלכע גייען דורך די שולע, ווערן פאַרהאַרטעוועט, דורכגע־ברענט אין זיבן קאַלך־אויוונס פון האַרטנעקיגן ווילן און קריש־טאַלענעם אידעאַל. און ארץ־ישראל באַדאַרף האָבן אַזעלכע בויערס.

איך גלויב, אַז אַ פיל פּראַקטישערע פאָרם פון פאַרוואַל־טונג פאַר דעם ארץ־ישראל־באָדן איז די „בורזשואַזישע" קאָמו־נע פון נהלל, אויך אַ קאָלאָניע, וואָס איז אויפגעשטאַנען אין די לעצטע יאָרן אין עמק, פון די עלטסטע און איבערגעגעבנסטע יידישע אַרבעטער. אַזויווי אין עין־חרוד, באַלאַנגט אויך דאָ דער באָדן צום נאַציאָנאַל־פאָנד, און ווערט אַוועקגעגעבן אין אַרענדע צו די פויערים פון נהלל, אַזוי לאַנג ווי זיי באַאַרבעטן דעם באָדן. דער חילוק איז נאָר דער, וואָס זיי לעבן נישט אין אַ קאָמונע, נאָר יעדער קאָלאָניסט האָט זיינע הונדערט דונאַם, וועלכע ער באַאַרבעט אַליין אויף אייגענע אחריות, ער טראָגט אַלע היזקות און ער האָט אַלע רווחים פון דער אַרבעט פון זיין שווייס. נאָר אַרבעטן וואָס פאַרלאַנגען מערערע הענט, ווערן גע־

טאָן קאָלעקטיוו, און זיי העלפן איינער דעם אַנדערן אין באַהאַנ־
דערע נויטן. די קאָלאָניע געפינט זיך אין אַ גלענצנדן צושטאַנד.
די איבער הונדערט קאָלאָניסטן, וועלכע באַוואוינען די קאָלאָניע,
זענען נישט נאָר צופרידן, נאָר גליקלעך און באַגייסטערט. און
ווי באַשיידן און אָרעמלעך עס זענען נישט זייערע הילצערנע
הייזלעך, רוט אין זיי די שכינה פון די גערעכטע. די מערסטע
קאָלאָניסטן באַשטייען פון אידעאַליסטישע אינטעליגענטע פּועלים,
וועלכע האָבן „אָפּגעאַרבעט” ביים יידישן פאָלק צענדליגער יאָרן.
ווי אָרעם זייערע היימען זענען נישט, געפינט איר דאָרט אין
זיי דעם שמייכל, וואָס לייכט אויף דעם פּנים פון אַ מענטשן,
וואָס לעבט בשלום מיט זיין אידעאַל. זייערע פעלדער באַלאַנגען
צו די בעסטע אין ארץ־ישראל; זייערע ווייצן און זייערע גערשטן
זענען געבענטשט פון אַרבעטער־הענט און זייערע קי גיבן די
מערסטע צאָל ליטער מילך. אַז איך בין אַריינגעקומען אין דער
קאָלאָניע, האָבן מיך ווייבער מיט זייערע קינדער אַרומגערינגלט
מיט בלומען אין די הענט, און מען האָט געקענט פילן די בלו־
מען, וואָס וואַקסן אין זייערע הערצער. אַחוץ דעם שווערן מס
וואָס לייגט אויף זיי אַרויף די ענגלישע רעגירונג; חוץ וואָס
זיי האָבן איינגעפירט די בעסטע און מאָדערנסטע כּלים הויבן
זיי שוין אָן אָפּצוצאָלן דעם חוב דעם יידישן פאָלק.

אין בלפוריה האָב איך צום ערשטן מאָל געהערט דאָס
וואָרט, וואָס מען הערט עס אַזוי זעלטן יעצט נישט נאָר אין ארץ־
ישראל, נאָר אין דער גאַנצער וועלט: „הלואי אויף אַלע יידן
געזאָגט געוואָרן”. דאָס איז געווען אַן ענטפער אויף מיינער אַ
פראַגע: „ווי גייט עס, ר׳ פעטער?” און דעם ענטפער, האָט מיר
געגעבן אַ געלער, אָפּגעשוירענער ייד מיט אַ זומער־באַשפּרינקלט
פּנים אין אַ שטוב מיט פליגן, וועלכע האָבן זיך געראַיעט אַרום
טרוקענעם קעז און אַרום גרויסע קאַנען מיט מילך. דער ענט־
פער איז געווען פון אַן אוקראַינער ייד, וואָס האָט קוים גע־
ראַטעוועט דאָס טרוקענע לעבן, ער מיט זיין ווייב און זיינע
זעקס קינדער. אין הויף זענען פונקט אָנגעקומען פון פעלד זיי־
נע צוויי יונגען, אויך מיט אָפּגעשוירענע קעפּ און באַשפּרענקלט.

טע פנימער, זיצנדיג אויף אַ הויכן שטאָק־פור־היי, וואָס זיי האָבן נאָר־וואָס געבראַכט פון פעלד.

— איר זעט די „בנים"? ווייזט מיר דער פאָטער מיט שטאָלץ — הלואי גיט מיר גאָט כאָטש אַ טוץ. בין איך אַ פאַר־זאָרגטער, און איר זעט די בנות? — ווייזט ער אויף זיינע צוויי מיידן, וואָס זענען אָנגעקומען מיט די עמערס מילך פון שטאַל אַרויס — הלואי כאָטש זעקס אַזעלכע. ביי מיר זענען קינדער קיין „באָוול" נישט.

געהערט אַזעלכס, האָב איך זיך זייער פאַרוואונדערט. איך בין נישט געוואוינט געוועזן צו הערן פון יידן אין דער איצטי־גער צייט, אַז זיי זאָלן זיך בענטשן מיט פיל טעכטער. איך האָב זיך אויסגעפרעגט ביים ייד, בין געוואר געוואָרן, אַז דאָס האָט אים אַ רייכער אַמעריקאַנער קרוב אַרויסגענומען פון מצרים (פון אוקראַינע) און איינגעאָרדנט אין דער קאָלאָניע.

בלפוריה רופט מען טאַקע די אַמעריקאַנער קאָלאָניע. מערסטנס זענען די קאָלאָניסטן אַליין אַמעריקאַנער, אָדער אַזעלכע, וואָס אַמעריקאַנער קרובים האָבן איינגעאָרדנט. די קאָלאָניע איז אויך אין אַ וואויל־האָבנדיגן צושטאַנד. פון די הונדערט דונאַם לעבן זיי אַ באַשיידן, נאָר אַן ערלעך און געזונט לעבן. אַבי עס זענען נאָר דאָ גענוג הענט צו אַרבעטן. די קאָלאָניע מאַכט, איבריגנס, אויסערלעך אַן איינדרוק נישט ווי אַ קאָלאָניע, נאָר— ווי אַ זומער־וואוינונג פון רייכע מענטשן, אָדער אַ גאָרטן־שטאָט. די הייזער זענען אַלע געבויטע אין וואונדערבאַרע אַרכיטעקטו־רישע סטילן, וואָס אַ יידיש־דייטשער פּעאיגער אַרכיטעקט אַרבעט איצט אויס פאַר די קאָלאָניסטן.

איך בין אַריינגעקומען אין דער קאָלאָניע פאַרנאַכט, און דאָס ליכט האָט זיך אַרויסגעגאָסן פון די ברייטע פענסטער און באַקוועמע ווערענדעס. איך האָב געמיינט, אַז איך בין אַריבער־געטראָגן געוואָרן אין אַ פרעכטיגער גאָרטן־שטאָט ביי ניו־יאָרק אָדער שיקאַגאָ — נישט אין קיין קאָלאָניע: שיינע אַקאַציען־אַלעען, און פאַר יעדן הייזל גרינס און בלומען־גערטנער.

בכלל באַדאַרף מען זאָגן, אַז אין דאָרף פילט מען נישט

דעם קריזיס פון ארץ־ישראל. אין דער הינזיכט ווערט ארץ־ישראל גלייך צו יעדן אנדערן לאנד, און די באפעלקערונג פון ארץ־ישראל — צו יעדער אנדערער באפעלקערונג. וואס עס זאל זיין נישט אפטאן אין שטאט — דאס דארף שלאפט רואיג.

אחוץ עפולה, וואס איז געבויט געווארן אין איילעניש — אויף דיזעלבע יסודות וואס תל־אביב. עפולה מאכט א קלעג־לעכן איינדרוק און די פיל ארבעטסלאזע, וואס דרייען זיך דארט ארום, און די פיל אנטוישטע יידן וואס האבן פארלוירן זייער געלט אין פלעצער און האלב־געמויערטע הייזער (וואס זיי קענען איצט נישט פארענדיגן), ווארפן אן א חושך און א פחד אפילו צווישן די פעטע און פייכטע פעלדער פון גליל.

איבער גן־ילדים — א קאלאניע וואס ווערט באארבעט אויסשליסלעך פון די פאגראם־קינדער פון אוקראינע (וועלכע ווערט אויסגעהאלטן פון אפריקאנישע יידן) — זענען מיר גע־פארן נאך נחלת־ישראל. מיר האבן געהערט, אז אין נחלת־ישראל האט מען די נאכט געהרגעט א יידישן וועכטער. נחלת־ישראל איז א קאלאניע וואס די „אגודה" האט פארקויפט אין קליינע חלקים צו אירע אנהענגער. האבן זיך אנגעכאפט אין אן אוואנטוריסטישן פלאן (וואס יעדער משוגענער אדער אוואנטוריסט ארבעט אויס יעדע פאר וואכן, וויאזוי צו באזעצן ארץ־ישראל מיט יידן), אז פינף דונאם איז גענוג פאר א פאמיליע זיך צו דערנערן, און ארויסגעשיקט שליחים איבער דער וועלט, וועלכע האבן פארקויפט צו יידן אויפן פאפיר זייער חלק אין ארץ־ישראל. וואס איז געווען אויסגעמאלט אויפן פלאן און באצירט מיט פרומע יידישע פסוקים: א הויז צו וואוינען, א שטאל פאר די בהמות, א גארטן אויף גרינס, א פעלד פאר תבואות, וואסער פאר א מקוה, א שטיבל פאר די חסידים — מיט איין ווארט: נאר צו קומען און אוועקצוזעצן זיך „אונטערן פייגנבוים און ווייג־שטאק".

אז אין בין אריינגעקומען אין דער „קאלאניע", האב איך אנגעטראפן א חורבן — א חורבן איז ווינציג — קיין פיינד האט נישט געקענט אויסטראכטן קיין קלעגלעכער בילד, ווי דאס

וואָס האָט זיך דאָרט אַנטפּלעקט פאַר די אויגן. צוגעקלאַפּטע, מיט ברעטער, פענסטער און טירן, אויף הילצערנע הייזלעך, מיט האַלב־פאַרפוילטע דעכער, וועלכע זענען פאַרלאָזט געוואָרן פון די איינוואוינער. אין איינעם פון די הייזלעך ליגט אַ מת, גע־הרגעט געוואָרן פון די אַראַבער בײנאַכט. די אַלמנה מיט די קינדער, וואָס זענען ערשט אָנגעקומען, זיצן אבלים אויף דער שוועל פון הייזל. אין דער „קאָלאָניע" אַליין דרייט זיך אַרום אַ ייד מיט אַ ברייטן קאַפּעליוש. אין אַ פּאָר גרויסע אַמעריי־קאַנער ברילן, מיט אַ פּאָר גרויסע, גרויע ברעמען, זעט אויס ווי אַן אַמעריקאַנער „רעווערענד" (און ווי איך בין שפּעטער גע־וואָר געוואָרן, איז עס טאַקע געווען אַ רבֿ פון שיקאַגאָ) — און ביייזערט זיך אויף די אַמעריקאַנער יידינע, וואָס דרעפּטשעט לעבן אים און פאַרהאַלט זיך מיט די הענט די וויינענדיגע אויגן:

— שוטה, בהמה, אָקס, קו — רופט ער אויס אַלע נעמען פון זיין אינוועטאַר אויף דער יידענע — וואָס וויינסטו, וואָס? אַז מען האָט דיך אָפּגענאַרט, איז וואָס — באַדאַרפסטו וויינען?

איך האָב געפרעגט דעם ייד פאַרוואָס ער איז אַזוי אויפגערעגט, האָט ער מיך געסטראָשעט מיטן גראָבן שטעקן אין האַנט. גע־מיינט אַז איך בין אַן ארץ־ישראלדיגער און ער איז אַרויף אויף מיר מיט לשון. ערשט אויף דער עצה פון מיינעם אַ פריינט האָב איך באַנוצט אַ פּאָר ענגלישע ווערטער, האָט ער זיך מיט מיר דערפרייט:

— זייט איר אויך אַן אַמעריקאַנער, אַזוי זאָגט — קריגט ער צו מיר צוטרויען — מיט אַ היגן וויל איך נישט רעדן. איך וועל אייך דערציילן.

ער קומט פון שיקאַגאָ, וואו ער איז געווען אַ רבֿ; גע־מאַכט אַ פּאָר דאָלאַר, אָפּגעמלעט אַ פּאָר איטאַליענישע שקצים, וועלכע האָבן זיך פאַרליבט אין יידישע מיידלעך, האָט ער זיך געקלערט אויף דער עלטער צו פאָרן קיין ארץ־ישראל. ביי אים אין שול האָט אים אַ פאָרשטעער פון דער „אגודה" פאַרקויפט אַ נחלה פאַר דריי טויזנט און דריי הונדערט דאָלאַר, וועלכע ווערט אויפגעשטעלט פאַר אים אין דער קאָלאָניע „נחלת ישראל"

— אַן אייגן הויז, אַ שטאַל, אַ קו, אַ פעלד פאַר תבואה, אַ גאָרטן אויף גרינס — מיט איין וואָרט: אַלעס וואָס אַ ייד דאַרף צום לעבן; האָבן זיך געזעגנט מיט אים זיינע לאַנדסלייט, גע־מאַכט אים אַ באַנקעטל, געהאַלטן „ספּיטשעס", אים געוואונטשן אַ גוטע עלטער אין ארץ־ישראל. „אַ שטאָט מיט מענטשן האָבן מיר מקנא געווען, זאָגט ער, וואָס מיר האָבן די זכיה צו פאָרן קיין ארץ־ישראל אין דער אייגענער נחלה. צום סוף איך קום צו פאָרן: וואו איז מיין „נחלה"? — וואָס נחלה. ווען נחלה — קיין הויז, קיין בוידעם, קיין שטאַל, קיין פעלד — אַ וויסטעניש! מענטשן זענען זיך צולאָפן, און אָנשטאָט דעם גע־פינען איך אַ מת אין שטוב. אַ שיין ארץ־ישראל"!

— וואָס האָט איר געמיינט, מען וועט אייך פאַרקויפן אַ שי־קאַגאָ? אַ ניו־יאָרק וועט מען אייך פאַרקויפן פאַר אייערע דריי טויזנט דאָלאַר — טענהט צוריק צו אים אַ יידל אין אַן ארץ־ישראל־כאַלאַטל, מיט אַ שפּיציג בערדל און ציטערדיגע פּאות, דער פאַרשטעער פון דער „אגודה".

— מען האָט מיר געזאָגט פינף דונאַם. וואָס ווייס איך פון אַ דונאַם? אין דער היים האָט מען געוואוסט פון אַ מאָרג, פון אַ דעסיאַטין. איך האָב געמיינט פינף דונאַם איז — פינף דונאַם! אַ פעלד! צום סוף, מען ווייזט מיר אָן אַ שטיקל גע־נוג אויף אַ „יאַרד" (אויף אַ הויף) — אויך נישט — און דאָס זאָל מיין פרנסה זיין!

אין נחלת־ישראל אחוץ דעם טויטן, וואָס די אַראַבער האָבן ביינאַכט געהרגעט, און דאָס אַמעריקאַנער רבל, וואָס איז געקומען צו זיין נחלה, האָב איך געפונען נאָך אַ „קאָלאָניסט", אַ פּוילישן יידן, אַ טלית־מאַכער, וואָס ער איז אַראָפּגעפאָרן קיין ארץ־ישראל מיטן רבינס כח. געמיינט, אַז ער וועט זיך דאָ פאַרלייגן אַ פאַבריק פון טליתים. און דער סוף — פון די טליתים איז גאָרנישט געוואָרן.

— אין דער היים, אין פּוילן — פאַרציילט ער מיר — האָב איך אויסגעאַרבעט „ארץ־ישראל־טליתים", זענען זיי געגאַנ־

גען. און דאָ, אין ארץ־ישראל, ארבעט איך אויס טליתים, רופט מען זיי „פוילישע“ און זיי גייען נישט.

נאָר דעם יידן האָט גלאַט געטראָפן אַן אַנדער גליק: ער איז אָראָפּגעקומען מיט שיינע טעכטער, און איינע פון זיי האָט שוין חתונה געהאַט מיט אַ פרומען פראַנקפורטער יונגנמאַן, וואָס באַלאַנגט אויך צו דער „אגודה“ און איז אויך אַ „קאָלאָ־ניסט“ פון נחלת־ישראל, און די צווייטע שטייט שוין אין שי־דוכים. און אַז דער ייד האָט זיך גענומען קלאָגן אויף ארץ־ישראל, האָט אים מיין באַגלייטער איבערגעריסן אין די רייד:

— וואָס איר האָט זיך אויך צו קלאָגן? איר האָט אויך צוגעלייגט צו ארץ־ישראל? חתונה געמאַכט אַ טאָכ־טער אין פוילן וואָלט איר אויך אַזוי געשווינד חתונה גע־מאַכט אַ טאָכטער?

געהערט דאָס גליק, וואָס האָט דעם יידן געטראָפן, האָב איך זיך אויך אָנגענומען פאַר ארץ־ישראל.

— דאָס לעצטע מאָל, ווען איך בין געווען אין פוילן — פאַרציייל איך דעם יידן — האָב איך געהערט ווי יידן רופן אַן אַן איידעם „פראָפעסאָר“. מיין „פראָפעסאָר“, רימט זיך אַ ייד מיט זיין איידעם. אַז איך האָב געפרעגט: „וואָס איז דאָס פאַר אַ צו־נאָמען פאַר אַן איידעם?“ האָט מען מיר געגעבן צו פאַר־שטיין, אַז יעדער איידעם איז אַ פראָפעסאָר, ווייל ער שניידט אַראָפּ דעם הויקער און עס טוט גאַרנישט וויי... נו, האָט איר דאָך זוכה געווען צו אַ „פראָפעסאָר“ — וואָס קלאָגט איר זיך?

— איך קלאָג זיך טאַקע נישט — האָט זיך דער ייד פאַרשעמט אנגערופן — איך זאָג שוין גאַרנישט. אַוודאי האָט מיר גאָט געטאָן אַ נס. צו עסן איז נישטאָ, אָבער אַ טאָכטער האָב איך דאָך אויסגעגעבן...

אַז איך בין צוריק געפאָרן פון נחלת־ישראל קיין עפולה, איז שוין געווען שטאַרק פינסטער. די שטערן האָבן ברייט און ליכטיג געשיינט אַראָפּ פון דעם טיפן, בלויען ארץ־ישראל־הימל, און פון דער פינסטערער ערד האָבן שוין אויך אָנגעהויבן אַרויסצושיינען ליכטער פון די פילע הייזלעך, וואָס זענען פאַר־

שפּרייט אין עמק. איך האָב זיך דערמאָנט אָן פּאָר פּערצן יאָר, ווען איך בין דאָ געווען. דאָן איז אויך געווען אזא נאַכט ווי די היינטיגע. די שטערן האבן געשיינט פון הימל אראָפּ, נאָר די ערד איז געווען איינגעהילט אין איין געדיכטער פינסטער־ניש. היינט הויבט שוין אויך אָן די ערד פון גליל צו שיינען, פונקט אזוי ווי דער הימל אויבן, מיט הונדערטער ליכטער פון מענטשלעכע שטיבער ארויס. אין מיין הארץ איז רייף געוואָרן א ברכה אפילו אויף די איינוואוינער, וואס וואוינען אין די פרומע הייזער...

9

# מיט דעם רבינס כּח

איבער די שיינע בערג פון נצרת. אין דעם פרוכטבאַרן פלאַכן טאָל, צו דער חסידישער קאָלאָניע, וואָס ליגט נישט ווייט פון חיפה.

מען קען נישט זאָגן אַלס אַ כּלל, אַז די פּוילישע יידן האָבן נישט קיין מזל צו ארץ־ישראל. ווי פיל פון די פּוילישע יידן גלויבן אַליין, און ווי אַנדערע האָבן זיי איינגערעדט. גע־פינען זיך דאָך צווישן די ערשטע, ערפאָלגרייכע קאָלאָניסטן נישט ווינציג פּוילישע יידן, און זענען דאָך די באַגייסטערטע אָנפי־רער און גרינדער פון עין־חרוד, און אויך פון נהלל, יידישע יינגעלייט, וואָס זענען געקומען פון פּוילן. איבערהויפּט האָט זיך אַ שטאָט אויף יענער זייט פּלאַצק אויסגעצייכנט מיט גרויסגעבן אידעאַליסטישע טוער פאַר ארץ-ישראל. דער יינגער דור פּוילישע יידן איז פיל פאַרטרעטן אין אַלע אַרבעטן פון ארץ־ישראל. נאָר וואָס עס איז דאָ עפּעס וואָרס אין דער אָנגענומענער מיינונג וועגן פּוילישע יידן אין ארץ-ישראל איז עס אמת בנוגע דעם עלטערן דור. און דאָס איז נישט צוליב עפּעס אַ מיסטישן פאַ־טאַליזם, וואָס רוט אויף די פּוילישע יידן. עס איז גאַנץ איינ־פאַך דערפאַר, וואָס פון עלטערן דור פּוילישע יידן איז געפאָרן אַזאַ עלעמענט, וואָס איז לחלוטין נישט געווען צוגעפּאַסט צו די באַדינגונגען און צו דער אַרבעט, וואָס ארץ־ישראל באַדאַרף האָבן.

ס'איז אמת, אַז דער פּוילישער ייד איז מער פּאַרוויינט, מער געפּיעשטשעט, ווי יידן פון אַנדערע מדינות, עס קען מעג־לעך זיין, אַז דאָס קומט פון דעם, וואָס דער פּוילישער ייד

האָט, פאַרהעלטנישמעסיג, ביז איצט, בעסער געלעבט ווי יידן פון אַנדערע מדינות. יעדנפאַלס, איז עס נאָר אַן אויסערלעכע זאַך, און דער פוילישער ייד, אַז ער ווערט „איינגעבראָכן" אין די צרות און מאַטערניש, וואָס די ארץ־ישראל־ערד איז אים מכבד, ווערט ער נישט ווינציגער פאַרהאַרטעוועט און ראוי צו דער ערד, ווי די יידן פון די אַנדערע טיילן פון דער וועלט.

לאָמיר זיך נישט נאַרן: וואָסערע עלעמענטן זענען געפאָרן פון פוילן נאָך ארץ־ישראל? וואָס האָבן די יידן געוואוסט פון ערד־אַרבעט אָדער פון ארץ־ישראל? ארץ־ישראל האָבן זיי געקאָנט פון „שיר השירים", אָדער פון דער „צאינה וראינה", אַז דאָס איז אַן ארץ זבת חלב ודבש. די ערד־אַרבעט אין ארץ־ישראל, האָבן זיי זיך פאָרגעשטעלט, קומט פאָר אין דעם לאַנד פון די אבות אונטער אַזעלכע אומשטענדן: אויפן באַרג כרמל, אָדער אויפן לבנון, וואַקסן גרויסע, גרויסע טענענבוימער, קליינע פוקסלעך לויפן דאָרט אַרום צווישן די טענענבוימער און די שיינע בנות־ציון זיצן מיט האַרפעס אין די הענט און פאַשען די שאָף אין דעם שאָטן פון די „גליסטונגס־בוימער", און זינגען צו די שירי־ציון. און ער, דער שוואַכער ייד, גייט זיך מיט זיין אַקער אין דער האַנט און אַקערט אויף הייליגער ערד פון ציון, און ער הערט זיך איין צו די שיינע שירי־ציון, וואָס די בנות־ציון זינגען, פיטערנדיג די שאָף, אונטער דעם שאָטן פון די גרויסע טענענבוימער...

אין די קליינע שטעטלעך פון פוילן האָב איך געקענט ציוניסטן, אויסגעדינטע לשון־קודשדיגע לערער, מיט רויטע רויזן אויף זייערע באַקן, וואָס די סובאָטעס האָבן געמאָלן אויף זיי, מיט שוואַכע הערצער — אַ פוס אין קבר, און זיי האָבן נאָך געחלומט פון פאָרן אין ארץ־ישראל.

— אָט מיט די הענט — האָט ער אויפגעהויבן זיינע בליי־כע, ביינערדיגע, קינדישע הענט, דער לשון־קודשדיגער לערער, און געוויזן — אָט מיט די הענט וועל איך אויפגראָבן די האַרטע ערד פון יהודה.

אַזוי האָט ער געחלומט ביז ער איז אַריינגעטרעטן אין קבר אַריין.

אַ חבר האָב איך געהאַט אין קוטנע. אינאיינעם מיט אים זיך לשון־קודש געלערנט אונטער דער גמרא אין קוטנער בית־מדרש. געבאָרגט זיך ביכלעך, און אין די פאַרנאַכטן זענען מיר געגאַנגען אויפן וועג צום בית־הקברות און געחלומט ביידע פון די פעלדער פון ארץ־ישראל, וואו מיר וועלן ביידע וואוינען אין שכנות. מיין סענטימענט צו ארץ־ישראל האָב איך נאָך פון יענע טעג, ווען מיר זענען ביידע געגאַנגען אויף די וועגן שפּאַצירן און געזונגען מאַנעס לידער. איך בין אַוועקגעפאָרן אין דער גרויסער וועלט; ער איז איבערגעבליבן אין קוטנע, חתונה געהאַט, קינדער געהאַט, אַ סוחר געוואָרן, אַ קראָם אין שטאָט געהאַט, דערנאָך אַן אייגן הויז, נאָר די גאַנצע צייט איז ער געפאָרן קיין ארץ־ישראל די ערד באַאַרבעטן.

— דרייסיג יאָר בין איך געפאָרן קיין ארץ־ישראל — האָט ער מיר געזאָגט.

יעדן שבת איז ער זיך צוזאַמענגעקומען מיט נאָך אַזוינע צוויי־דריי ציוניסטן און זיי זענען „געפאָרן" קיין ארץ־ישראל. די גאַנצע פּראָווינץ האָט ער געמאַכט ציוניסטיש געשטימט. אין די צייטן פון צאַר איז ער איבער זיינע אידעען אין תפיסה געזעסן. אָבער ער איז אין קוטנע געבליבן זיצן. געהאַנדלט, געוואַנדלט, קינדער געבוירן און קינדער אויסגעגעבן — און קיין ארץ־ישראל נישט געפאָרן. ערשט אַז ער איז אַלט געוואָרן, האָט ער הויז און געוועלב פאַרקויפט און איז געפאָרן. ניין, נישט נאָך תל־אביב מיט פלעצער האַנדלען, נאָר די ערד באַאַרבעטן, אַ פויער דאָרט צו ווערן. אַ פעלד זיך געקויפט, קי זיך איינגעשאַפט, קאַרטאָפלעס פאַרזייט. און איצט האָב איך אים געטראָפן אין תל־אביב אַ פאַרצווייפלטן, אַ נידערגעשלאָגענעם, מיט אַ לאָך אין זיין האַרצן, דאָרט וואו אַ הייליגער פלאַם פון אמונה האָט געברענט; מיט אַ פול מויל פּרעטענזיעס און קללות צו די ציוניסטן, זיין יוגנט האָט ער דעם קוטנער געוועלב אַוועקגעגעבן, די עלטער - האָט ער דער ארץ־ישראל־ערד גע-

בראַכט. ווער איז אים שולדיג, וואָס אַ קערצל קאַרטאָפל קאָסט אים ביליגער צו קויפן איידער צו פאַרזייען, און אַ קוואָרט מילך פון זיין אייגענער קו קאָסט אים טייערער ווי ער קריגט עס אין געוועלב...

דאָס זעלבע איז מיט די חסידים.

פאַר אַ פּאָר יאָר האָב איך געטראָפן אַ חסידישן יונגג־מאַן מיט אַ סימפּאַטיש אויסזעען, וועלכן מען האָט פאַר מיר פאָרגעשטעלט אַלס יאַבלאָנער רבי.

דער יונגערמאַן, וועלכער האָט זיך געהאַלטן באַשיידן און פרום, האָט געהאַט איידעלע הענט, ווי אַ שוואַכע פרוי, אַ בויגזאַמען, דינעם קערפּער, אַן אויסגעטריקנט און אַ גייסטיג־געל פּנים. אויף דעם יונגגרמאַן האָט מען מיר אָנגעוויזן, ווי אויף משיח־צייטן — ער פּאָרט מיט זיינע חסידים קיין ארץ־ישראל צו באַארבעטן די ערד מיט די אייגענע הענט.

איך מוז זיך מודה זיין, אַז קיין גרויס צוטרויען צו זיין אַרבעט האָב איך נישט געהאַט. נאָר דרך־ארץ און רעספּעקט האָב איך יאָ באַקומען פאַר אים. אַ רבי, וואָס וואַרפט אַוועק זיין פעטן טיש און זיין לייכטע מלאכה און לאָזט זיך אויף אַזאַ ריזיקאַלישע „אונטערנעמונג”, וואָס, יעדנפאַלס, ביי דער באַציאונג צו די נאַציאָנאַלע גויטן פון יידישן פאָלק, וואָס עס הערשט מצד די יידישע כּלי־קודש, קען ער נישט דערוואַרטן קיין אָנערקענונג אין זיינע קרייזן — אַזאַ מענטש מוז אַרויסרופן רעספּעקט צו זיך.

לאָמיר זיין גאַנץ אָפן. אונזערע כּלי־קודש צייכענען זיך נישט אויס מיט קיין איבעריגן אידעאַליזם. מיר קענען האָבן פאַרשידענע מיינונגען וועגן די רבנים און חסידים און דעם גאַנצן קלאַס יידישע כּלי־קודש, אָבער דאָס מוזן אַלע מודה זיין, אַז יעדנפאַלס די הייַנטיגע יידישע רבנים און גוטע־יידן נוצן נישט אויס דעם גרויסן איינפלוס, וואָס זיי האָבן נאָך אויף די יידישע מאַסן, פאַר העכערע און גייסטיגע צוועקן, אַפילו פון זייער אייגענעם שטאַנדפּונקט, אַחוץ פאַר זייערע אייגענע פּערזענלעכע אינטערעסן. איך בין נישט קיין מוסר־זאָגער און

נישט מוסרן בין איך געקומען די יידישע כּלי-קודש. מיין באַ־ציאונג צו זיי איז גאַנץ קלאָר. גאר אַלס נאַציאנאַלער ייד טוט מיר אפּטמאל וויי, ווען איך זע, ווי גייסטלעכע פון אַנדערע אמונות פּאַסן זיך צו צו די אומשטענדן און צו די דערציאונגס-מעטאדן פון זייער דור און זייער יוגנט, און שענקען זיך אוועק אין גאַנצן צו די אינטערעסן פון זייער פאלק, און איך פאַר־גלייך זיי מיט די יידישע גייסטלעכע. אין פראנקרייך, וואו פאקטיש די קירכע איז אפּגעשניטן פון דער רעגירונג, האט נאך ביז היינטיגן טאג די קאַטוילישע קירכע דעם גרעסטן איינפלוס אויף דער דערציאונג פון פראנצויזישן יינגן דור. און דעם איינפלוס געווינען זיי נישט דורך מאכט (ווי אין די אַמאליגע צייטן), נאר דורך דעם וואס זיי שענקען זיך אוועק צו דער יוגנט. פארט ארויס אין פראַנקרייך אויף די פּראווינצן, אין די וועלדער, אויף די זומער-וואוינונגען, וועט איר זעען ווי טויזנ־טער און טויזנטער גלחים וואַלגערן זיך ארום מיט די ארעמע פראנצויזישע קינדער אין די וועלדער, ווי זיי באַשעפטיגן זיך מיט די קינדער, כאַפּן צוזאַמען מיט זיי פיש, יאָגן זיך אויף רעדער, שווימען צוזאַמען און פירן אַן אָרים, געפלאָגט לעבן, ווי די אָרעמע קינדער.

וואָס האָבן אונזערע גייסטלעכע געטאָן צו געווינען די יוגנט אויף זייער צד (פון זייער אייגענעם שטאַנדפּונקט), אַחוץ וואָס זיי לאָזן זיך באַנוגענען מיט אַ פּאָר חרמות און מוסר-זאָגן פון צייט צו צייט. האָט איינער פון זיי צוזאַמענגענומען די אָרעמע יידישע קינדער פון די וואַרשעווער גאַסן און זיך אינטערעסירט מיט זייער גורל? פאַר יאָרן און יאָרן, ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ באַוועגונג ביי די פּוילישע פּויערים אויסצוּוואַנדערן קיין ארגענטינע און בראַזיליע. קעגן דער ווּסי־שער מאַכט, וואָס האָט דעמאָלסט געשטיקט פּוילן, האָבן הונ־דערטער און הונדערטער גלחים זיך אויפגעכאַפּט און מיטגעפאָרן מיט די פּוילישע פּויערים קיין אַרגענטינע, געלעבט מיט זיי אונטער די שווערסטע באַדינגונגען, אין פרעמדע און פּיינלעכע קלימאַטן, אַבי צו זיין מיט זיי צוזאַמען און זיי צו דערהאַלטן

ביים קאטאליציזם און פוילנטום. ריירנד איז צו לעזן וואן־גאנגס לעבנס־באשרייבונג, ווען ער איז נאך געווען א גלח, ווי ער האט געוואוינט מיט די קוילן־גרעבער אונטער דער ערד אין בעלגיען.

אבער אונזערע רבנים זענען געפארן קיין אמעריקע, וואו זיי האבן געקענט פארקויפן די פאטאגראפיעס פון זייערע זיידעס צו זייערע לאנדסלייט, אדער מאכן זיך אייגענע בית־עולמס, וואו אין מיטן בית־עולם שטעלן זיי אויף אן „אוהל" פאר זיך און פארקויפן קברים צו רייכע שניידערס, לעבן זייער אייגענעם קבר...

האט איר שוין געהערט, אז א רב זאל איצט פארן קיין אויסטראליע, וואו די יידישע עמיגראציע האלט ערשט ביים אנהויב? ניין. וואס איר ווילט, קענט איר זאגן אויף אונזערע רבנים און רביים — קיין גרויסע אידעאליסטן זענען זיי יעדנפאלס נישט.

דורך דעם האב איך מיט א באזונדערן אינטערעס נאכגעפאלגט דעם גאנג פון דער חסידישער קאלאניזאציע אין ארץ־ישראל, און איך האב געהאט גרויס עגמת־נפש, הערנדיג וועגן זייער מיספארלג. זייענדיג אין ארץ־ישראל, האב איך מיר געמאכט פאר מיין אויפגאבע זיי צו באזוכן און צו פארברענגען ביי זיי א געוויסע צייט.

די קאלאניע אליין ליגט אין א זייער גינסטיגער געגנט. זי איז די נאנטסטע קאלאניע צו חיפה, נישט ווייט פון דער גרויסער יידישער צעמענט־פאבריק. די קאלאניע איז זייער גוט צוגעפאסט צוצושטעלן מילך, היגער און גרינוואַרג פאר חיפה, וואס האלט זיך אין אנטוויקלען, וועלכע שפייזט זיך ביז איצט פון אראבישע דערפער און אויך פון די נייע יידישע דערפער אין עמק. וואס שטעלן איר צו מילך פאר א פרייז, וועלכן ניו־יארק קען זיך נישט שעמען צו נעמען.

די קאלאניע פארנעמט אויך א זייער גרויסע שטרעקע באדן. איך ווייס נישט אקוראט וויפל דונאם, נאר אויסערלעך מאכט זי א גוטן איינדרוק, סיי מיט די באוואקסענע פעלדער

און סיי מיט די פיל הייזלעך, וואס שיטן זיך אויס סיי אויפן בערגל, סיי אין טאָל.

נאר קוים קומט איר אַריין אין דער קאָלאָניע, דערפילט איר גלייך, לויט איר שטימונג, איר מצב. ערשטנס, פאַרט איר אַראָפּ פון וועג דורך אַ גרויסן גראָבן צו דער קאָלאָניע צו. ביאַליק האָט געלערנט מיט מיר פשט אויף צוויי פסוקים פון תנ״ך. ער האָט מיר געגעבן צו פאַרשטייען, וואָס דאָס הייסט „מים נאמנים" און „עין כזב". „מים נאמנים" הייסט אַזאַ וואַסער, וואָס ווען מען קומט צו צו אים, געפינט זיך תמיד וואַסער, ווי דער ירדן, למשל. און „עין כזב" אין דער טייטש: אַזעלכע וואַסערן, וואָס אַמאָל קומסטו צו, געפינסטו אַ טייך, אַ פרישן און קוואַלענדיגן, וואָס פאַרפלייצט די פעלדער און די סעדער. און אַמאָל קומסטו צו, און — ווי ס'וואָלט דאָרט קיינמאָל קיין וואַסער נישט געווען. אין ארץ־ישראל געפינען זיך פיל אַזעלכע „טייכן". אָט אַזאַ „טייך" געפינט זיך אויך אויף די פעלדער פון דער חסידישער קאָלאָניע. טאַקע אויף דעם וועג צו די הייזלעך. עס איז אַ גרויסער ראָוו, און זומער איז ער אויסגעטריקנט, נאר אין ווינטער פאַרפלייצט ער אַ וועלט. דעם ווינטער האָט זיך דער טייך „אויסגעגאָסן", און די קאָלאָניע איז געווען אַ פּאָר וואָכן אינגאַנצן אָפּגעשניטן פון ישוב — מען האָט זיך נישט געקענט אַרויסקריגן פון איר און נישט געקענט צוקומען צו איר. נאר מיט לעבנס־געפאַר האָבן אַ פּאָר מוטיגע יידישע יונגעלייט צוגעבראַכט עסן צו די קאָלאָניסטן. אַז נישט, וואָלטן זיי, חלילה, פאַרהונגערט געוואָרן...

דער ערשטער ייד, וואָס איך האָב אָנגעטראָפן אין דער קאָלאָניע, איז געווען ביים „ברונעם". עס איז געשטאַנען אַן אַלטער, בכבודיגער ייד, מיט אַ ברייטן ציצה־כנפות און געדרעפּטשעט מיט די באָרוויסע פיס אין די טיפע בלאָטעס, וואָס האָבן זיך געמאַכט אַרום „ברונעם", און מיט אַ לאָפּעטע אויפגעהויבן די בלאָטעס און פאַרטיפט דעם גראָבן. דער דאָקטאָר פון דער קאָלאָניע, אַ דייטשער ייד מיט אַ געשוירן בערדל, אין אַ העלם־היט, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ דייטשישער אָפיצער, איז גע־

שטאַנען אין זיינע רייטער־שטיוול, און אנשטאט מיט אַ ראָטע סאָלדאטן, האט ער קאמאנדעוועט מיט דעם אַלטן, שוואכן יידל, וואס האט אויף זיין לאפּעטע אויפגעהויבן א ביסל בלאטע, ווי אַ קינד וואלט זיך געשפּילט.

— דאס וואסער פאַרפלייצט די פעלדער, און עס מאַכן זיך בלאטעס. פון דער מאַלאַריע קומען מיר דערפאַר נישט אַרויס, גאָט צו דאַנקען. און ס'איז נאך דא אַ געפאַר, ביי די היצן, צו באַקומען טיפוס. מען מוז דעם ברונעם ברענגען אין אָרדנונג. איך באַדאַרף האבן צען הענט, און געגעבן האט מען מיר אט דעם העלד — דערקלערט אונז דער דאקטאר.

מיר פרעגן זיך נאך אויף דעם יאַבלאנער רבין, עס לאזט זיך אויס, אַז ער געפינט זיך נישט אין דער היים. לעצטנס זיצט ער איבערהויפּט אין ירושלים, וואו ער יאגט זיך אַרום מיט זיינע חסידים, וועלכע פארן אַהיים, אויסצוגלייכן אַך מיט זיי, ער לויפט אַרום צו פאַרשידענע ארגאַניזאַציעס. אין דער קאלאניע איז ער דאַ זעלטן. דערפאַר געפינט זיך אין קאלאניע דער צווייטער רבי, דער קאָזשעניצער.

דערווייל גייען מיר אַריין אין דער ערשטער שטוב, אַ שטיבל צוזאַמענגעקלאפּט פון ברעטער, מיט אַ בלעכענעם דאַך. סיי פון דאך און סיי פון די ווענט קוקן אַריין גרינע פעלדער און ליכטיגע שטיקער הימל — דורך די ברייטע שפּאַרעס... אַ יידינע מיט אַ צוגעבונדענעם קאפּ דרייט זיך אַרום אין דער נישט זייער אין אָרדנונג געבראַכטער שטוב, און זי קרעכצט. די פּאר וואַרשעווער מעבל־שטיקער, וואס געפינען זיך אין שטוב, שיטן פון זיך די שאָלעכץ, פון די היצן און פון דער פייכטקייט. דריי יינגע טעכטער מיט געשוירענע האר, וועלכע האבן נאך נישט אַראָפּגע־וואָרפן פון זיך די „הויט" פון דעם שבת־שפּאַציר איבער דער סענאַטאָרסקע גאַס, דרייען זיך אויך אַרום מיט תשעה־באבֿ מי־נעס. איינע וואשט די וועש; די אַנדערע יאגט זיך אַרום מיטן איינציגן הענדל. דער מיסט־קאַסטן מיט די קלאַפּער־געצייג — נאענטע שכנים מיט דער טיר פון הייזל.

— נו, וואס הערט זיך?

— וואס זאל זיך הערן? אַלדאָס גוטס! — זאגט די יידי־נע מיט אַן עכטן װארשעװער טאָן. אבער דער „אַלדאָס־גוטס" איז געװארן אַרויסגעזאגט מיט אַזאַ מיגע, אַז מען האט שוין אַלעס פאַרשטאַנען.

דערנאָך איז געקומען דער גאנצער איכה:

— דריי מאל שוין איבערגעשלעפט די „בעבעכעס". דאס מיינט, מיין הילצערנע קאַמער. צוערשט איז מען געשטאַנען אויפן בערגל. דערנאָך — אונטערן בערגל. היינט שטייט מען אין „קבר". דער זומער — יאָק דער זומער, „לעטניע מיעשקאַניע" (זומער־וואוינונג). אַז מיין מאַן האט זיך פאַרגלוסט צו וואוינען „לעט-ניע מיעשקאַניע". נאר ווינטער — דער רעגן און דער טייך הינטער דער טיר. אין דער היים בין איך געווען אַ וואַרשע־ווער באַלעבאָסטע, מיט אַ דינסט און אַ „סטרוזשקע"... און דאָ
— וואָס בין איך?

די דריי טעכטער שאָקלען צו און מאַכן צורעכט אויף זיך די קליידלעך און די האָר. זיי פרעגן זיך נאָך:

— וואָס הערט זיך אין וואַרשע?

קוים זיך אַרויסגעכאַפּט פון שטיבל. איך וויל גיין צום קאָזשעניצער רבין. ער געפינט זיך אויפן פעלד. אַ וואַרשעווער חדר־יינגל, מיט אַ פּאָר ציטע־דיגע כאַהלעך און אַ שייגעציש פּנים, נעמט זיך אונטער מיך צו באַגלייטן. דאָס אייזעלע, וואס ער האָט אַראָפּגעפירט פון אַ בערגל, גיט ער איבער אַ חבר אַהיים צו פירן. אַליין כאַפּט ער זיך אַרויף אויפן וואָגן.

קינדער בלייבן קינדער, אין וועלכער סיטואַציע זייערע עלטערן זאָלן זיך נישט געפינען. אים געפעלט דאָ — אַ וועלט! ער וואלט נישט צוריקגעפאָרן קיין וואַרשע, „ווען מען מאכט אים פאַר א גענעראַל אפילו". אין ווינטער רעגנט אַביסעלע אַריין אין שטוב. מאכט די מאַמע אַ געוואַלד און שעלט דעם טאַטן. „מה רעש — זאָגט ער — אַז עס רעגנט? — איך האב ליב, אַז עס רעגנט אַריין אין שטוב". און גיי טענה מיט אים!

אין פעלד, צווישן הויכע שטעכער, ווילדקרויט, אָרעמע וואַנגען און צוויי מאל שוין איבערגעאַקערטע ערד, טרעף איך

אַ יונגגמאַן, ווי ער דרעפּטשעט שווער מיט באָרוועס־באַשיכטע פיס אין דער ערד און שטופּט צו די איינגעשפּאַנטע פערד דעם אייזערנעם אקער, וועלכער וואַרפט זיך אין זיינע הענט און גיט אים יעדעס מאָל אַ שטורכע אין אַן אַנדער זייט. דער יונגער־מאַן, דערזעענדיג, אַז פרעמדע מענטשן קומען אָן, האָט אפּגע־שטעלט דעם אַקער.

אַן איידל פּנים. דאָס קען מען נאָך אָנזעען פון דעם רויט־גרויען, פון זומער־היצן אָפּגעשיילטן פּנים. אַ פּאָר גרויסע, בלויע רבנישע אויגן קוקן אַרויס מיט אמונה און גוטסקייט פון דעם איידעלן, פאַרהאַרטעוועטן פּנים, וואָס איז ארומגענומען מיט אַ יינג, שוואַרץ בערדל. ער שטרעקט מיר אויס אַן איידל־געפּאָרמטע האַנט, וואָס איז נאָר־וואָס געהאַרטעוועט געוואָרן פון שווערער אַרבעט. ער זעט אויס ווי אַ מענטש, וואָס האָט אויף זיך גע־נומען עפּעס אַ הייליגן חוב. און די אַרבעט, וואָס האָט איבער־געלאָזן אַזעלכע שפּורן אויף זיין פּנים און אויף זיינע הענט, האָט נאָך צוגעגעבן אַ גלאַנץ צו זיין איידלקייט.

ער האָט זיך נישט געקלאָגט. ער האָט זיך נישט געגרויסט דערמיט, וואָס ער, אַ רבי, אַן אייניקל פון גרויסע רביים, שטייט אין מיטן פעלד און אַרבעט. ער האָט עס גענומען זייער נאַטיר־לעך. פאָרלויפיג איז נאָך שווער, זייער שווער. פיל קענען עס ניט אויסהאַלטן און פאָרן צוריק אַהיים. „מיר האָבן געמאַכט אַ סך פעלערן" – זאָגט ער. — „אודאי זענען מיר שולדיג. ווי יעדער אָנהויב. נאָר עס ווערט בעסער. עס מוז בעסער ווערן."

און ער האָפט אויף אַלעם בעסטן. גאָט וועט העלפן, יידן וועלן באַאַרבעטן די ערד פון ארץ־ישראל – מוז דאָך גאָט העלפן..."

ער גיט איבער די פערד צו זיין שוואָגער, מיט וועמען ער אַרבעט בשותפות. און ער וויל גיין מיט מיר אַהיים. ער וויל מיך מיט עפּעס מכבד זיין. דערווייל האָבן אַנדערע קאָלאָ־ניסטן באַמערקט, אַז דער רבי שטייט מיט עפּעס אַ פרעמדן און רעדט, האָבן זיי איבערגעלאָזט די אַרבעט אויפן פעלד און צו אונז צוגעקומען.

איינער אַ ייד מיט אַ גרויסן, ברייטן ציצה־כנפות, אַ פּאָר גרויסע געלע פּאות און פּיפּיגע אויגן, האָט צוגעצויגן מיין

אויפמערקזאַמקייט. איך האָב אים געפרעגט, אויב אין דער היים האָט ער אויך געאַרבעט בײַ דער ערד.

– אָסור – ענטפערט ער מיר – איך בין געווען אַ סוחר פון שניט־סחורה אויף נאַלעווקעס.

– און פון וואַנען פאַלט איר אויס אויף דעם? – פרעג איך אים, ווײַזנדיק אויף זײַנע גראָב־אויסגעאַרבעטע הענט.

– דאָס איז דאָך טאַקע דעם רבינס גוח – ווײַזט ער מיר אויף דעם פאַרשעמטן יונגנמאַן.

דער רבי וואוינט מיט זײַן שוואָגער בײַ זײַן שוועסטער. פונקט אַזאַ אָרעם שטיבל, ווי איך האָב געזעען בײַ די אַנדערע קאָלאָניסטן: מיט אַ געלעכערטן דאַך און געשפּאָלטענע ווענט, פון דרײַ מאָל איבערשלעפן די „בעבעכעס", נאָר ציכטיגער און ריינער צוגעקליבן. אין זײַן ווינקל, וווּ דער רבי האָט שטיין זײַן בעט, שטייט אַ שאַפע מיט די גרויסע רבנישע ספרים, וואָס ער האָט זיך מיטגעבראַכט פון דער היים.

יעדן טאָג, אײדער ער גייט אַרויס אין פעלד, לערנט ער זײַן פּרק – רוימט מיר אײן דער געלער ייד. וואָס באַגלייט מיך צו אים.

אַז איך בין אַרויסגעגאַנגען פון דעם שטיבל, האָט אַן איידלקייט אנגעגאָסן מײַן האַרץ, איבער דעם. וואָס איך האָב דאָ געזעען. דער רבי וואָלט דאָך געקענט, פונקט אַזוי ווי אַנדערע, זיצן אין קאָזשעניץ און וואַרעמען זיך בײַם פעטן טיש, וואָס די חסידים האָבן אים באַזאָרגט. וואָס האָט אים געטריבן צו קומען דאָ, אויף די פעלדער? צו שטייען צווישן די שטעכער מיט זײַנע באָרוועס־באַשיכטע פיס און ברענען זיך אויף דער אומדערטרעגלעכער זון, בײַ אַן אַרבעט, צו וועלכער ער איז נישט צוגעפּאַסט, לויט זײַנע כּוחות און זײַן דערציאונג?

נאָר פיל מער פּאָעטיש ליגט אין דער דראַמע, וואָס דער רבי לעבט דורך: צוגערעדט חסידים, אויפגעהויבן זיי אויף פליגלען און באַזעלט זיי פאַר אַן ערהאַבענע אידעע. אַמאָל אין אַ שבת פאַרנאַכט, בײַ שלוש־סעודות, אַרויסגענומען זיי מיט געוואַלד פון דעם טאָג־טעגלעכן, אָרעמען לעבן, פון די

קליינלעכע זאַרגן, אין וועלכע זיי האָבן געשטעקט, און איבער־געפירט זיי אין אַן אַנדער וועלט; זיי האָבן אָװעקגעוואָרפן זייערע פּרנסות, זייערע געשעפטן און געלאָזט זיך מיט אים אין אַן אומבאַקאַנט לאַנד אַריין, אויף אַ ווילד פעלד, אַרומגערינגלט מיט בייזע כּוחות, וואָס די פּאַרוואָרלאָזטקייט פון דער ארץ־ישראל־ערד, דורך טויזנטער יאָרן, שאַפט. האַלטן מלחמה מיטן פיבער פון מאַלאַריע, מיט טייכן, וואָס רינגלען זיי אַרום, מיט די רעגנס, מיטן הונגער, מיטן יאוש וואָס גנבעט זיך אין זייערע הערצער אַריין, מיט די ווייבער, וואָס בענקען נאָך די דינסטן און די טעכטער וואָס בענקען נאָך דער סענטאַטאָרסקע גאַס, פירן מלחמה מיט אומדערפאַרונג, מיט נישט־צוגעפּאַסטקייט, — און האַלטן די חסידים שטענדיג אין אַן אָנגעוואָרעמטקייט — אין דער דערהויבונג פון דער אידעע.

— אַז מיר זענען מיט אים אין פעלד, פאַרשטייען מיר דעם געדאַנק דערפון, אָבער אַז מיר קומען אַהיים... — זאָגט צו מיר אַ חסיד מיט אַ וואונק.

איך האָב זיך געפרעגט: וואָס איז דער כּוח, וואָס דער רבי שטראַלט אַרויס פון זיך, ווי אַ מאַגנעט, צו האַלטן די חסידים אָנגעפּעטלעט צו דער ערד, און זיי נישט לאָזן צוריק־פאַלן אין דער טיפעניש, פון וועלכער ער האָט זיי אויפגעהויבן?

פאַר מיינע אויגן האָט זיך באַשיימפּערלעך אַנטפּלעקט די טראַגישסטע דראַמע, וואָס שפּילט זיך אָפּ אין יידישן פאָלק, די דראַמע פון „איבער די כּוחות".

וועט ער פאַלן מיט זיי, אָדער וועט אים געלינגען צו דערהאַלטן זיי אין דער הויך מיט זיך?!

די לעבעדיגע דראַמע, וואָס שפּילט זיך אָפּ אין דער חסידישער קאָלאָניע צווישן דעם יאַבלאָנער און קאָזשעניצער רביים און זייערע חסידים, איז נישט אַ דראַמע פון איין גרופּע, נאָר עס איז אין אַ געוויסער מאָס די סימבאָלישע דראַמע פון גאַנצן יידישן פאָלק, וואָס שפּילט זיך איצט אָפּ אויף די פעל־דער פון ארץ־ישראל.

## 10

# דער שבת־קודש אין צפת

די אַלטע פּלשתּים־שטאָט בית־שאָן, וואָס ליגט ביים ראַנד פון ארץ־ישׂראל, זעט נאָך אַזוי אויס ווי דעמאָלסט, ווען די פּלשתּים האָבן אויף אירע טויערן אויפגעהאָנגען דעם געפאַנגע־נעם יידישן קעניג שאול, און די יידישע גבורים האָבן אים ביינאַכט פון דער מויער אַראָפּגעגנבעט און געבראַכט צו קבר־ישׂראל. מען זעט באַלד אָן, אַזוי ווי מען קומט נאָר אין שטאָט אַריין, אַז הגם די שטאָט געהערט אַפילו צו ארץ־ישׂראל, דאָך האָבן קיינמאָל אין איר קיין יידן נישט געוואוינט. די בני־מנשה, אין וועמענס חלק די שטאָט איז אויסגעפאַלן, האָבן נישט גע־קאָנט פאַרטרייבן די כּנענים — און די „כּנענים" זענען איבער־געבליבן אין דער שטאָט פון דעמאָלסט ביזן היינטיגן טאָג.

די שטאָט ליגט ביים ברעג פון ישוב און ביים אָנהויב פון דער מדבר, אירע איינוואוינער אַרבעטן אויס די סחורות, וואָס די בעדואינער פון דער מדבר באַדאַרפן. דאָ האָט נאָך קיין מאַשין נישט אַריינגעשמעקט, און אַלעס ווערט אויסגעאַרבעט מיט אָל און נאָדל אין דער האַנט. די שטאָט קאָלירט זיך אין פאַרשידענע פאַרבן. די געוועלבלעך זענען באַהאַנגען מיט פאַר־בנרייכע זאָטלען, פערד־געשפאַן, רויטע און געלע אַראַבישע שטיוועלעך פאַר ווייבער. די שטיוול ווערן פאַר די אַראַבישע שיינהייטן אויפגענייט מיט דער האַנט. אַפילו די פּאָדקאָוועס פון די שטיוול ווערן אויסגעשמידט מיט דער האַנט. אַז איר געפינט זיך אין דער שטאָט, דאַכט זיך אייך, אַז איר זענט פאַרבלאָנדזשעט געוואָרן אין דער וויסטער מדבר, אין מיטן פון צענטן יאָרהונדערט, אָדער גאָר אַמאָל אין יענע צייטן,

ווען מיר האָבן נאָך געהאַט חשבונות מיט די פּלשתּים. אין דער שטאָט דרייען זיך אַרום די „גליתן" און די „דודלעך"...

פון בית־שאן קיין טבריה פירט דער וועג אַרויס פון די גרענעצן פון ארץ־ישראל האַרט לעבן ירדן — איבער דער הערלעכסטער און ווילדסטער געגנט פונעם לאַנד. קיין האַנט האָט דאָ נאָך קיין שטיינדל נישט איבערגעטראָגן פון זיין אָרט, זינט די נביאים זענען דאָ געזעסן פאַרבאָרגן אין הייל̈ן און זיך געשפּייזט מיט ווילדן האָניק און ווילדע טייטלען, און משיחים האָבן גערופן דאָס פאָלק צום ירדן זיך טובל זיין. דעם ירדן זעט מען נאָך נישט. ער איז פאַרהוילן אין זיין גרינער קאַריטע צווישן ווילדע גראָזן און אָרימע, שלעכט אויפגעגאַנגענע ווייצן; מען דערקענט אים בלויז פון הינטער די זיידן־געהילטע מואב־בערג, וואָס ווייזן זיך אין פאַרנעפּלטע מילך־וואָלקנס. דאָס לאַנד איז דאָ רייך מיט וואַסער. יונגפרוילעכע קוועלן, וואָס קיין מויל האָט נאָכנישט באַרירט, שלאָגן אַרויס פון דער ערד און לויפן ווילד אַרום, ווי די פריי־געלאָזטע חדר־יונגלעך איבער די ווילדע פעלדער. קיינער צוימט זיי נישט דעם וועג, קיינער שפּאַנט זיי נישט איין צו דער אַרבעט, אַז זיי זאָלן קאַנאַלן מאַכן, גערטנער באַפייכטן, מילן טרייבן. אָן אַ צוואַנג, אָן אַ נוצן לויפן זיי און יאָגן זיך איינס נאָכן אַנדערן — די פרישע קוואַלנדיגע קוואַלן איבער די פעלדער, גלאַט אַזוי פאַר זיך — ווי ווילדע צעפּ אויף די קעפּ פון די אַראַבישע מיידלעך. אַז דו זעסט די גרויסע מענגע וואַסער, וואָס ווערט דאָ פאַרלוירן אָן יעדן נוצן פאַר דעם וואַסער־אָרימען לאַנד, שניידט דאָס האַרץ פאַר דער פאַרוואָרלאָזטקייט, וואָס הערשט דאָ. אין די צייטן, ווען יידן האָבן איינגענומען ארץ־ישראל, איז דער גליל געווען דער תבואה־שפּייכלער נישט בלויז פון ארץ־ישראל, נאָר אויך פון די שכינותדיגע לענדער. די פעלדער דאָ זענען געווען די רייכסטע טיילן פון ארץ־ישראל, היינט האָט זיי די ענגלישע רעגירונג אַוועקגעגעבן צו די אַראַבישע פעלאַכן און בעדואינער, וועלכע פיטערן דאָרט זייערע סטאַדעס ציגן און רויט־אָפּגעפאַרבטע שעפּסן, וואָס גריזשען די גראָזן מיט די וואָרצלען אַרויס.

די פלאָרע פון דער געגנט אין ירדן-טאָל איז אויסערגעוויינלעך רייך מיט פאַרשידענע קאָלירטע ווילדע בלומען און פלאַנצונגען. זייער פיל ווילדער רויטער מאָן באַפלעקט מיט רויטע בלוט־טראָפּנס די פעלדער. אויך דאָס געפויגל איז זייער רייך — באַצירט מיט פאַרשידנפאַרביגע העלזער און עקן. ווילדע באָטשאַנעס הויבן אויף זייערע געבראָכענע רויטע שטעקן-פיס, רויב־פויגל קרייזן זיך איבער דער אויבערפלאַך פון ירדן,— אָבער אַרום און אַרום, פאַר מיילן זעט מען נישט קיין הויז, קיין הויף, קיין בוים, קיין מענטש — אַחוץ די שוואַרצע געצעלטן פון די בעדואינער־פאַסטוכער, מיט זייערע רויט־אָפּגעפאַרבטע שעפּסן, וואָס הויערן אַרום זיי.

עס הויבט זיך אויף פון זיין פאַרזונקענהייט אין דער ווילד־באַוואַקסענער גרין־אויסגעבעטער קאָריטע — דער ירדן. אַהאַ! איך האָב גאָרנישט געוואוסט, אַז דער ירדן ליגט דאָרט טיף אין זיין קאָריטע איינגאַנצן אַ באַצירטער מיט אָלעאַנדערס. רויטע יום-טובדיגע אָלעאַנדערס באַגלייטן אים פון ביידע זייטן דורך זיין גאַנצן וועג, וואָס ער לויפט. איך האָב אים נישט דערקענט, דעם ווירדיגן זקן, דעם ירדן. אָנשטאָט זיין ערנסטן אויסזען, וואָס איך קען פון די ברעגן פון געזאלצענעם ים. וואו ער איז אַרומגערינגלט מיט די מוראדיגע הרי־מואב, זעט ער דאָ אויס ווי אַן אויסגעצירטער חתן, וועלכער לויפט ברענגען ווילדע רויטע אָלעאַנדערס צו זיין כלה... ווי פּאַסט אַזאַ לייכטזיניגע שפּילערישע באַצירונג מיט ווילדע קווייטן פאַר אַזאַ מיוחסדיגן ערנסטן זקן...

ביים דורכגאַנג פון ירדן אויף דער גרענעץ צווישן סיריען און ארץ־ישראל, שטייט אַ ענגלישע וואַך, וועלכע היט, אַז די מורדים פון סיריען זאָלן זיך נישט אַריבערכאַפּן איבערן ירדן קיין ארץ־ישראל. דאָרט האָבן מיר אויך אָנגעטראָפן אַ גרופּע יידישע אַרבעטער, וועלכע בויען אַ רעגירונגס-וועג אויף יענער זייט ירדן. עס איז אַ זעלטענע דערשיינונג צו געפינען יידישע אַרבעטער ביי רעגירונגס־אַרבעטן אין ארץ־ישראל. נישט אַנדערש נאָר דערפאַר, ווייל די געגנט איז דאָ אַ ווילדע און אַ גע־

פערלעכע און דער קלימאַט אַ אומדערטרעגלעכער (צוויי הונדערט מעטער אונטער דער ים־פלאַך) און דערפאַר אויך, וואָס דעם יידישן אַרבעטער זענען די ארץ־ישראל־אינטערעסן זייער טייער און ער וועט אויך באַשיצן די גרענעץ און העלפן דער ענגלי־שער וואַך קעגן די פעלאַכן פון סיריען — האָט מען זיך דער־לויבט צו באַנוצן אויך יידישע אַרבעטער. זייער צאָל איז געווען אַ קליינע. אַ יונגערמאַן מיט זייער אַן אינטעליגענטן אויסזעען פון מאָסקווע, אַ באַוויבטער היימישער ייד פון לובלין און נאָך אַ פּאָר, וועלכע לעבן דאָ אין אַ וויסטעניש, לחלוטין אָפּגעזונ־דערט און דערווייטערט פון יעדן מענטשלעכן ישוב, פון יעדער קולטורעלער געוואוינהייט. איך פאַרשטיי נישט, ווי זיי האַלטן דאָס אויס.

אַז איך האָב געפרעגט דעם לובלינער יונגערמאַן מיט דעם שוואַרצן בערדל, פאַרוואָס ער ברענגט נישט אַריבער זיין פאַ־מיליע קיין ארץ־ישראל, האָט ער מיר אָנגעוויזן אויף דער געגנט אַרום:

— וואוהין זאָל איך זיי ברענגען?

און איך האָב אים פאַרשטאַנען.

באַלד זענען מיר אָנגעקומען צו דער בריק פון ירדן, וואָס ליגט איבער דעם גרויסן וואַסערפאַל. דאָס אָרט איז איינס פון די שענסטע אין ארץ־ישראל. דער ירדן־וואַסערפאַל איז נישט קיין ניאַגאַראַ־פאַל און נישט קיין אימאַטראַ-פאַל אין פינלאַנד. דערפאַר ליגט ער אין אַ פיל ווילדערן און אינטערע־סאַנטערן אָרט. און פאַר דעם וואַסער־קאַרגן לאַנד איז ער גע־נוג שטורעמדיג און שטאַרק. און אָלעאַנדערס מיט זייער בלוט־בלומען בליען אַרום דעם ירדן־וואַסערפאַל פיל מער, ווי זיי געפינען זיך אין די אָראַנזשעריעס פון אַמעריקע און אייראָפּע...

ווי באַוואוסט, האט דעם וואסערפאל מיט דעם גאַנצן טאל ארום אָפּגעקויפט די רוטענבערג־געזעלשאַפט, כדי אים אויס־צונוצן פאר עלעקטרישע קראַפט צו באַוואסערן און באלייכטן דאס לאנד. איך בין זיכער, אַז רוטענבערג און זיינע מיטהעל־פער זענען איבערצייגט אין זייער ערפאלג, איידער זיי נעמען

זיך צו צעשטערן איינס פון די שענסטע און אינטערעסאַנטסטע
ווינקעלעך אויפן ערד־קוגעל. צו באַרויבן די יונגפרוילעכע אומ־
באַרירטקייט, וואס הויערט אויף דעם פּלאַץ, דאַרף מען האבן
פיל מוט. אין קיין לאַנד אין דער וועלט וואלט מען נישט
אזוי לייכט פרייגעגעבן אַזעלכע פון גאט אויסדערוויילטע ווינק־
לען פאר קאמערציעלע צוועקן. און מכּל־שכּן נאך אין אַזאַ
לאנד, ווי ארץ־ישראל, וואו יעדער טריט האט א ווערט פאר
דער גאנצער קולטור־וועלט. אַמבעסטן וואלט זיך דער פּלאַץ
געפּאסט פאר א נאציאנאלן פּארק, אין וועלכן עס זאל ווערן
אפּגעהיט מיט זארגפעלטיקייט דער כאראקטער און די ווילדע
שיינקייט פון דער ארץ־ישראל־לאנדשאפט. נאר ווי געזאגט, נוי־
טיגט זיך ארץ־ישראל אין ביליגער עלעקטרישער קראפט, און
די אומבאַצוואונגענע שיינהייט, וועלכע האט נביאים און משיחים
באַגייסטערט און באַזעלט, מוז געאפּפערט ווערן פאר דער רויער
קראפט פון קאמערציעלער באַדערפעניש. איך שטרייך נאכאמאל
אונטער, אז רוטענבערג און זיינע העלפער מוזן לחלוטין זיין
איבערצייגט אין דעם ערפאלג פון זייערע פּלענער, איידער זיי
נעמען זיך אונטער צו צערשטערן די פון גאט געשענקטע
שיינהייט.

ארום דעם „אויג״ פון ארץ־ישראל, ווי איך רוף אן דעם
שיינעם ים כנרת, ליגן די מייסט־געלונגענע יידישע קאלאניעס,
די דאזיקע קאלאניעס, וועלכע ווערן געפירט אויף קאאפּערא־
טיווע יסודות, געפינען זיך נישט בלויז אין א גוטן בליענדן
צושטאַנד, נאָר זיי זענען רייך געוואָרן. זייערע פעלדער, וועלכע
ווערן אָנגעטרונקען מיט וואַסער פון ירדן און ים־כנרת, געהערן
צו די פרוכבאַרסטע אין לאַנד. זייערע תבואות זענען הויכע
און פעטע. זייערע פלאַנצונגען זענען רייפע, און זייערע יונגע
באַנאַנען־וועלדלעך, וועלכע זיי פאַרלייגן איצט, געפינען זיך אין
בעסטער אַנטוויקלונג. דערפאַר זענען זייערע בית־עולמס אויך
זייער רייך פאַרזייט מיט ביינער פון יינגע לעבנס, וואָס זענען
געפאַלן פון מאַלאַריע און פון גזלנישע הענט ביים אָנפאַנג פון
דער קאָלאָניזאַציע אַרום דעם ים־כנרת. דער בית־הקברות פון

כנרת איז אן ערן־בית־הקברות און דערציילט פון יידישע העלדנ־טאטן.

א שאד, וואס איך האב נישט קיין צייט זיך אפצושטעלן ביי די יידישע פישערס פון כנרת. ווי איר ווייסט, האבן די יידן באנייט די טראדיציע פון פישער־דערפער ארום כנרת, אזוי־ווי עס איז געווען אין דער צייט, ווען קריסטוס האט דא גע־פאנגען די נשמה פון דעם יידישן פישער פעטער. איך אייל זיך צו קומען אויף שבת קיין צפת, ווען עס איז נאך גרויסער טאג, ווייל מער פון דעם שבת וויל איך דעם פרייטאג זעען אין צפת. איך קאן זיך אבער נישט אפזאגן פון אפשטאטן א וויזיט ביי דער אויסגעגראבענער שול פון כפר־נחום, וואו קריסטוס האט, לויטן נייעם טעסטאמענט, געהאלטן זיין באקאנטע דרשה. די שול האט מען אויסגעגראבן, און זי ליגט איצט א צעשאטענע אין א קלויסטער־הויף פון די פראנציסקאנער. זי איז געבויט געווען אין שפעט-העלענישן סטיל, אין סטיל פון אלכסנדריה. איך וואלט די יידישע מאלער און סטיליסטן געראטן אנשטאט זיך צו באשעפטיגן מיט שלעכטע נאכמאכונגען, זאלן זיי זיך פאר־שאפן פאטאגראפישע אפבילדונגען פון די אויסגעהאקטע יידישע ארנאמענטן אויף די שטיינער פון דער שול אין כפר־נחום, אר־נאמענטן פון פארשידענע פארמען פון מנורות, פון מגן־דודס, פון לייבן, פון וויינטרויבן און מילגרוימען, וואס ליגן מיט א רייכער האנט צעשאטן איבער די פיל שטיינער. און פון די ארנאמענטן קאן מען לערנען, ווי ווייניג מיר האבן זיך געענ־דערט, אדער ווי אלט עס זענען די אויסשניצעכצן פון אונזערע נר־תמידס.

איבער די הריי־כנען הויבן מיר זיך און מיר לאזן וואס אמאל נידריגער זינקען אין זיין מילכיגן וואלקן דאס „אויג" פון ארץ־ישראל — דעם כנרת, וועלכער ליגט איצט א רואיגער, ווי א פארגליווערטער שפיגל, אין א בעט פון העל־באלויכטענע בערג, מיט דערקוויקנדע פלאנצונגען באזעצטע פעלדער און פעטע לאנ־קעס. מיר הויבן זיך וואס א מאל העכער, ביז מיר פארן אריין צווישן די פעטע וויינגערטנער פון דער אלטער יידישער קא־

לאַניע ראש־פּנה. אַז מען וויל וויסן, אין וואָס פאַר אַ מענטש־לעכן היינט־וועלטיגן גן־עדן — נישט נאָר אין אַ הימלישן — ארץ־ישראל קאָן פאַרוואַנדלט ווערן, דאַרף מען בלויז באַזוכן די אַלטע ארץ־ישראל־קאָלאָניעס, וועלכע ראָטשילד האָט געגרינ־דעט. די אַלטע קאָלאָניעס ווערן פאַרוואַנדלט צו ביסלעך אין געזונטע פויערישע נאַטירלעכע שטעטלעך, אין אַזעלכע שטעטלעך וואָס נישט בלויז דאָס שולכל און דאָס מקוה־געסל געהערט צו יידן, און דאָס איינציגע פעלד, וואָס יידן פאַרמאָגן אין שטעטל, איז דאָס „גוטע פעלד" (בית־הקברות), נאָר אין שטעטלעך, וואָס זענען אַרומגערינגלט אויף מיילן אַרום מיט רייכע יידישע פעל־דער און גערטנער.

עס איז נאָך געווען אַ גרויס שטיק טאָג צו שבת. ווען מיינע פיס האָבן באַטרעטן דעם הייליגן באָדן פון צפת. זינט מיינע בחורשע יאָרן. ווען איך בין באַקאַנט געוואָרן מיט די מעשיות פון די מקובלים און די הייליגע און געפאַלענע משיחים, וואָס האָבן געוואוינט אין דער פרומער שטאָט, האָט זיך מיר געבענקט צו זיין אַ שבת אין צפת. איך האָב געוואָלט זעען די פעלדער און די בערגלעך, אויף וועלכע יוסף דילה־ריינה איז געגאַנגען אַראָפּברענגען משיחן איבער געוואָלד, מיט דער הילף פון שמות־קדושים. איך האָב געוואָלט זעען דעם זונען־אונטערגאַנג אין די צפתער בערג פרייטאָג פאַרנאַכט, און הערן דאָס „לכה-דודי"-געזאַנג, וואָס איז דאָ צום ערשטן מאָל געזונגען געוואָרן.

און איך האָב עס געזעען.

אין קיין שטאָט אין דער וועלט קומט נישט אָן דער שבת מיט אַזעלכע שטילע און איידעלע טריט, ווי אויף די גרינע בערגלעך פון צפת. צי איז עס דערפאַר, ווייל זיי לעבן אין מיין פאַנטאַזיע — די אַלע הייליגע, וואָס האָבן דאָ געוואוינט. נאָר אַזוי האָט זיך מיר געדאַכט, ווען איך בין געשטאַנען פריי־טאָג פאַרנאַכט אויף די בערג פון צפת און, אַריבערגעקוקט קיין מירון. איך האָב געזעען, ווי די בערג פון כנען הילן זיך אין זייער הייליג פאַרנאַכטלעך קלייד, וואָס די זון וועבט פאַר זיי פון אירע לעצטע שטראַלן — געזעען, ווי זיי ווערן אַרומגעהילט

מיט אַ חסדיגער מלכותדיגער דערבאַרמקייט, ווי זיי וואָלטן
ווירקלעך איינגעהילט געוואָרן אין שאָטנס פון אומזיכטבאַרע
פליגל... דעמאָלס האָב איך פאַרשטאַנען, פאַרוואָס צפת, מער
פון אַלע אַנדערע שטעט אין ארץ־ישראל, אַפילו מער פון
ירושלים, האָט צוגעצויגן צו זיך די מיסטיקער און די הייליגע
פון יידישן פאָלק. דוקא דאָ האָבן זיי געפונען דעם נאָענטסטן
ווינקל פון דער וועלט צום הימל, פון וואַנען מען קאָן אַראָפּ־
גויטן די שעה פון חסד פון הימל אַראָפּ. איך האָב זיי געזעען,
די אַלע הייליגע–דעם אר״י, ר׳ יוסף קאַרו, ר׳ שלמה אַלקביץ,
ר׳ משה קורדובירו און ווי זיי אַלע דאָרט האָבן געהייסן, איינ־
געהילט אין זייערע ווייסע כאַלאַטן, יעדער איינער באַזונדער
מיט זיין „מגיד״ אין זיך, וועלכער אַנטפּלעקט אים די הייליג־
סטע סודות, גייען זיי אַרויס גערייניגטע און געלויטערטע פון טעג
לאַנגען פאַסטן און פּייניגן זיך – אויף די בערגלעך פון צפת,
שבת פאַרנאַכט, מיט אויסגעשטרעקטע הענט, און זינגען אַנט־
קעגן דער אָנקומענדער מלכה, וואָס שטייגט מיט שטילע טריט
פון הימל אַראָפּ, דאָרט וואו די זון צעקושט זיך מיט דער ערד
אין אַ פייערדיגן קוש. זי שטייגט אַראָב, די צניעותדיגע מלכה,
דער הייליגער שבת, איבער די טונקעלע הילנדיגע בערג –
איר לאַנג זילבערוואָלקנדיג קלייד דעקט צו אירע נאַקעטע פיס,
און זיי גייען איר אַנטקייגן, די אַלטע לייט, און שטרעקן אויס
צו איר זייערע דאַרע ביינערדיגע הענט און זינגען איר אַנט־
קעגן דאָס ליד פון שבת, דאָס ,יד, וואָס אַז דו הערסט עס,
שטייט אויף פאַר דיר דאָס געשטאַלט פון דיין געשטאָרבענעם
פאָטער. און דאָס שבת־פנים פון דיין מאַמען ביי ליכט־צינדן
שיינט נאָך אַמאָל צו דיר פון קבר אַרויס – דאָס ,יד
„לכה דודי״.

„קום, מיין פריינד, קום מיין פריינד, דער כלה אַנטקעגן!״
„וועק דיך אויף, וועק דיך אויף, דיין ליכט איז געקו־
מען: – דער כבוד פון דיין גאָט אַנטפּלעקט זיך אויף דיר״.

ווער האָט אונז אַזוי געטרייסט – ווער האָט צו אונז גע־
רעדט אַזעלכע רייד?

און אַזויווי עס זענען די בערגלעך פון צפת, אַזוי זע־נען אירע שטיבלעך.

געבענטשט זאָלן זיין אירע צניעותדיגע יידישע היימען. דער הייליגער שבת רוט אין זיי — נישט בלויז פרייטאָג פאַרנאַכט, נאָר אַלע טעג פון דער וואָך.

נידריג אָבער זיכער ליגן די דיקע בעלקעס איבער די קליינע שטיבלעך. די יידישע מאַמעס האָבן די שטיבלעך אָפּ־געקאַלכט מיט אַ פלעדערוויש פאַרן הייליגן שבת וועגן, ווי אונזערע מוטערס פלעגן דאָס טאָן אויף יעדן פסח. ווען איך בין געווען אַ קליין קינד — געדענק איך — האָב איך ביי אונ־זער שכנטע בלימעלע די פישערקע געזען אַזוי בלוי אויף די ווענט. פון דעמאָלט אָן האָב איך מער דאָס בלוי נישט געזען — נישט ביי די מייסטערס פון דער פראַנצויזישער שול, נישט ביי מאַטיס, נישט ביי סעזאַן — ביי קיינעם פון די היינטיגע מאָלער האָב איך אַזאַ בלוי נישט געזען. דאָס איז אַ בלוי נישט פון דער וועלט. און די אַלטע יידענעס פון צפת האָבן עס געמוזט קריגן בירושה פון זייערע מוטערס פון גן־עדן אַרויס, וואָס קומען זיי צו חלום און ווייזן זיי, וויאַזוי צו מישן דאָס בלויע־טיף, טיף טונקל־בלוי. בלוי אין דער ריינסטער קאָליר. ביי לעאָנאַרדאַ דאַ ווינטשי אין הינטערגרונט פון זיין „דזשיאַקאָנדאַ" געפינט זיך אַזאַ בלוי, וואָס קומט דורך די פענסטער אַריין. שאַגאַל, אַמאָל אין זיינע ערהאַבנסטע מאָמענטן, ווען ער מאָלט די שכינה, וואָס רוט אויף דעם אַלטעגלעכן לעבן אין אַ יידי־שער שטוב, פאַלט ער אַריין — אַ געשאַנק פון גאָטס חסד — אין אַזאַ בלויען טאָן. אין דער באַרימטער קירכע פון „שאַרט" (אין פראַנקרייך) געפינט זיך אין פענסטער־גלאָז אַזאַ בלוי. און דאָ האָסטו גאַנצע שטובן מיט דעם געטלעכן בלוי. גיי ברעך אָפּ אַ שטיקל קאַלך און רעם עס דיר איין אין אַ ראַמעלע. פונוואַנען האָבן זיי עס גענומען? יעדן פרייטאָג קאַלכן זיי אויס זייערע שטובן. און נישט נאָר די ווענט און די דיקע בעלקעס פון באַלקן, נאָר אויך די שפּאַלטן פון דער שטייגער־נער פאָדלאָגע צייכענען זיי אָן מיט בלויע שטרייכן. שוין מיטן

האַלבן פרייטאָגדיגן טאָג זענען זיי פאַרטיק מיטן שבת און זעצן זיך אויס אויף די קליינע בענקלעך אין זייערע קיכן־שטובן און קוקן אויף די ווענט. דאָרט אויף די ווענט הענגט דאָס אויס־געפּטעכץ פון זייערע כלה־יאָרן, ווי אברהם ברענגט יצחקן אויף דער עקידה, דאָרט אויף די ווענט הענגט נאָך עפּעס, וואָס פעסלט זייערע בליקן — דאָרטן הענגען זייערע „פאַפירענע קינדער"...

זייערע לעבעדיגע קינדער האָבן אַלע אויסגעוואַנדערט, ווער נאָך אַמעריקע, ווער נאָך אַרגענטינע און — ווי גאָר לעצטנס די גאַנצע יוגנט — קיין אויסטראַליען.

זיצן די מאַמעס פרייטאָג פאַרנאַכט אין זייערע בלויע אויסגעקאַלכטע שטיבלעך, דער שבת־קודש קוקט שוין דורך די פענסטער אַריין, דער שבת־קודש געפינט זיך שוין אין שטיבל. ביים טישל, וואו עס שטייען גרייט די מעשענע לייכטערלעך אונטער דעם חלה־צווילעכל. זיצן זיי מיט פאַרלייגטע הענט אויף די קליינע בענקלעך אין זייערע קיכן־שטיבלעך און קוקן אויף די „פאַפירענע קינדער", וואָס הענגען אַראָפּ פון די ווענט און קרעכצן אין דער שטיל...

דאָס געדויערט נאָר אַ קורצע ווייל. באַלד קומען אָן די אַלטע מענער פון דער מקוה, מיט נאַסע טריפנדע פאות אויף די פריש געמאַנגלטע ברייטע קראַגנס פון די העמדער — און דערמאָנען אָן שבת.

דעמאָלסט צינדן זיך אָן די שבת־ליכטער אין די יידישע שטובן און אַלע זאָרגן ווערן פאַרשוואונדן...

# 11

# אויף דער יאָרצייט פון ר׳ שמעון בר יוחאי

## א.

שוין פאַר וואָכן פריער האָב איך אָנגעטראָפן אין דער שול פון רבי מאיר בעל נס, אין טבריה, הונדערטער מענטשן, אַלטע מענער, ווייבער און קינדער — געקומען פון די וויטסטע מזרחשע לענדער: פון בגדד, פון פערסיע און תימן —· וואָס האָבן געהויערט ווי ווילדע בעדואינער אין דער גרויסער שול אַרום דעם קבר. צווישן זיי זענען געווען געזונטע און אויך פיל קראַנקע, קאַליקעס, שלאַפע קינדער, מענטשן מיט נישט־היילבאַרע חולאתן, מענטשן וואָס האָבן אויף זיך גענומען, צוליב נאָר זיי באַוואוסטע טעמים, נדרים צו מאַכן די לאַנגע געפערלעכע נסיעה איבער מדבריות און ימים פון די וויטסטע ערטער — צום קבר פון „תנאי”. פונקט אזוי ווי מתמדאנער פון אַלע טיילן פון אַזיע און אַפריקע לאָזן זיך אויף וואָכן און חדשים אין וועג אַריין, אין וויטן מהלך אין דער מדבר אַריין, צו אַ קבר פון אַ נביא, אַזוי קומען די אָריענטאַלישע יידן, פון אַלע פאַרוואָרפנסטע ערטער פון וויטן אומהיימלעכן מדבר, אויף קבר־אבות צו די יאָרצייטן פון די צוויי תנאים — פון ר׳ מאיר בעל נס אין טבריה און ר׳ שמעון יוחאי אין מירון. אין דער שול אַרום דעם קבר און אַרום דער שול האָב איך זיי געזעען. דאָרטן האָבן זיי אויפגעשלאָגן זייערע נאַכט־לאַגערס, וועלכע באַשטייען פון פאַרשידענע אָריענטאַלישע וואָרעם־קאָלירנדיגע טיכער, טעפּיכער, מאַטראַצן. דאָרט, אַרום קבר, טוען זיי אָפּ אַלע מענטשלעכע געברויכן: קאָכן זייער עסן, וואַשן זייער וועש, לויזן זייערע קינדער, רייניגן זייערע לייבער; אַלע אויסגעמישט אינאיינעם, מענער,

ווייבער, זויגלינגען פוןביידע געשלעכטן, קינדער פון ביידע גע־שלעכטן, געזונטע און קראַנקע. אין טבריה ווארטן זיי ביז אַ חודש נאָך פסח, „פסח שני״, אין וועלכן עס פאַלט אויס ר׳ מאיר בעל־נס יאָרצייט, צינדן זיי אָן די „הדלקה״, פון דאָרט גייען זיי אַלע אוועק נאָך מירון צו ר׳ שמעון בר יוחאיס יאָרצייט, וועלכע פאַלט אויס ל״ג בעומר.

איך קען באין אופן נישט פאַרשטיין, פאַרוואָס ר׳ שמעון בר יוחאי האָט זוכה געווען מער פאַר אַלע פּאַטריאַרכן, נביאים, תנאים און אמוראים, וואָס יידן האָבן אויסגעגעבן, צו ווערן פאַר־הערלעכט, אַלס דער איינציגער „הייליגער״ וואָס יידן האָבן. די יידישע רעליגיע ווייסט נישט פון קיין הייליגע. די איינציגע הייליגע, וואָס יידן פאַרהערלעכן, זענען די, וואָס ווערן געטויט על קידוש־השם. אַלע איבעריגע זענען מענטשן. די שרייבער פון דער ביבל האָבן קיינעם נישט געשאָנעוועט. זיי האָבן אַלעמען געמאַכט פאַר שוואַכע, פעלערהאַפטע מענטשן. אפילו אברהם אבינו, אפילו משה, אפילו דוד המלך. און דאָס „מענטשלעכע״ פון דער ביבל — מאַכט די ביבל פאַר געטלעך. אַרום שמעון בר יוחאי האָט די פאָלקס־פאַנטאַזיע אָנגעהאָנגען אַלע פאַנטאַסטישע מעשיות, די איינגעפרעסטע יידישע מיסטיק, וועלכע האָט זיך געשטיקט אין די ענגע פיר איילן פון דער יידישער ראַציאָנאַליסטישער געזעצגעבונג, האָט פון צייט צו צייט געפרואווט מיט געוואַלד משיחן אַראָפּצוברענגען אויף דער ערד. זי, די מיסטיק, האָט געפונען אין דער פאַנטאַסטישער פערזענלעכקייט פון ר׳ שמעון (וועלכער האָט זיך, ווי באַוואוסט, אויסבאַהאַלטן אין אַ הייל פאַר די רוימער פיל יאָרן און דאָרט געלערנט אין געהיים די תורה) אַ גוטן מעדיום צו מאַכן אים פאַר איר הויפט־העלד, צוצושרייבן אים דעם „זוהר״.

דער אר״י האָט דוקא אויף אים אָנגעוויזן, דוקא זיין קבר אַנטדעקט, און אויף אים האָט ער זיך געשטיצט, נישט אויפן גרויסן רבי ר׳ עקיבאן, וועלכער איז געווען אַ ווירקלעכער קדוש ביי יידן, וואָרים ער, ר׳ עקיבא, האָט באַלאַנגט צו די עשרה הרוגי מלכות. צי האָט עס נישט צו טאָן מיט דעם באַרימטן

שפרוך, אַז דער „צדיק איז גוזר און גאָט איז מקיים", וואָס דאָס האָט געגעבן די סאַנקציע פון רבין — און איין מאָל פאַר אַלע מאָל אָוועקגעשטעלט די אויטאָריטעט פון רבין ביים יידישן פאָלק נישט נאָר אַלס פאַרמיטלער צווישן פאָלק און גאָט, ווי עס זענען געווען די ערשטע יידישע פירער (ווי משה און יהושע), נאָר געמאַכט דעם צדיק אַלס אַ טייל פון דער געטלעכקייט. נאָך מער, ער האָט דעם רבין אָפּגעגעבן אַ טייל פון דער געט־לעכער מאַכט — זאָל דאָס נישט זיין דער טעם און די ריכטי־גע אורזאַך, וואָס די חסידישע רביים, פון לוריאַן אָן ביז צום היינטיגן באיאַנער רבין פון גאַליציע, שיקן אייל צו ברענען אויף דער יאָרצייט פון ר׳ שמעון און זיי מיען זיך ר׳ שמעונס נאָמען אָוועקצושטעלן אין דער פאַנטאַזיע פון פאָלק אַלס אַן אויסנאַם, העכער און גרעסער און אומצוגענגלעכער ווי יעדע פערזענלעכקייט, וואָס איז געווען ביי יידן — צו מאַכן אויס אים דעם איינציגן „הייליגן", וואָס יידן האָבן?

וואָרים דאָס וואָס איך האָב געזען, וואָס עס טוט זיך אָפּ אויף ר׳ שמעונס קבר אין מירון ל״ג בעומר, האָט צו זיך קיין גלייכן נישט. קיין שום „הייליגער" פון דער קאַטוילישער קיר־כע ווערט נישט אַזוי געצנדינעריש אָנגעבעטן ווי ר׳ שמעון, און וואָס עס ווערט געפּראַוועט אויף דעם קבר פון ר׳ שעמון אום ל״ג בעומר אין מירון, קען זיך מיט קיין זאַך נישט פאַרגלייכן, וואָס איך האָב ביז איצט געזען, סיי ביי יידן, סיי ביי אַנדע־רע פעלקער — אַחוץ אפשר ביי אַראַבער אויפן קבר פון זייערן אַ נביא אין מדבר.

---

מיר הויבן זיך אויף פון טבריה, וועלכע ליגט צוויי הונ־דערט מעטער אונטער דער ים־פלאַך, איבער די שיינע קילע בערג פון כנען, קיין צפת. דער גאַנצער וועג פון טבריה ביז צפת איז באַלייגט מיט אָטאָמאָבילס. אין יאָר 1914, ווען איך בין געווען אין טבריה, האָב איך זיך נישט געקענט אַרויפכאַפּן קיין צפת - דער וועג איז דאַן געווען אַ געפערלעכער, און

קיין צפת האָט מען נאָר געקענט רייטן, נישט פאָרן. מען זאָגט נאָר אַזוי „רייטן״, אין דער אמתן האָט מען דיך געפירט אַ געבונדענעם אויף אַן אייזעלע. איך אַליין האָב געזען, ווי אַ קאַראַוואַן יידן האָבן זיך געלאָזט קיין צפת, זענען זיי געווען איינגעוויקלט אין בעטגעוואַנד, ווי קליינע קינדער אין די וויגן, אויפן אָרעמען אייזעלע. דער וועג איז געווען אַ געפערלעכער, אַ שמאָלער, אַ שפּיציגער, איבער אָפּגעפּיילטע שטיינער, הינטער טיפע אָפּגרונדן. דאָס אייזעלע אַליין האָט נאָר געקענט שטעלן זיינע טריט אויף די שפּיציגע שטיינער. דער ייד איז זיך געלעגן אַז איינגעבונדענער אין בעט־געוואַנט, אין קישנס און דעקן אויפן רוקן פון אייזעלע און אַרויסגעקוקט פון „וויג״ אַרויס, צו וועלכער ער איז געווען ווי אַ קליין קינד איינגעשנורעוועט, אויף גאָטס גרויסע וואונדער — אויף די אָפּגרונדן.

היינט לויפט אַ שאָסע און הונדערטער אָטאָמאָבילס יאָגן זיך ווי די טייוואָלים איבער די רוקנס פון די בערג. דער וועג איז באַשאָטן מיט פוס־גייער, חלוצים און חלוצות. די חלוצים — אין קורצע הייזלעך מיט נאַקעטע קניען, מיט פּעק זעק אויף די פּלייצעס, די מיידלעך אויך אין הויזן. טייל זינגען, אין דער היץ, אַנדערע האָבן דעם שווערן וועג, וואָס זיי האָבן צו מאַכן אין דער היץ, שוין געענוג. פון צייט צו צייט באַווייזן זיך נאָך אייזלען, וועלכע שלעפּן יידן און ווייבער. דאָס זענען די חסידים פון טבריה, וועלכע ווילן מאַכן דעם גאַנג קיין צפת, אַזוי־ווי מען איז געגאַנגען פאַרצייטנס. אויך רייטער אויף פערד, מערסטנס אַראַבישע שייכן, כוואַדזשעס, וועלכע קומען פונדערווייטנס אויפן תנאס קבר, צו דער „הילולא״, צוליב נייגעריקייט, אַנדערע אויך צוליב פרומקייט (וואָס שאַדט זיי נאָך אַ הייליגער), און די יינגע, שלאַנקע בחורים, כדי צו כאַפּן אַ בליק אויף די שיינע יידישע אייראָפּעישע מיידלעך, בלויז נאָר צו כאַפּן אַ קוק, און צוצוזען, ווי זיי טאַנצן מיט די אָרימע, אָפּגעריסענע „מאַסקוויטערס״, ווייל קיין יידיש מיידל וועט זיך נישט אונטערשטעלן צו פאַרברענגען אָדער רעדן מיט אַן אַראַבישן בחור אין דער עפנטלעכקייט. די שטימונג צווישן די רייזנדע איז אַ

פריילעכע, אן אויפגעלייגטע, די פריילעכקייט שטעקט זיך אָן פון די אָטאָמאָבילס צו די פוס־גייער. די שטימונג פון מירון איז ווי פון אן „אָטפּוסט” אַ גרויסן, פון עפּעס אויסערגעוויינלעכס, פון רעליגיעז־פריילעכס. אַלע ערוואַרטן עפּעס, אַלע וואַרטן אויף עפּעס, און אַלע זענען אָנגעשטעקט מיט נייגעריקייט און וואונדער, וואָס שטייט זיי פאָר. דער ים־כנרת, וואָס פאַלט וואָס אַמאָל נידריגער, וואָס העכער מיר הויבן זיך אויף די בערג, קוקט אַרויס אַ איינגעבעטענער אין גרינעם טאָל צווישן די באַוואָלקנטע בערג, ווי אַ אויג פינקלט ער זיך שאַרף און פריילעך, און שפּיגלט אָפּ אין זיך די שאָטנס פון די בערג. מיר הויבן זיך העכער און העכער, דער ים כנרת ווערט וואָס מער פאַרוואָלקנט, איבערגעצויגן אין גאַנצן מיט אַ מילך־שיין, וואָס שוועבט איבער אים. באַלד ווערט ער פאַרשוואונדן, די לופט ווערט קילער, ריינער, דערפרישנדיגער. מיר קומען אַריין אין דער אומהיימלעכקייט פון הימל־געפאַלענע שטיינער, וועלכע זענען איבערגעבליבן פון אַן ערד־ציטערניש, וואָס דאָ איז געווען פאַר ניינציג יאָר צוריק. די ציגן, די „גזלנים”, וואָס די בעדואינער פירן אויף די בערג אַרום, האָבן אָפּגעגריזשעט יעדע שפּור פון אַ שפּראָצונג, פון אַ וואָרצל, פון אַ צווייגל, פון אַ בלעטל. אַלעס איז קאַלך־לעער און שטיינערדיג, און אומהיימלעך, און פרעמד. אַזוי ציט עס זיך, די פאַרוויסטונג, ביז עס דערפרייט דאָס אויג דער דערקוויקנדער גרינער טאָל, אין וועלכן עס ליגן אויסגעבעט, ווי אין ווייכע זיידנס, די ווייסע, פריילעכע, אָפּגעקאַלעכטע, באַחנטע הייזלעך און ווייסע דעכער פון דער שיינער שטאָט צפת.

צפת איז שוין איבערגעפולט מיט אָטאָמאָבילס, אָטאָמאָבילס און אָטאָמאָבילס. גאָט, פונוואַנען נעמען זיך אַזוי פיל וועגן? דאַכט זיך, פון גאַנץ ארץ־ישראל איז מען זיך צונויפגעפאָרן: מענטשן — אַ ים, קאָלירן קליידער — אַ מבול. דאָס אויג ווערט דערטרונקען. שוואַרץ - געקליידטע חסידים, ווייס - באַקליידטע דייטשן, גלחים אָן בערד, יידישע ברייטע, לאַנגע בערד; העלע אייראָפּעאיש־געקליידטע דאַמען מיט קורצע אַרבל און אַנטבלויז־

טע באַזיידנטע פּיס, אויסגעמישט מיט פרומע חסידישע ווייבער פון צפת, אין שייטלען און קופּקעס, ציען מיט איין האַנט זייערע יינגלעך (צו שערן די האָר אין מירון) נאָך זיך, און אויף דער צווייטער האַנט טראָגן זיי זייערע קערב מיט פּראָוויאַנט און עסנוואַרג. פיל חלוצים, פאַרדעקט די קעפּ מיט אבאיעס ווי טליתים, פיל זיידענע קאַפּאָטקעס פון חסידישע יידן — אַלעס צוזאַמענגעקנעטן אין איין קנויל. די אָטאָמאָבילס רירן זיך נישט פון אָרט. דער וועג פון צפת קיין מירון איז אַ געפערלעכער. אַ פּאָר טעג בין איך דעם וועג דורכגעפאָרן און האָב געמיינט, אַז איך שטעל מיין לעבן אין געפאַר. וויאַזוי וועלן די אַלע אָטאָמאָבילס דורכפאָרן, דורך דעם פּריוויזאָרישן אָפּענעם מיט גאָרנישט אונטערגעשטיצטן נאַקעטן און אָפּגעשפּיצטן באַרג? איינציגווייז גייט איין אָטאָמאָביל נאָכן אַנדערן. די פּראָצעסיע מיט די ספרי־תורות פון צפת איז אין פראָנט פון מיר. איך הער נאָר דאָס שפּילן פון דער מוזיק, דאָס פּייפן פון פייפל. אַ שאָד, זי נישט געזען.

מער פוס־גייער, חלוצים און מיידלעך, מיט יידן און ווייבער, מער אַראַבישע רייטערס, איינער נאָכן אַנדערן קריכן די אָטאָמאָבילס פּאַמעלעך, טריט ביי טריט איבער דעם געפערלעכן וועג; שוין צו לאַנג געדויערט דער קורצער וועג, און מיט דער נאַכט צו — אָנגעקומען.

וואוּהין? אונזער אָטאָמאָביל שטייט, קען נישט ווייטער גיין. וועגן, אָטאָמאָבילן, מענטשן — ווי אויף אַ גרויסן ווילדן פאַרשידן־פעלקערישן, אָריענטאַלישן יאַר־מאַרק. ביידלעך מיט עסנוואַרג, ביידלעך מיט סאָדע־וואַסער אויפגעשלאָגן איבעראַל. אַראַבער מיט סטאַדעס שוואַרצע ציגן שטייען און פאַרקויפן פרישע ציגן־מילך פון דעם אייטער אַרויס. אַ געשריי, אַ הו־הא. די שפּיצן פון די בערג אַרום מירון זענען באַדעקט מיט מענטשן. אומעטום שוואַרצט זיך אָדער עס ווייסט זיך פון מענטשלעכע מלבושים. דער הויפּט־שטראָם גיסט זיך אין הויף אַריין פון דעם אוהל, אין וועלכן עס געפינט זיך ר׳ שמעון בר יוחאיס קבר.

פון דאָרט הערט זיך אַ געזאַנג, אַ געשריי, אַ טאַנצן און אַ שאַלן:

„אמר עקיבא: אשריכם ישראל,
אשריכם, אשריכם, אשריכם ישראל.
לפני מי אתם מטהרים? ומי מטהר אתכם?
אביכם שבשמים, אביכם שבשמים
ואומר, ואומר: מקוה ישראל — ה׳
ומה מקוה מטהר הטמאים,
אף הקב״ה מטהר את ישראל״.

(„זאָגט עקיבא: וואויל איז אייך, יידן. וואויל איז אייך, וואויל איז אייך, וואויל איז אייך, יידן. פאַר וועמען רייניגט איר זיך? און ווער רייניגט אייך? אייער פאָטער אין הימל, אייער פאָטער אין הימל, און ער זאָגט: די יידישע מקוה — גאָט, וואָרים ווי אַ מקוה רייניגט די אומריינע, אַזוי רייניגט גאָט די יידן״).

וואו און ווען האָב איך געהערט די טענער? צי אין אַן אַנ־דער גילגול? צו אין אַן אַנדער לעבן? — קומט אַריין מיט מיר — אין הויף פון קבר — דאָרט קומען פאַר סצענעס פון שבתי־צביס צייטן.

ב.

אַן אָריענטאַלישער הויף, אַ פיר־עק, פאַרבויט מיט קליינע הייזלעך. אַן ערשטער שטאָק מיט אַ ברייטן גאַנעק לויפט אַרום דעם פיר־עק—אָריענטאַליש, ווי מען זעט עס אויף די פערסישע מיניאַטורן־בילדלעך. די דעכער פון די הייזלעך זענען באַהאָנגען מיט מענטשן. די גאַנקעס אַרום הויף זענען אָנגעפילט מיט מענטשן, און אויף די דריי ווייסע אָריענטאַלישע קופאָלן, וואָס הויבן זיך איבערן דאַך פון דער שול, אויף וועלכע עס וועט די „הדלקה״ (די גרויסע אילומינאַציע) זיין, די דריי קו־

פּאָלן, וואָס שטייען איבער די דריי קברים פון די גרויסע תנאים: ר׳ שמעון בר יוחאי, רבי עקיבא, זיין רבי, און רבי אליעזר, זיין זון (דעם, וועלכן ער האָט, לויט דער לעגענדע, מיטגענומען מיט זיך אויף יענער וועלט ביים שטאַרבן), אויף די דריי קי־פּאָלן קלעטערן אויף מענטשן. וואו דו קוקסט, וואו דו זעסט, — אויף די ווענט, אויף די דעכער, אויף די גאַניקעס, אויף די טרעפּ — אומעטום קריכן מענטשן. פאַרשידנפאַרביקע, אייראָפּע־איש־געקליידטע, אָריענטאַליש ווייס אָנגעטאָענע, — מענער, ווייבער, חלוצים, מיידלעך, קינדער. ווער קען ציילן? ווער קען מעסטן? אין הויף, אין דעם פיר־עק, איז נישט אַריינצוקומען. אַ ים מיט קעפּ שאָקלען זיך, וועלן מיט לייבער באַוועגן זיך. מ׳גייט נישט איינציגווייז, מ׳ווערט געגאָסן אין שטראָמען. דאָרט, וואו דער שטראָם גיסט, אין דעם געדראַנג, אין דעם געשריי, האָבן הענט און לייבער אַ רעדל פרייען פּלאַץ געמאַכט. אין דעם רעדל טאַנצן צוויי חסידישע יידן. די לאַנג קאָלירטע קאַפּאָטעס צו־פלאָשעט. עס באַווייזן זיך די לאַנגע, ווייס־באַזאָקטע פיס. טאַנצן צום טאַקט פון דעם שפּילן פון אַ פידל און אַ פלייט, צום טאַקט פון זינגען פון טויזנטער מיילער, צום טאַקט פון פּאַטשן פון טויזנטער הענט — וואָס, דאַכט זיך, זענען צוזאַמענגעגאָסן גע־וואָרן אין איין נשמה, אין איין קערפּער, אין איין קול:

„אמר ר׳ עקיבא: אשריכם ישראל.

אשריכם, אשריכם, אשריכם, ישראל״.

די שטעקלעך געשוואונגען אין דער הויך איבער די קעפּ, זשאָנגלירט און טאַקטירט מיט די ביינערדיגע נאַקעטע הענט, וואָס שיילן זיך פון די לאַנגע הוילע אַרבל אַרויס — מיט די שטעקלעך געמאַכטן אין דער לופט — צינדן זיי אָן אין אַ פייערדיגע התלהבות דעם גאַנצן גרויסן קהל, וואָס איז אַרום זיי. דער ניגון איז נישט קיין פריילעכער, נישט קיין טריאומפירנדער, ליכטיגער. פאַרקערט, ער איז אַ טרויעריגער, אַ טיפער, שטילער. ביי דעם „ישראל״ הויבט זיך נישט דער טאָן.

פאַרקערט, ער פאַלט, ווי דער ניגון וואָלט זיך פאַרשעמט פאַר דער זיך אַליין רימענדיגע פראַזע. אַ טיפע צניעותקייט, אַ איידעלע צניעותקייט. און עס איז דער שטילער טרויער צוזאַ־מען אויסגעמישט מיט דער שטילער פרייד, וואָס איידעלע צניעות הויכט אויף דיר שטענדיג אָן, דאָס איז דער טעם פון ניגון, איך קאָן נישט זאָגן, אַז עס ווערט מיר זייער פריילעך. פאַר־קערט, עפּעס אָן אומבאַגרייפלעכער, אַ אומבאַגרינדלעכער צער הויבט אָן צו דריקן מיין האַרץ. עס ווערט אַפילו פאַרשוואונדן די פרייע חול-המועדדיגע קינדישע שטימונג, וואָס איך האָב גע־פילט דורך דעם גאַנצן וועג, פאַרנדיג אַהער. און עס איז עפּעס איבערגעבליבן אַ ביטערקייט. אַן אנגענעמע ביטערקייט האָט זיך אָנגעזעצט אויף מיין האַרץ. צי איז מיין פרעמדקייט? צי איז עס מיין אָפּגעריסנקייט? איך מוז זיך מודה זיין, אַז איך שעם זיך אַביסל, איך פאַרשעם זיך פאַר זיי.

מיט געוואַלד שלאָג איך זיך אַדורך אַ וועג דורך דער געפּרעסטער מענגע און כאַפּ זיך אַריין אין שול צו די קברים. איך טרעט אויף לייבער, ממש אויף לייבער — אויף ווייבער און קינדער. מען ליגט אויסגעלייגט אויף שטרוי־זעק און מאַטראַצן אַרום די קברים, ווי די חולאים, ווי די פגרים. קינדער זויגן ביי די מאַמעס בריסטן. אַזיאַטישע ווייבער, אַראַבישע יידן, צו־שראָקענע יידישע אויגן, לאַנגע ציטערדיגע פאות פון תימנער יידן. עס שטיקט מיך פון רויך און טשאַד, וואָס טראָגט זיך פון די פיל אָנגעצונדענע ליכט, וואָס זענען ממש באַקלעבט אַרום די קברים, פון די פיל הענגענדיגע אייל־לאָמפּן. עס נעמט אַ פּאָר מינוט ביז מיינע אויגן און אָטעם קענען זיך צוגעוואוי־נען צום ליכט און צו דער לופט. אַרום מיר הער איך אַ גע־וויין אויסגעמישט מיט געזאַנג, קולות פון דאַוונען און בעטן, צוזאַמענגעגאָסן מיט געשרייען, מיט געוואַלדן, מיט געזאַנגען, מיט— טאַנצן. וואו געפין איך זיך? איז עס נישט אַ נאַכט־קאָשמאַר, אַ וויזיע, אַ חלום?

אַרום ר׳ עקיבאס קבר, וועלכער איז אינגאַנצן באַקלעבט מיט ברענענדיגע חלבנע ליכט, שטייען מענטשן און בעטן. אַ

יידענע, אַ פּוילישע יידענע, אָנגעטאָן אין ווייסן, ווי יום־כּפּור צו כּל־נדרי, האָט זיך אַריינגעקוועטשט אין אַ ווינקל פון קבר מיט אַ גרויסן קרבן־מנחה סידור אין איין האַנט, מיט אַ ליכט אין דער צווייטער, נאָר ביידע באַנוצט זי נישט. זי באַנוצט איר אייגענעם „מענה לשון״, אויף וועלכן זי טענהט זיך אויס מיט ר׳ עקיבאן מיט אַזעלכע „גערעכטע״ ביטערע ווערטער, אַז זיי צוברעכן מיין הארץ. די יידענע האָט מיר היימיש געמאַכט און נענטער צו מיר געבראַכט דאָס גאַנצע בילד — זי האָט מיך אַריינגעבראַכט אין אַ ערב יום־כּפּור אַריין אין אַ קליין יידיש שטעטל. באַלד אָבער מישן זיך אַריין אין דער יידענעס היימישע ווערטער אומפאַרשטענדלעכע אַזיאַטישע ניגונים, מאָנאָטאָנישע זיגזאַגישע העויות, וואָס רופן ביי מיר אַרויס אילוזיעס פון מדבר — פון מזרחישע באַזאַרן, פון פאַרנאַכט געבעט־רופן פון מעטשעטס אַרויס. שטייט אַן אַזיאַטישער ייד לעבן דער פּוילישער יידענע, פינקלענדיגע בעדואינישע אויגן אין זיין נעגריש־פאַרברענטן פּנים, ער האַלט אין זיינע רויט־אָנגעפאַרבטע נעגל אַ ליכט, און צוטאַנצנדיג אויף איין פוס, זינגט ער אַרויס אַן אומפאַרשטענדלעכן העבּרעאישן, כאַלדעאישן, אָדער עפּעס גאָר אַן אַראַביש געזאַנג, ווי ער וואָלט זיין נשמה אויסגעגאָסן אין דעם מאָנאָטאָנישן ניגון פאַר ר׳ עקיבאס קבר... שטייט אַ יונגערמאַן, דאַכט זיך אַן אינטעליגענטיש אויסזעען, און גלאָצט מיט די אויגן, ווערט אָנגעצונדן פון די געוואַלדן אַרום און אָנגעשטעקט פון דעם אַלגעמיינעם רעליגיעזן עקסטאַז. דריקן זיך צו אַן אַמעריקאַניש איסט־סיידעריש פּאָרל, אַ דאָלער גיבן זיי פאַר אַ ליכטל, אַן אַמעריקאַנער דאָלאַר פאַר אַ ליכטל, דעם ספרדישן שמש, וועלכער זעט אויס ווי איינער פון די „בני אלי״. אַ פאָטער האַלט אַ קראַנק קינד אויף דער האַנט און שטאַמלט שטומע פאַרביטערטע ווערטער צו ר׳ עקיבאן אין קבר אַריין, ווייזנדיג אויף זיין קראַנק קינד. אַ פערטער, אַ פינפטער— קראַנקע און געזונטע, קראַנקע אין קערפּער, קראַנקע אין גייסט.

ביים ר׳ אליעזורס קבר זיצן פרומע און שווייגן. צי דאָרט לאָזט מען קיין קראַנקע מיט קלאָגן נישט צו? איך ווייס נישט.

אויף די בענק, צווישן צוימל און קבר, זיצן אויסגעזעצט פאַר־שידענע יידן, זיצן און שווייגן, נאָר גלאָצן מיט בלינדן גלויבן אויף די ברענענדיגע ליכט, וואָס הענגען אויפן קבר.

קיין געוויין, קיין געשרייען, קיין געבעט הער איך דאָ נישט. ווי מען וואָלט נאָר דאָ איינצלנע געווען צוגעלאָזט, די וואָס קענען שווייגן. זיצן זיי אַרום — פאַרגלאָצט די אויגן ערגעץ וואו, פאַרטראַכט אין זייערע געדאַנקען ערגעץ וואו און שווייגן. איך האָב געזעען אַזא שווייגן אַמאָל אויף אַן אַנדער אָרט, אין אַ שפּאַנישער שטאָט, אויך ביי אַ הייליגן... זעט זיך אויס, אַז אַלע רעליגיעס, אַלע הייליקייטן ווירקן אויף זייערע גלויביגע אין דער זעלבער אַרט. דאָרט זענען קראַנקע, סיי אין קערפּער און סיי אין דער נשמה, געזעסן און געקוקט מיט שטומע בעטנדיגע בליקן אויף אַ פאַרבלוטיגטן קערפּער, אויסגעשניטן אין האָלץ, און דערוואַרט אַ נס, אַ וואונדער. גאָרנישט האָבן זיי געזאָגט, גאָרנישט האָבן זיי געבעטן, זייערע ליפּן האָבן געשוויגן, נאָר זייערע אויסערלעכע אויגן און סיי זייערע אינערלעכע אויגן האָבן ערגעץ וואו געקוקט — און די האַסט אין זייערע פאַר־חלשט - באַגייסטערטע פנימער געקענט זען, אַז זיי זעען עפּעס... און דאָ אויך זיצן אַרום אַ גרויסן שטיין, וואָס זעט אויס ווי אַ הויכע מיטה אָפּגעקאַלכט אויף אַ בלוילעכן ווייס, באַלויכטן מיט פיל ליכט — זיצן זיי אויך און שווייגן, און די קענסט זען אין זייערע פאַרגלאָצטע אויגן און באַגייסטערטע פנימער, אַז זיי זעען עפּעס, וואָס די זעסט נישט, און הערן, וואָס די הערסט נישט. און דאָרט, ווי דאָ, דערוואַרטסטו, אַז אָט וועט זיך אַ לאָמער באַלד אויפהויבן, אַ שטומער וועט אָנהויבן צו ריידן, אַ בלינדער וועט באַלד זעענדיג ווערן, און אַ זינדיגער און אַ אירנדער וועט אויסרופן מיט גרויס פרייד: „איך דערזע דעם וועג!"

נאָר דער גרויסער רעליגיעזער עקסטאַז און די טיפסטע רעליגיעזע פאַרהערלעכונג ווייזט זיך אַרויס ביי ר' שמעון בר יוחאיס קבר. זיין קבר ליגט באַזונדער — אין אַ גרויסער טונ־קעלער שול. איין האַלב קבר איז איינגעמויערט אין אַ ספרדי־

שער שול און אַ צווייט האַלב קבר איז איינגעמויערט אין דער אשכנזישער שול. אַזוי האָבן זיך ביידע יידישע שבטים געטיילט מיט ר׳ שמעונס קבר. אַ גרויסע אייזערנע צוים רינגלט אים אַרום און שפּאַרט אים אָפּ פון די מענטשן. די גרויסע שול איז טונקל און באַלויכטן נאָר פון די ליכט און די אייל־לאָמפּן, וואָס וואַרפן אַ פרומען פרייטאָג־צו־נאַכטיגן שיין אויף זיין קבר. ביי דעם קבר פון ר׳ שמעון בר יוחאי ווערט נישט געוויינט, אויך נישט געגלאָצט מיט בלינדער אמונה. דאָרט ווערן נאָר צוגעלאָזט די פרומע און געלערנטע. חסידישע יידן מיט אַטלעסענע און זיידענע קאַפּאָטעס; ספרדישע חכמים, אין שווארצן ערנסט באַקליידט, שטייען מיט גרויסע „זוהרס״ אין די הענט און לערנען אַרום דעם קבר מיט אַ „מאָראַלישן״ מוראדיגן ניגון, אָדער זאָגן מיט גרויס התלהבות און ברען די קבלהסטישע מיסטישע תפילה, אַרויסגענומען פון „זוהר״ און אַנדערע קבלה־ספרים, וועלכע דער אר״י הקדוש האט ספּעציעל פאַרפאַסט פאַר דעם יאָרצייט פון ר׳ שמעון בר יוחאי. פרומע יונגעלייט שטייען און שאָקלען זיך אַרום דעם קבר, זייערע אויגן פאַרמאַכט, זייערע פּנימער באַלויכטן, און שטאַמלען פאַר זיך אומפאַרשטענדלעכע מיסטישע תפילות; קלוגע שיינענדיגע שטערנס פון ספרדישע חכמים קנייטשן זיך אין טיפן ערנסט, באַוועגן זייערע לאַנגע גראָע פאות און בכבודע בערד אין טיפער פאַרטראַכטונג, אין שווייגנדיגער הייליקייט, קאָנצענטרירן זיך אין טיפע כונות, צופּאַסנדיג געהיימע גימטריאות; אַנדערע פאַרגלאָצן די אויגן, הויבן אויף די הענט צום הימל; אַנדערע שטייען שטום — פאַרטיפט און פאַרטראַכט אין זיך; גאָר אַנדערע שטעקן אריין די פינגער אין זייערע גאַרטלען און שאקלען זיך אין הייליגן עקסטאַז — ווי אַ ווינט לייגט יונגע ווערבעס אין וואַלד — און אַלעס און אַלעמען נעמט אַרום די ערנסטקייט און די שטילקייט פון דעם אָרט...

דער רויך פון די ליכט. דער געשטאַנק פון די איילן פרעסן אויף דאָס לעצטע ביסל לופט, — און אפשר איז עס עפּעס אַנדערש, וואס פאַריאגט מיך פון דאַנען, ווי דאס אויס־

פעלן פון לופט. פאַרוואָס פיל איך זיך ענג? קוים מיט סכנות־נפשות זיך אַרויסגעכאַפּט אין דרויסן. דער געדראַנג אין הויף איז געוואָרן נאָך שטאַרקער. איצט טאַנצן שוין מערערע פאַר־לעך. חלוצים אין ווייסע העמדער מיט נאַקעטע הענט און פיס און רויע אפגעבּרענטע פּנימער האַלטן זיך ביי די אַקסלען אַרום און שניידן אַ ווילדן חלוצישן טאַנץ, וואָס גייט דאַך אין ריט־מישן טאַקט צום מאָטיוו פון אַ פּסוק אין פּרק, וואָס זיי האָבן דערויף געמאַכט אַ חלוצישן זמר און וועלכער דריקט אויס זייער שטימונג אַמבּעסטן. אויפגעלעבּט אַן אַלטן פּסוק מיט אַ נייעם אינהאַלט — ווי זיי האָבן שוין נישט איין מאָל געטאָן:

אם אין אני לי

מי לי?

וכשאני לעצמי

מה אני?

ואם לא עכשיו

אימתי?

אימתי?

(אַז איך בין נישט פאַר מיר, ווער איז פאַר מיר? און אַז איך בין נאָר אַליין פאַר זיך — וואָס בין איך? און ווען נישט איצט — ווען דען? ווען דען?)

די פיס גליטשן זיך אַליין אונטער דעם טרייבּן פון דעם ניגון, און ער שטעקט אַן דער ניגון, ווי אַ געלעכטער, ווי געוויין. דאָ און דאָרט הייבּן זיך פיס. דער גאַנצער ים, וואָס גיסט זיך אין דעם אַרומגעצוימטן הויף פון דעם פּיר־עק, באַוועגט זיך. הענט שליסן זיך אין פּלייצעס. וואָס אַמאָל ווערן מער שטראָמען אַריינגעצויגן אין דעם געווירבּל פון געזאַנג און באַ־וועגונג. יונגע און אַלטע, חלוצים און חסידים, מענער און פרויען. חזרט איבּער די ווערטער אַ פּאָר מאָל און איר וועט זען, אַז איר קענט אַריינקנייטשן און אַריינטייטשן אין די ווער־טער וואָס איר ווילט — אייער אייגענעם גורל, אייער אייגן לעבּן און דאָס לעבּן פון אייער אידעאַל, אייערע וואונטשן, אייערע האָפנונגען — אַלצדינג, וואָס איז אייך טייער; און עס

דאַכט זיך, אַז נישט מענטשן בלויז טאַנצן און דרייען זיך אין דעם געווירבל, נאָר אידעאַלן, וואונטשן, האָפענונגען און ווילנס...

יאָ, די שטימונג דאָ איז אַ גאַנץ אַנדערע, ווי אינעווייניג ביי די קברים. אַ שטימונג פון רעליגיעזער צעלאָזנקייט... עפּעס פון אַ מעסיאַנישער אויפגעבונדענקייט, פון באַפרייאונג פון רעליגיעזע חובות. אזוי האָט עס זיך געמוזט אָנהויבן ביי יעדער גרויסער מעסיאַנישע אויפברויזונג. אזוי האָט עס זיך אָנגעהויבן אין די צייטן פון שבתי־צבי, שפּעטער פון פראַנקן. עראָטיק און רעליגיעזע עקסטאַזן שטאַמען פון איין קוואַל און קומען צוזאַמען, עס ווערן צעפירט די גרעניצן פון מענטש און מענטש. נשמות דערפילן דעם בשותפותדיגן אויסגאַנג פון זייער מקור. פּונקט אזויווי די צווייגן פון אַ בוים, וואָס זענען צעוואָרפן אויף פארשידענע זייטן און קענען זיך נישט צוזאַמענקומען איינער מיט דעם אַנדערן אויבן אין דער הויך אויפן בוים — דערפילן זייער מוטערלעכע צווייליקייט אונטן אין דער ערד, ביים וואָרצל.

אָבער וואָס דריקט מיין האַרץ? פאַרוואָס קען איך זיך נישט פאַרגעסן? און ווי א פרעמדער, ווי א קאַלטער שלייך איך זיך אַדורך צווישן דער מענגע, עס איז נישט דאָס געמיינזאַמע רעליגיעזע, וואָס איך האָב שוין נישט מיט זיי, וואָס שיידט מיך אָפּ פון זיי. אָט זענען דאָך פיל דאָ, פרעמדע, ווייטע. איך זע צווישן די טענצערס אויסגעמישט אין דעם געדראַנג אינטעליגענטע מענטשן, מענטשן, וואָס זענען געקומען פון דער פרעמד. אפשר מיינען זיי עס ערנסט, אפשר נישט. וואָס איז דער חילוק? זיי פאַרגעסן זיך סוף־כל־סוף און ווערן אַליין אנטיילנעמער. אַ געמיינזאַמע פרייד, שמחה ברבים, איז אנשטעקנד, פּונקט אזוי ווי טרויער איז אנשטעקנד. און מיר זענען דאָך נאָר מענטשן. עס ווירקט אויף אונז אַלעס מענטשלעכע. נישט נאָר די פרעמדקייט פאַריאָגט מיך פון זיי. עפּעס אַ טיפער אומבאַגרינדלעכער צער באַשווערט מיין האַרץ. עס איז שוין מיין נאַטור אַזוי. אויף יעדער שמחה ווערט מיר טרויעריג. אָבער דאָ נאָגט אין מיין האַרץ דער צער און לאָזט מיך נישט אָפּ אויף

אַ מינוט. מען פּרואווט מיך אַריינצוציען אין געווימל פון די טענצערס. אייגנטלעך וואָלט איך געוואָלט, פאַרוואָס נישט? די האַנט שטרעקט זיך אויס, וויל זיך איינפלעכטן אין אַ צווייטע האַנט, דער אַקסל – באַרירן אַ צווייטן, פילן די נאָענטקייט פון אַ דופק, פון אַ קלאַפּעדיג האַרץ, פון קאָכעדיג בלוט – פון אַ מענטשלעכן ברודער, אַ ייד. נאָר עפּעס אינעווייניג אין מיר לאָזט מיך נישט. – ניין, ניין, ריר מיך נישט אָן, מער ווי אַ קאַלטער צושויער וויל איך נישט זיין, נאָר אַ קאַלטער צושויער, נישט אַן אנטיילנעמער.

איך פאַרטראַכט זיך אַליין – און ווער פאַרטריבן דוו, מיין אייגענעם קאַפּריז, קעגן מיין ווילן, פון מאַסן־פרייד, וואָס איך האָב דאָך באמת אַזוי ליב. אַליין שלייך איך זיך ארויס. קריך אַרויף אויף די דעכער פון די הייזלעך. די אַלגעמיינע שטימונג פון פרייד האָט שוין אונטערגעצונדן און אָנגעכאַפּט אַלעמען, און די קליינע שטיבלעך אַרום דער שול, וועלכע ווערן פאַרדונגען דורך דער צייט פון דער פייערונג פאַר סטאַנצ־יעס פאַר משפחות און שבטים, זענען איבערגעפילט מיט מענטשן... עס זעצן זיך אויס אויף דער ערד, לויט דעם אָריענטאַלישן מנהג, בוכאַרישע פאַמיליעס, תימנער ספרדים, אונזערע חסידים, ארץ־ישראל־אינטעליגענטן, חלוצים, טוריסטן – די גאַנצע וועלט. אויסגעמישט אַלע צוזאַמען, כלערליי קליידונג, אַלערליי ראַסן און פאַרבן. אָריענטאַלישע עסנוואַרג, אין קליינע טעלערלעך, שטייען אויסגעשטעלט אויף דער ערד, אויף פלעשלעך גייען אַרום פון מויל צו מויל. דאָ און דאָרט פלאַמט אויף אַ געלעכ־טער, לעשט זיך אויס אַ פאַרשיט קיכערן. אָריענטאַלישע פרויען גיבן אַרויס פון זיך כאָרכל־געשרייען, יאָדלען ווי די ווילדע. אומעטום בעט מען מיך מיטצועסן, אנטייל צונעמען אין דער אַלגעמיינער שמחה. – אין איין טייל שטיבלעך – פרויען אין די אָרעמס פון מענער... געלעכטער, פרייד. אומעטום האָט זיך שוין די אַלגעמיינע שמחה צעגאָסן, ווי אַ קוואַל וואסער פאַר־פלייצט. וואָס איז די שמחה? וואָס איז די פרייד?

עפּעס אַ לייכטיקייט קומט, אַ באַפרייאונג, וואָס מען קען

נישט איבערגעבן. אַן אינערלעכע אויפלעזונג, וואָס מאַכט לויז אַלע מאָראַלישע פליכטן. אַזוי האָבן זיך געמוזט יידן אַמאָל פילן דעם צווייטן טאָג נאָך יום־כפור, ווען די זינד איז געװאָרן פאַרגעבן. אַזוי האָבן זיך יידן געפילט אין גרויסע מע־סיאַנישע מאָמענטן, דענסטמאָל, אויף די דעכער פון צפת, ווען זיי זענען געזעסן אין גרינע קליידער אָנגעטאָן און האָבן אויס־געוואָרט אַ גאַנצע נאַכט אויף דילה ריגה...

אויפן דאַך פון דער גרויסער „הדלקה" טרעף איך שוין פיל באַקאַנטע. ביאַליק איז דאָ געקומען דורך אַן אַנדער וועג פרץ הירשביין מיט זיין שיינער יונגער פרוי, וועלכע זעט אויס ווי אַ יידישיסטישע שבת־מלכה, פיל העברעאישע שרייבער, אינ־טעליגענטן, פירער. מען פרייט זיך מיט מיר, נישט געוואוסט, אַז איך בין דאָ.

— נו, ווי פילט איר זיך? — פרעגט מען מיך פון אַלע זייטן.

— מיר איז קאַלט. — ענטפער איך באַשיידן.

— א קאַלטער ליטוואַק, — זידלט מיך ביאַליק, און איך קוק אים אין די אויגן אריין. דאָס זעלבע קאַלטע פייערל וואָס טוז ברענען אין מיינע אויגן, דערזע איך אין זיינע. ער דרייט זיך אויך אַרום א פרעמדער. אין דער שטיל זאָגט ער צו מיר.

— איך ווייס נישט פאַרוואָס, עס נעמט מיך נישט.

— די אמונה פעלט. די אמונה.

שפעטער רינגלען חלוצים ארום ביאַליקן און ווילן אים מיט געוואַלד אַריינציען אין אַ טאַנץ אַריין. ער יאָגט זיך אָפ פון זיי.

— נעמט דעם קאַלטן ליטוואַק, — ווייזט ער אָן אויף מיר.

בחורים און מיידלעך רינגלען מיך אַרום. ווילן טאַנצן; מיר טאַנצט זיך נישט. מען נויט מיך, און איך מאַך זיך אַרויס פון זיי מיט געוואַלד.

— יידישע דיכטער, שרייבער, און קענען זיך נישט באַ־גייסטערן אויף אַ פאָלקס־שמחה! — זידלט מען אונז פון הינטן.

דיכטערס פון פארגליווערטקייט.

א דיכטער פון „שטעטל", פון „גלות", — זידלט מען מיך הינטער מיין רוקן.

א מינוט טראכט איך ביי זיך: זיי האבן דאך רעכט. אנגענומען, אז אלעס וואס עס קומט דא פאר איז ווילד, איז פרעמד. נו, וואס איז? און איך וויל פארגלייכן צווישן אונז און די שריפטשטעלער פון די סלאווישע פעלקער. באגייסטערן זיך נישט די פוילישע גרויסע קינסטלער מיט די קאטוילישע, מיט די פראוואסלאווע יום־טובים פון זייערע פעלקער? ווי פארהערלעכט טאלסטאי דעם יום־טוב פון יעזוסעס געבורט אין א רוסישן דארף אין זיין „תחית המתים"? ווי האבן באזונגען די פוילישע דיכטער און שריפטשטעלער די פוילישע „אטפוסטן"? מיט וואס איז דאס ערגער פון א קאטוילישן קירכן יום־טוב? פארוואס זענען מיר אזוי פרעמד דערצו, פרעמד און קאלט?

און איך קוק אויף די צוויי שטיינערנע „מזבחות", וואס שטייען אויפן דאך פון דער שול, אויף וועלכע מען וועט אנצינדן דאס גרויסע פייער. עס ליגן אין די לעכער פון די „מזבחות" אנגעגרייט איינגעוויקלטע קליידער, דורכגענעצט אין בוימל, גרייט פאר דער פייערונג. יעדעס מאל קומט ארויף אן אנדער יידענע, אדער א ייד, און ברענגט ארויף א קלייד צו פארברענען; אלטע חופה־קליידער, זיידענע טיכער, אריענטאלישע קאפטנס, פערסישע שאלן און וואס נישט? אלץ גייט אויפן „מזבח" צו פארברענען. יעדעס מאל קומט ארויף אן אנדערע יידענע אדער ייד און ברענגט צום תנא א „קרבן" א פלאש בוימל, וועלכע ער גיסט אריין אין די איינגעוויקלטע דורכגעזאפטע קליידער. דער בארג פון אייל־דורכגעווייקטע קליידער וואקסט וואס אמאל העכער. העכער; גרעסער זאל דער פלאם אין הימל ארויפשטייגן פארן כבוד וועגן פון תנא, וועמענס יארצייט מען פראוועט. וואס העכער עס זאל שטייגן זיין לויפ און געזאנג — העכער דער בארג. גרעסער דער קרבן, רייכער דער מזבח. מער אייל, מער אייל — מער קרבנות. ניין,

נישט נאָר קליידער, אַ שעפּס ברענגט, מעל ברענגט, אייל און האָניג — און אפשר אויך אַ מענטש!

דאָס פאָלק טאנצט שוין אונטן אין הויף!

יפתחס טאָכטער, שטיי אויף, און טאַנץ דיין קרבן-טאַנץ מיט צעפּלאָשעטע האָר און נאַקעטע בריסט פאַרן פאָלק, אַרום דיין מזבח!

וואו האָב איך דאָס געזען? ווען בין איך געווען דערביי? אילוזיעס פון אַמאָל. יאָרן און דורות, וואָס מוזן שלומערן אין מיר, וועקן זיך אויף — נאַכט־סצענעס פון מדבר, אין וועלכע מיינע עלטערן קומען צוגיין.

וואו האָב איך אַמאָל דאָס געלעבט? וואו האָב איך אַמאָל דאָס געפילט? דער לעצטער געצנדינערישער טראָפּן בלוט, וואָס איז געירשנט אין מיינע גלידער פון יענע אבות, וואָס האָבן צום פלאַם פייער געדינט, וועקט אין מיר.

אָ, יעצט פאַרשטיי איך מיין טרויער, יעצט פאַרשטיי איך מיין פרעמדקייט, מיין וויטקייט דערפון.

נישט די יידישע יום־טובים פון מיין פאָלק זענען מיר פרעמד און ווייט, נאָר דאָס וואָס וועט ווערן דאָ געפּראַוועט איז ווייט און פרעמד פון מיין פאָלק. מיין גאַנץ אייראָפּעאיש בלוט בונטעוועט זיך קעגן דעם. די פרומע צניעותדיגע יידישע יום-טובים פון אונזערע אָרימע באַשיידענע היימען, ווי איך האָב זיי געזען אין מיין מוטערס שטוב, זענען מיר נאָענט, טייער און הייליג.

דאָס — דאָס איז מיר פרעמד און ווייט.

געלויבט צו גאָט, איך בין דער דיכטער פון גלות. דער־האַלט מיך אַזוי אַלע מיינע טעג.

ג.

און יעדעס מאָל קומט אַן אַנדערע יידינע, און מיט אַ פרומע מינע, און מיט מורמלענדיגע ליפּן לייגט זי אַרויף אויפן שטויס איר „קרבן״, איר איינגעוויקלט קלייד, אָדער גיסט אַריין

אין שטויס קליידער איר פלאַש בוימל. אין דער שטיל, מיט רעליגיעזער פרומקייט און געטלעכער ציטעריקייט טוט זי דאָס. טייל שטייען נאָך דערביי און „מורמלען" מיט די ליפן אַ געבעט — פאַרגלאָצט די אויגן ווי צום ליכט־בענטשן. אַזוי האָט געמוזט חנה, שמואלס מוטער, שטייען ביי איר קרבן...

פלוצים הערט מען אַן אויסרוף: „היט אייך, היט אייך, דער רבי גייט!" דאָס לויפט אַרום דער שמש אויפן דאַך און מאַכט אַ וואַרע פאַרן רבין. דער רבי איז אַ גאַליציאַנער, דאָס יאָר עקסטרע געקומען אָנצוצינדן די „הדלקה". דאָס האָט מען אים אָפּגעגעבן דעם כיבוד. — אַלע יאָר האָט ער געלט געשיקט אויף אייל. אַ פעטער אַ ברייט־ביינערער, קוקט ער אויס ווי אַ גוט איינגעזעצטער יוסטער בעל־הבית, אַ ייד אַ נגיד, וואָס איז אַ מטופל מיט קינדער אַוודאי, אַרומגערינגלט פון אַ סוויטע פון גבאים און שמשים, נעמט דער רבי אַ פלאַקער פייער פון דער האַנט פון אַ שמש, און זינגענדיק דאָס ליד: „אמר ר' עקיבא: אשריכם ישראל", צינדט ער אָן דעם שטויס אייל־דורכגעווייקטע קליידער פאַר דעם כבוד פון ר' שמעון בר יוחאי.

דער פלאַם צעגייט זיך, לעקט אַרום די קליידער און גיט מיט אַמאָל אַ זעץ אַרויס אין הימל אַריין, טראָגנדיק אין זיינע פייערדיקע צונגען שטיקער פאַרברענטע שמאַטעס און שמייסט זיי איבער די קעפ פון די פאַרזאַמלטע אויף די דעכער, איבער דער גרויסער צוזאַמענגעפרעסטער מענגע אין הויף, פון הויף אַרויס קומען די געוואַלדן, די געזאַנגען און דאָס שפילן פון פלייטן, פון טראָמפייטן; דער עולם ווערט שיכור פון פייער אין נאַכט, פון אָנגעשטעקטער שמחה. אַ בחורל, אַ ירושלימער בחורל, באַווייזט שוין קונצן, טאַנצנדיק ווי אַ וויכער, ווי שדים וואָלטן אין זיינע דינע פיס געשטעקט, דרייט ער זיך אַרום ווי אַ קנויל — און די מענגע אַרום האַלט אים צו מיט די הענט.

חסידישע יידן מיט די שטעקנס איבער די קעפּ, פאָכנדיק צום טאַקט, טאַנצן אין אַ רונדע אַ יידישע קאָזאַצקע. אַנדערע נעמען זיך אַרום, די הענט אַרום די אַקסלען, די קרייזן ווערן

גרעסער, עס פֿלעכטן זיך איין אין די רונדעס פֿרומע מיט נישט־פֿרומע, חסידים מיט חלוצים, ווייבער און מענער. דאָס משוגעת כאַפּט שוין אַלעמען אַרום. דער גאַנצער הויף באַוועגט זיך. פֿון אויבן אין דער הויך, פֿון דאַך אַראָפּ, זעען זיי אויס ווי אַ פֿאַר־גליווערטע מאַסע, וואָס הויבט זיך אָן צעלאָזן, ווי שטראָמען וואַסער, וואָס פֿרעסן און דריקן און קוועטשן זיך צוזאַמען. — אַלעס באַוועגט זיך, צעפּירט זיך און קומט זיך צוזאַמען. קעפּ אויף קעפּ. שוואַרץ, ווייס און פֿאַרשידן-קאָלירנדיק. און איבער דעם ים קעפּ טראָגן די פֿלאַמען פֿון דאַך אַראָפּ שטיקער פֿאַר־ברענטע שמאַטעס, פֿונקען פֿייער און רויך.

די לופֿט הערט וואָס אַמאָל ענגער און דער פּלאַץ ווערט וואָס אַמאָל ענגער. דער ווינט שלײַדערט די פֿלאַמען אין פּנים אַרײַן. אַ געשטאַנק פֿון בוימל, פֿון פֿאַרברענטע קליידער און צוזאַמענגעקוועטשטע מענטשן, נישט אויסצוהאַלטן. איך ראַטעווע זיך — קוים אַרויסגעקריגן זיך אין דרויסן, ווייטער, ווייטער פֿון דער מענגע, פֿון דרויסן צו זעען דאָס בילד. די גאַס איז טונקל, ערנסט און שוואַרץ. די ארץ־ישראל נעכט זענען ערנסט און טרויעריק, און די נעכט איבער די צפֿתער בערג זענען דורכגע־נומען מיט אַזאַ מיסטישן מיסטעריעזן טרויער, אַז אַ ווייטאָג נעמט דיך אַרום. די נאַכט ליגט זיך שוואַרץ, געדיכט און שווער איבער די בערג און דריקט צו מיט איר גאַנצן געוויכט די טאָלן, פֿון וועלכע די פֿלאַמען פֿייערלעך פֿון די הײַזער אַרויס בעטן זיך רחמים מען זאָל זיי קומען ראַטעווען פֿון דער נאַכטס לאַ־פּעס אַרויס... דער הימל — אַן ארץ־ישראל־הימל: גרויסע, גרויסע שטערן, דאַכט זיך זיי רײַבן זיך איינס אין דאָס אַנדערע, שטערן פֿונקען טראָגן זיך פֿון זיי אין דער לופֿטן אַרום... ווינטן ברענגען צעטראָגן אין זייערע פֿליגלען גאַנצע הויפֿנס מיט זאַמד פֿון די בערג אַראָפּ, און פֿאַרקלעבן דיר די אויגן און פֿאַר־שמײַסן דיר דאָס פּנים.

אַרום, אויף די קעפּ פֿון די בערגלעך, זיצן אָדער שטייען מענטשן — טונקעלע, פֿאַרהוילענע, נישט געזעענע, ווי טויטע שאָטנס באַוועגן זיי זיך, און ווען נישט דאָס פֿריילעכע לאַכן,

וואָס שווימט אַרויס פון דאָרט, וואָלסטו זיך דערשראָקן פאַר זיי. אַראַבער טרייבן פאַרביי זייערע שוואַרצע ציגן און רופן אויס אויף יידיש: „מילך, פרישע מילך, ווילסט?"

אין די טאָלן, אונטער די בערג, פאַרטראָגן זיך גרופּקעלעך חלוצים און מיידלעך, שלאָגן זיך אויף געצעלטן, אָדעדעקן זיך צו מיט פאַלטאָס און פאַרבייסן דעם הונגער און פאַרטרייבן די קעלט מיט געזאַנגען. אַנדערע פאַרלעך באַהאַלטן זיך אין די ווינקעלעך, טיילן זיך מיטן עסן, מענטשן קלייבן זיך אין די פיל געוועלבער־ביידלעך, וואָס שטייען אויפגעשטעלט ביים אַריינגאַנג פון מירון — ווי אויף אַ יאָר־מאַרק, רייסן האַנט פון האַנט אַ גלאָז טיי, אייער, ברויט. אַנדערע באַהאַלטן זיך אין זייערע אויטאָמאָבילן. די נאַכט ווערט קעלטער. איינצלנע מענטשן וואַלגערן זיך אַרום אַליין, קענען זיך נישט צוקלויבן צו קיין גרופּע, האָבן נישט מיט קיינעם צו טיילן זיך אַן עסן, האָבן נישט מיט קיינעם צו טיילן זיך אַ קלייד... און צווישן די איינצלנע בין איך אויך, איינער פון זיי.

די נאַכט ווערט קעלטער. אויף די רוקנס פון די בערג זעט מען שוין קריכן ליכטער. די ליכטער שניידן אָפּ און שיידן די סילועטן פון די בערג אָפּ פון דער נאַכט (וואָס האָט אַלעס פאַרווישט). דאָס פאָרן שוין די אויטאָמאָבילן צוריק פון מירון קיין צפת. איינער נאָכן אַנדערן קריכן זיי ווי גליי־ווערים און טוקן זיך אין דער פינסטערניש. מיר גלוסט זיך נישט אַהיים צו פאָרן. עס איז נישטאָ קיין „היים" — איך פיל זיך ווי עפּעס אַ פאַרוועבטער, אַ געפאַנגענער דאָ, אין דעם כישוף פון אומפאַרשטענדניש, פון פרעמדקייט און עבודה־זרהדיקייט. איך בלאָנקע זיך אַהין און צוריק, אַ מידער, אַ געפרווירענער, אַ פאַרלוירענער. — ביז ענדלעך איך געפין מיר מיין פלאַץ אויף אַ שטיין, אויף אַ בערגל, וויקל זיך איין אין דעם דינעם רעקל מיינעם, ווי ווייט איך קען, און קוק זיך צו צו דער „הדלקה".

ווי אַן אילוזיע, ווי אַ חלום פון אַמאָליגע טעג — ווי דאָס בילד וואָלט שוין געווען געלעבט אין בלוט, אין אַן אַנדער גילגול, אין אַן אַנדער לעבן. ווען און וואו האָב איך עס

געזעען, אַט די דעכער מיט מענטשן, באַגליט אין פלאַמען פייער וואָס טראָגט זיך פון אַ שטויס? ווען און וואו האָב איך דאָס געזעען, אַט די טויזנט שפּרינגענדע קאָכנדיקע מענגע מענטשן, באַגליט און באַלויכטן אין פלאַמען פייערן, וואָס טראָגן זיך פון שטויסן אויף דעכער? — ווען האָב איך געהערט די קולות, די ווילדע זינגענדיקע קולות אַרום אַ פייער? — אַמאָל אין אַ מדבר־נאַכט? אַמאָל אין אַ משיח־נאַכט, ערגעץ־וואו אין אַן אַנדער לעבן, אין אַן אַנדער גילגול?

לעבן מיר זיצט ווער. — אַ וואַרימע האַנט דריקט מיינע אין דער קאַלטער נאַכט. אַ פריינדלעך גוט־שמייכלדיק פּנים פון אַ יידיש מיידל. טרויריקע, גרויסע שוואַרצע אויגן. יידישע אויגן. יידישע גלות־אויגן. אויגן, דאַכט זיך, וואָס האָבן שוין אַלעס געזעען און האָבן פאַר גאָרנישט מער קיין מורא. אויגן וואָס צעגיסן דיין האַרץ פאַר רחמנות און דערביי זענען זיי אַזעלכע אכזריותדיקע, אַז זיי קענען דיך אָפּשעכטן און אַוועקגיין און איבערלאָזן דיך אָן אַ גוט וואָרט. אויגן, וואָס פייניגן זיך און פייניגן אַנדערע אָן אַ פאַרוואָס, אָן אַ פאַרווען, — גאָרנישט, גלאַט אַזוי, ווייל זיי האָבן ליב צו פייניגן. אַ מיידל־מויל, אַ מויל, וואָס איז געשניטן אין צער. אַ גרימאַסע איז אויסגעגאָסן איבער דעם שניט פון מויל, און זי קוקט אויף מיר מיט איר ווייטאָגדיק מויל און מיט אירע גרויסע אויגן.

לכּבוד מיר וועט זי רעדן „זשאַ־גאָן“, ניין, „יידיש“ — כאַפּט זי זיך צוריק. זי האָט געלעזן די „כּישוף־מאַכערין פון קאַסטיליען“ אין „אָריגינאַל“ און זי האָט זיך אַזוי געוואָלט באַקענען מיט דעם מחבר. — זי ווייסט אָבער נישט ווי צו רעדן. „זשאַרגאָן“, ניין, יידיש — רעדט זי שלעכט, איר שפּראַך איז העברעאיש.

איר „יידיש“ איז טאַקע געווען אַ זשאַרגאָן, אויסגעמישט מיט רוסישע און פּוילישע ווערטער, און איר העברעאיש האָט געקלונגען שיין און אָנגענעם, נאַטירלעך און רירנד, מיט אַ חייבלעכער רירנדיקייט. ווייל איר קול איז געווען ווייך און שיין, אָנגענעם און רירנד. מיידלשע עלעגיע האָט געקלונגען

אין איר קול, און ליב געהאַט האָט זי צו רעדן העברעאיש. —
גוט, פאַרוואָס זאָל איך עס איר נישט פאַרגינען.

זי קומט פון רוסלאַנד. אַלס קינד שוין אַמאָל געווען אין ארץ־ישראל. אירע עלטערן זענען צוריקגעפאָרן, ווען די מלחמה איז אויסגעבראָכן, און דאָרט אין רוסלאַנד האָט זי פאַרלוירן אירע ביידע עלטערן, אין אַ פּאָגראָם, צווישן די גרענעצן אָפּ־געמעקט געוואָרן — זייער בלוט איז ערגיץ־וואו פאַרגאָסן גע־וואָרן אויף אַן איינזאַם פעלד — צווישן די גרענעצן — מען ווייסט נישט וואו זייער געביין איז אַהינגעקומען. איצט געפינט זי זיך דאָ אין ארץ־ישראל ביי אַ שוועסטער און שפּילט אין אַן ארבעטער־טעאַטער קליינע כאַראַקטער־ראָלן. זי גלויבט, אַז זי איז פעאיג אויף עפּעס בעסערס, נאָר ווי אומעטום און ווי אין יעדן טעאַטער אויף דער גאַנצער וועלט איז דאָ פּאָליטיק.

— גאָט מיינער! — פאַרלוירן אירע עלטערן אין אַ פּאָגראָם און איך זאָל איר נישט פאַרגינען צו רעדן העברעאיש?

— ניין מיין קינד, רעד נאָר העברעאיש — און לאָמיך אפילו וויסן צו פאַרלירן מיין רעפּוטאַציע אַלס „יידישיסט" פון צוויי וועלטן, הייס איך דיך רעדן צו מיר העברעאיש, ווייל אין דיין העברעאיש קלינגט דער צער פון דיין יונג לעבן; אין אים האָסטו אַריינגעקנעטן דאָס פאַרביטערטקייט פון דיין הארץ און דו מיינסט, אַז דו געפינסט אין אים אַ טרייסט — און איך זאָל דיר דאָס שטערן?

— ניין, מיין קינד, רעד נאָר העברעאיש. די נאַכט איז ווילד, די נאַכט איז שיין. אַ פלאַקער פייער ברענט אויף אַ מזבח, יידן טאַנצן אַ ווילדן טאַנץ. — דו האָסט פאַרלוירן דיין טאַטע־מאַמע אין אַ פּאָגראָם, אין דיינע אויגן ליגט דער צער פון מיין פאָלק, אין דיין מויל איז איינגעשניטן דער ווייטאָג פון דיין לעבן — און דיין איינציגער טרייסט איז דער שיינער קלאַנג פון דיין שטימע. ניין, מיין קינד, רעד נאָר העברעאיש!

ווער ווייסט, וואָס איך האָב איר צוגעזאָגט אין אַזאַ נאַכט, אין אַזאַ שעה. איך גלויב, אַז דאָס האָבן די פאַרשאָלטענע העברעער זי אָנגעשטעלט ווי אַ דלילה, אויסצונאַרן פון מיר

הבטחות, אַז איך וועל אומגעטריי ווערן צו מיין יידישער מוטער, און אַרויסצופּישון פון מיר אַ צוזאָג, אַז איך וועל אָנשרייבן אין העברעאיש, ספּעציעל פאַר איר, אַן איין־אַקטער, אַ שטיק, אַ ראָל, צוגעפּאַסט פאַר אירע שיינע אויגן, צו פאַרקלינגען עס מיט איר טיפער ווייבלעכער שטימע.

זייט מיר מוחל, מיינע יידישע פריינט! אַ נאַכט געווען אַזעלכע, אַ פאַרפירערישע.

און דער העברעאישער אומה וואָלט איך געראָטן, אַז אָנ־שטאָט אַלע אַגיטאַציעס און אָרגאַניזאַציעס זאָלן זיי אין דער מלחמה צווישן די יידישיסטן און העברעער באַנוצן די כלי־זין פון אַזעלכע אויגן. אַזעלכע אויגן קאָנען אַלעס אַרויספּישופן. די „יידישיסטן” זענען אויך נאָר זינדיגע מענטשן...

דער מאָרגן גרויט שוין. עס ווערן אַנטדעקט פון די טיי־פענישן פון דער נאַכט די שפּיצן פון די בערג. די שפּיצן בערג אַרום מירון און צפת פאַרהוילן אין אַ מילכיגן נעפּל. אַזוי האָט אויסגעזעען די וועלט ווען זי איז אַרויס פון גאָטס הענט, קיי־לעכדיג און לער און באַדעקט מיט אַ געדיכטן טוי־וואָלקן. פאַרלעך און גרופּנווייז ליגן די חלוצים און טוריסטן אויסגע־צויגן אונטער די שטיינער און טאָלן, באַהאַלטן אונטער זייערע קאַפּאָטעס, רעק, טיכער, און שלאָפן ווי די געפאַלענע אין אַ מלחמה־פעלד.

אויפן דאַך ברענען נאָך אַלץ די צוויי גרויסע פייער־פלאַמען, וואָס די יידן האָבן אָנגעצונדן לכבוד דעם תנאס וועגן. בלאָס ברענען זיי זיך אין דער גרויקייט אַריין, און דער ווינט ברענגט אַהער צוטראָגן די לעצטע רעשטן פון די ברענענדיגע שמאַטעס. דער מאָרגן איז גרוי און קאַלט, און אַראַבער קומען אַרויס פון אונטער די בערג, טרייבנדיג זייערע סטאַדעס מיט שוואַרצע ציגן און רופן הויך אויף יידיש מיט אַ גראָעדיג קול: „פרישע מילך, ווילסט!”

איך גיי אַריין אין הויף פון שול — דאָס בילד האָט זיך געענדערט יעצט: טוריסטן און חלוצים האָבן פאַרלאָזט דעם הויף, אָדער זיי ליגן ווי די פגרים אויסגעצויגן אויף דער

פאדלאגע און שלאפן, לאזנדיג טרעטן אויף זיך. זענען איבערגעבליבן בלויז די חסידים, און זייער ענטוזיאזם איז געוואקסן מיט דעם וואקסן פון טאג. זיי האלטן זיך נאך אן איינס אן דאס אנדערע און טאנצן. מיד פאלן זיי פון די פיס, אבער דער טאנץ האלט נאך אין מיטן ברען. מיט די שטעקעלעך אין דער הויך. יעצט איז דער טאנץ מער ערנסט, טיפער, רעליגיעזער. עס איז א רעליגיעזע גאט־דינסט, און דאס געזאנג איז אויך טיפער און פרומער געווארן. א הויכער אויסגעצויגענער חסיד מיט אן אויסגעפייניגט, אויסגעהונגערט פנים — איינגעפאלענע אויגן טיף אין די אייגן־לעכער — זינגט, ווי דאווענדיג פרום, מיט א פארשעמטער, בעטנדיגער שטימע:

„אשריכם, אשריכם, אשריכם, ישראל״.

און די אנדערע שאקלען אים נאך.

אינעווייניג, ביי די קברים, שטייט נאך אלץ ביי ר׳ עקיבאס קבר די יידענע אין ווייסן יום־כיפורדיגן אנגעטון און האלט נאך אין איין האנט איר ליכט, וואס איז שוין אויסגעברענט און די קנויט ברענט שוין אירע פינגער — און דעם „קרבן־מנחה־סידור״ אין דער צווייטער. ביי ר׳ אליעזרס קבר זיצן נאך ארום די שווייגנדיקע קראנקע און ווארטן אויף א נס. נאר ביי ר׳ שמעון בן יוחאיס קבר איז איצט לעער. די חסידים, די קבליסטן און די חכמים זיצן אויף דער ערד, ווער ס׳איז איינגעשלאפן אויף זיין זוהר, און ווער עס ברומט נאך עפעס פאר זיך. נאר צוויי צי דריי שטייען זיי צוקאפנס פון זייער רבינס קבר. רירן אן מיט זייערע שטערנס און הענט די מויער פון קבר און עס דאכט זיך, אז זיי הערן זיך צו צו א שטימע, וואס רעדט צו זיי אין די אויערן פון קבר ארויס...

דערפאר האבן זיך אויבן אויפן דאך, וואו עס ברענען די צוויי איינזאמע שטויסן, פארקליבן לויטער חסידים. קיין טוריסטן, קיין צושויער איז נישטא מער, וואס זאל זיי שטערן אין זייערע רעליגיעזע צערעמאניעס. די פאר טוריסטן, וואס זענען איבערגעבליבן איבער נאכט, זענען ווי די אנדערע אוועקגעפאלן צווישן די פיל שלאפנדיגע אזיאטישע יידישע פאמיליעס, וועלכע

ליגן איצט אויסגעצויגן אויפן דאך. חסידים זענען איצט אַליין מיט זיך, מיט זייער רבין, מיט זייערע פייערן. ווי ווילדע טאַנצן אַ צוויי דריי אַרום די פייערן און ווערן נישט מיד זינגענדיג די באַקאַנטע לידער אויפן לויב פון ר׳ שמעון. האַלב שוין אויסגעטוענע פון דער היץ פון פייער, מיט ווייסע זיכעלעך פאַרבונדענע קעפּ (פון דער היץ, וואָס שלאָגט פון פייער), ווערן זיי אַלץ נישט מיד צו טאַנצן און צו דרייען זיך און צו וואַרפן זיך אין היילגן עקסטאַז אַרום די פייער־שטויסן, דערכאַפּן זיך דאָס האַרץ מיט כוסות משקה, וואָס גייען פון האַנט צו האַנט. טרינקענדיג און טאַנצנדיג, זינגענדיג און פּאַטשנדיג מיט די הענט דרייען זיך אַרום, ווי פאַרכישופטע, אין אַ ראָד אַרום דעם פייער — ביז זיי פאַלן פון מידקייט פון די פיס.

דערנסטמאָל קומען די קראַנקע אין די שלאָפּע און טונקען איין זייערע הענט אין דעם פלאַמענדיגן בוימל, און שמירן מיט דעם זייערע לייבער, זייערע קראַנקע גלידער. ווייבער טונקען־איין טיכלעך אין דעם בוימל און באַהאַלטן זיי פאַר סגולות, אַנדערע שעפּן אָפּ בוימל אין פלעשלעך און כלים אַריין. נאָר די מערסטע שמירן זיך איין מיט דעם בוימל גלייך אויפן אָרט.

און דער טאָג גיסט וואָס אַמאָל מער אַ גרויע שיין איבער דער וועלט און אַנטפּלעקט די שאַנד פון דער נאַכט. איצט, אין דעם גרויען מאָרגן־ליכט, זעט דאָס גאַנץ אַנדערש אויס, ווי אין דער טיפער סודותדיגע נאַכט. איך פאַרליר דעם טעם דערפון, און עס בלייבט נאָר איבער ביי מיר אַ געפיל פון שעמעוודיקייט. איך פאַרשעם זיך פאַר זיך אַליין, און עס ווילט זיך מיר ווי אַמשנעלסטן אַנטלויפן פון דאַנען, אויסצובאָדן מיין לייב און מיין נשמה פון דער סודותדיגע פרעמדע נאַכט.

אַז איך בין אין דעם קאַלטן פרישן מאָרגן צוריקגעפאָרן נאָך חיפה איבער די טוי־באַפּייכטע און פריש־אויפגעוועקטע בערג, האָב איך געהאַט דאָס געפיל, אַז איך האָב פאַרבראַכט די נאַכט ביי אַ ווילדער עבודה־זרה, און וועלכער איך אַליין האָב אויך אָנטייל גענומען...